STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04956

IKH VIL LEBN

I. Agol

Permanent preservation of this book was made possible
by Melvin & Maxine Kutchin
in honor of
our grandchildren, Michael, Adam, Zack, Alex & Julie

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ДН ВУ

י. אגאָל

איכ וויל לעבנ

ייִדיש — א. אבטשוק

מעלוכע־פארלאג פאר די נאציאָנאלע מינדערהײַטנ אינ אוסר״ר
קיִעוו 1936 כארקאָוו

פאראנטוו. רעדאקטער—ל. מ י ש ק אָ ו ־
ס ק י. טעכנ. רעדאקטער—מ. ז א ר ע צ-
ק י. קאָרעקטער — מ. ד ו ב י נ ס ק י.
פאפיר 110×72—$^{1}/_{32}$—50 קג. 8 דרוק־
בויגנס. אינ 1 פאפיר־בויגנ 120 000 צייכנס.
טיראזש 2000 עקז. פארלאג־נומ. є־1.
9-טע רעפובליקאנישע פאָליגראפ. פאבריק
אופקפ״ט. קיִעוו, רויטער פלאצ 2a. באשט.
נומ. 1068. באפולמ. פונ הויפטליט 4763.
אָפגעגעבנ אינ זאצ 21/XII — 1935, אונ־
טערגעשריבנ צומ דרוק 14/III—1936.

ערשט קאפיטל

אונדזער גאס.

מיר וווינען אפ דער שיקערער סלאָבאָדקע.

דאָס איז אזוי ווײַט פון דער שטאָט, אז אויב מ׳זאָל לויפן איבער אונדזער גאס גלײַך פאָרויס, דורכן פולן בריקל איבער דער קאנאווע לעם קיטײַטשיקס גאָרטן און קוטשינסקיס סאָד, לעם די קרומע פארקאנעס, לעם די שטיבלעך, וואָס ליגן, ווי רייען שוואָמען, אפביידע זײַטן גאס, לעם דעם בעסוילעם,—קאָן מען געוויס זייער גיך דערלויפן צו דער זון אליין, וואָס הענגט, ווי א גרויסער אָנגעגליטער לופט־קײַלעך, איבערן סאמע עק גאס, הינטערן ציגל־זאוואָד, וועלכן מע זעט פונדערווײַטנס.

קיטײַטשיק זאָגט, אז די ארבעטער פונעם זאוואָד האָבן איינמאָל פארנאכט אפילע אָפגעטשאטעוועט די זון, וואָס האָט זיך אראָפגעלאָזט פונעם הימל, האָבן זי געכאפט און זי צוגעבונדן מיט א שטריק צום הויכן ציגלדיקן זאוואָד־קוימען. אָבער ווער וועט גלייבן קיטײַטשיקן? די גאנצע גאס ווייסט, אז ער איז א טשודאק און א גרויסער לעצ.

אונדזער גאס רופט מען פאָליצייסקע. עמעצער האָט פון אונדז ביטער געכויזעקט, ווען ער האָט איר אזא נאָמען געגעבן. מ׳קאָן וויפל מ׳וויל שרײַען „קאראול", וויינען, רופן נאָך הילפ,

אָפּגייג מיט בלוט פונ א פינישנ מעסער אינ זײַט, אויסגעטאָנ אונ דערשטיקט ווערנ אינמיטנ העלנ טאָג, — אפ פּאָליציייסקע גאס וועסטו ניט געפינענ קיינ איינ פּאָליציימאנ.

אונדזער גאס איז ניט קיינ געפלאסטערטע: זומער — א שטויביקע, הארבסט — א טיפע בלאָטע, אונ פרילינג — פארטרונקענ פונ דער וואסער, וואָס אינ דער קאנאווע.

אפ פּאָליצייסקע גאס איז ניטאָ קיינ לאמטערנס, אונ אינ די פינצטערע נעכט שטויסנ זיכ אירע איינוווינערס אָנ אינ די פלויטנ אונ אינ די שטיבער, פאלנ ארײַנ אינ דער בלאָטע, צעברעכנ זיכ די פיס אונ די קעפ אונ באצירנ זייערע פיזיאָנאָמיעס מיט אייגענע לאמטערנס.

מיר וווינענ, אייגנטלעכ, ניט אפ דער סלאָבאָדקע זעלבסט, נאָר בא איר אָנהייב. אונדזער גאס פארשטעלט מיט איר טעמפנ ווינקל די סלאָבאָדקע פונ די אויגנ פונ דער וווילײַנגעאָרדנטער שטאָט. אונדזער הויז שטייט פונקט אקעגנ דער סלאָבאָדקע, אונ פונ זײַנע פענצטער קאָנ מענ געניסנ אלע שיינקײַטנ פונ איר פילפארביקנ פּייזאזש.

שאבעס פארנאכט. די מוטער זיצט באמ פענצטער. איכ זיצ אפנ דיל בא אירע פיס. מײַנ קאָפ ליגט אונטערטעניק אונ רויִק אפ אירע קני. זי גריבלט זיכ געשמאק מיט די פינגער אונ מיטנ געדיכטנ קעמל אינ מײַנע האָר.

— פונוואנענ נעמענ זיי זיכ צו דיר אזוינע גרויסע, ווי די פערד? — זאָגט די מוטער אונ צערעכנט זיכ מיטנ נאָגל פונעמ גראָבנ פינגער מיט איר קאָרבנ. — זיי וועלנ גיכ אויספלעכטנ א שטריק אונ וועלנ דיכ אוועקשלעפנ אינ טײַכ ארײַנ...

די מוטער קוקט ארויס דורכנ פענצטער אינגדרויסנ.

דער שוסטער מאקאר, וואָס האָט פארטרונקענ זײַנ גאנצנ פארדינסט פאר דער וואָכ אונ אויכ דעמ גאלעכ אפאנאסיעס בראָמעווע שטיוול, וועלכע ער האָט גענומענ אפ צו פאריכטנ, ליגט אפ דער סלאָבאָדקע באמ פארקנ אונ פרוווט אומזיסט עפעס אָנצוכאפנ

אינ דער לופט. זײַנ האנט הײבט זיך פויל און ניט־זיכער אופ פונ דער ערד און לאָזט זיך הילפלאָז אראָפ. אָבער מאקאר הערט ניט אופ:

— און דאָך... ס'וועט דיר ניט העלפנ... איך וועל כאפנ, — מרוקעט ער און פרווט נאָכאמאָל אופהײבנ די האנט. אָבער עס באקומט זיך בא אים גאָרניט.

דעמלט פרווט מאקאר צונויפשארנ מיט די פינגער א ביסל ערד, אָבער די האנט פאָלגט אים שלעכט, און דער זאמד שיט זיך פונ דער האנט אפ דער צעעפנטער פאָלע פונעם פידזשאק.

— און דאָך... איך וועל כא... כא... פנ... — שטאמלט מאקאר.

ער שטעלט זיך אנידער אפ אלע פיר, אָטעמט שווער, אָבער די הענט און די פיס האלטנ אים ניט, און ער פאלט אפנ בויך, פארוקנדיק הילפלאָז דעמ קאָפ אינ דער ערד. ער באָרבלט זיך און ווערט אנשלאָפנ.

מיטקע דער האָרבאטער גײט צו צו מאקארנ, שטופט אים מיטנ פוס אינ זײַט:

— שטײ אופ, מאקאר...

אָבער מאקאר כראָפעט שוינ.

דעמלט זעצט זיך מיטקע אנידער לעמ מאקארנ אפ דער ערד, באטאפט זײַנע קעשענעס, טוט אים אויס די שטיוול און דעמ פידזשאק, צעשנײַדט אים מיט א מעסערל דאָס פאסיקל אפ די לענדנ און ציט פונ אים פלינק אראָפ די הויזנ. מאקאר וויל זיך איבער־דרײענ און רעדט פונעמ שלאָפ עפעס־וואָס אומפארשטענדלעכס.

מיטקע בארויִקט אים: — שלאָפ, מאקאר... דרײ זיך ניט... סע קאָנ דיר שאטנ... אנגענעמענע כאלוימעס...

און מיטקע גײט מיטנ רויב אוועק צו איציק ראָגינסקי, אינ דעמ זעלבנ שענקל, ווו ס'האָט זיך אָנגעטרונקענ מאקאר.

די מוטער זוכט שוינ מער ניט בא מיר צווישנ די האָר. דאָס קעמל וואלגערט זיך אפנ דיל, און איך זיצ בא איר אפ די קני. איך האָב זיך צוגעטוליעט מיט מײַנ באק צו איר באק, און מיר

שפּירן אײנײנעם נאָך נאָך דעם, וואָס עס טוט זיך אף דער סלאָ־באָדקע.

— מאמע, וואָס טוט ער דאָרט, דער האָרבאַטער? פאַרוואָס טוט ער אויס מאַקאַרן?

— א כוליגאַנישע מאָרדע... א באָסיאַק... אינמיטן העלן טאָג באַראַבעוועט ער א מענטשן... די ערד זאָל אים נעמען, — זאָגט די מוטער.

איציק ראָגינסקיס שענק און „מאַלינע" געפינט זיך איבער א שטוב פון אונדז. פונעם שענק הערט זיך א זידלערײַ, געדיכט, ווי קלייסטער, א שיכּורע ליד און א געבריל. די דאָזיקע קלאַנגען פאַרטויבן די גאַס, זײ ציִען מיט גוואַלד די מענטשן, וואָס זײַנען געוואָרן קנעכט פון אָט דעם ביטערן סאַם, אין ראָגינסקיס הויז. אַהער קומט די סלאָבאָדקע און די גאַס מיט דער האָפענונג צו פאַרלײַכטערן זײער געמיט פון די לעבנס־שווערקײַטן, און אוועקגײן גײט מען פונדאַנען מיט לײַכט־געוואָרענע קעשענעס, מיט א שווערן קאָפּ און אָן א שום האָפענונג. דאָ פאַרקויפן מענטשן פאַר אַלעמען אי"ן די אויגן האַלב־אומזיסט, פאַר א גלעזל בראָנפן געגאַנוועטע זאַכן. און ווען פאַר דעם געבראַכטן גוטס קאָנען זײ ניט באַקומען גענוג פליסיקײַט, קעדײ צו שטילן זײער קרענקלעכן דורשט, פאַרקויפן די דאָזיקע מענטשן זײערע אײגענע שיך, די הויזן און קלײדלעך, טרינקען, בעטן, מ'זאָל זײ געבן נאָך און נאָך, מאַכן סקאַנדאַלן, ביז מ'וואַרפט זײ ענדלעך ניט אַרויס אף דער גאַס, אין וואָס די מוטער האָט זײ געהאַט, אומאָפּהענגיק פון מין און עלטער און וועטער.

קעגנ־איבער אונדזער הויז — אף דער צווייטער זײַט גאַס, אפן ראָג פון דער סלאָבאָדקע געפינט זיך יאַקעוו גאָלאַנדס זײפּ־און ליכט־זאַוואָד, וואָס פאַראַוועדט די גאַנצע גאַס מיט זײַן אומדער־טרעגלעכן רײעך פון נעווײלע און פון דורכגעפוילטן פעטס.

אז א פרישער מענטש גײט זומער דורך דאַנעבן, ווערט ער שיִר ניט דערשטיקט פונעם אווער, און מיר, די אײַנוווינער פון

דער פּאָליצייסקע גאַס, זיצנ בא די אָפענע פענצטער פונ אונדזערע הײַזקעס, טרינקענ טיי, עסנ וואַרמעס, וועטשערע, אונ אָטעמענ דרײַסט ארײַנ דעמ דאָזיקנ פײַנעמ אראָמאַט. אזא מינ שטאַרקע פּאַרטעמפּטקײַט פונ אונדזער רייעכ־געפיל מוז מענ עפשער דערקלערנ דערמיט, וואָס אינ די הײַזער בא אונדז זײַנענ די רייכעס ניט בעסער, ניט גרינגער.

אפנ הויפ פונעמ זאוואָד געפינט זיכ א ברונעמ, דער איינציקער קוואַל פונ וואַסער פאַר אונדזער גאַס. דאָס וואַסער אינעמ ברונעמ איז פונקט אזא פוילס אונ שטינקענדיקס, ווי דאָס פעטס אפנ זאוואָד. בלויז צוויי מאָל אינ יאָר, ערעוו די יאָנטויווים, לאָז איכ זיכ צוזאַמענ מיט מײַנ עלטערער שוועסטער עסטער אינ שטאָט ארײַנ נאָכ וואַסער; מיר זײַנענ באוואָפנט מיט א ראָהאַטש, אפ וועלכנ מיר ברענגענ די קאָסטבאַרע פליסיקײַט אינ די צוויי הילצערנע עמערס, וואָס הענגענ אפ אימ.

אפ אונדזער זײַט גאַס, ניט ווײַט, א שטיבער צענ פונ אונדז, ציט זיכ דער יידישער בייסוילעמ, וואָס איז פאַרוואַקסנ מיט סאָסנעס. מיט איינ זײַט זײַנער שפּאַרט זיכ דער בייסוילעמ אָנ אינ די שטאַרק גרויסע נאָכלעס פונ דעמ ציגל־זאוואָד, וואָס געהער דעמ סויכער פונ דער ערשטער גילדיע יאַקעוו לעשטשינסקי, אונ פונ דער צווייטער זײַט, אפ דער קעגניבערדיקער גאַס, איז ער מיט א הויכנ פּאַרקנ אָפּגעצוימט פונ דעמ באַלעגופ טאַראַס קאָוואַלטשוקס ווייצנ־פעלד. אפנ בייסוילעמ גייענ ארומ ציגנ, אהער לויפנ זומער־צײַט הינט זיכ פּאָרנ... דאָ באַהאַלט זיכ ניט זעלטנ אויס א גאַנעוו פונ זײַנע פאַרפאָלגער, זוכנדיק א זיכער באַהעלטעניש אונטער דער מאַצייווע פונ אנ אָרטיקנ רויטשילד. דאָ שפּילנ מיר, קינדער, אינ באַהעלטעניש, יאָגנ זיכ נאָכ פייגל, שפּירנ אויס נעסטנ, לערנענ זיכ שפּילנ אינ קאָרטנ, שטודירנ דעמ גענייווע־פאַכ אונ די קונסט פונ ליבע. דאָ קלײַב איכ אונ מײַנ עלטערע שוועסטער אינ די יאָנטויווימ אונ אינ די שאַבאָסימ יאַגעדעס. עסטער שרעקט מיכ:

— דאָס איז א וואָלפישע יאַגעדע. עס זי ניט — וועסט זיך אָפּסאַמען... וויַיז נאָר אהער, וויַאזוי זעט זי אויס...

איך גיב דער שוועסטער די געפונענע יאַגעדע. זי דרייט זי לאַנג אין דער האַנט, טראָגט זי אומבאַמערקט צו צו די ליפּן און שלינגט זי אַראָפּ.

איך שריַי:

— ליגנערין... איך וועל דערציילן דער מאַמען...

— וואָס רעדסטו... וואָס רעדסטו, נאַרעלע, ס'איז עמעס: די יאַגעדע איז א וואָלפּישע, א ביטערע, ביטערע, אַזאַ ניט־געשמאַקע. פאַר דיר איז דאָך בעסער, וואָס איך האָב זי אויפגע־געסן. איך האָב פאַר קיין וועלף קיין מורא ניט, און דו האָסט פאַר זיי מורא...

באַם אַריַינגאַנג אפן בייסוילעם שטייט א נידעריטשק היַיזל פון קלעצער.

דאָס איז א בעסמעדרעש. אהער קומען זיך צונויף אום שאַבעס און אין די יאָנטעוו־טעג די איַינוווינער פון אונדזער גאַס מיט איציק ראַגינסקין, קעדיי צו לויבן גאָט פאַר דער שיינער וועלט, וואָס ער האָט באַשאַפן, פאַר די גוטע גענייווישע געשעפטן, וואָס בלויז ער און עפּשער אויך דער פּאָליציי־נאַדזיראַטעל און דער פּריסטאַוו פון אונדזער ראַיאָן ווייסן וועגן זיי.

— שמע יִסראָל... — רײַסט זיך איציק אפן קאָל באַ דער מיזרעך־האַנט מיט הענט, אויפגעהויבענע צום הימל, און ארומגעוויקלטער מיט א וויַיסן טאַלעס מיט שוואַרצע ברייטע פּאַסן.

קעגניבער דעם שולעכל, א ביסל אין א זיַיט, עפּנט זיך אום א ברייטע גאַס — דער אַלטער שליאַך. דאָס צענטראַלע אָרט פאַר־נעמט דאָ דאָס שאַנד־הויז, ווו יעדער סאָלדאַט און בירגער, וואָס נודיעט זיך, קאָן פאַר פּופצן קאָפּיקעס באַקומען א וויַיב אף א צײַט און א קרענק אפן גאַנצן לעבן. אין אונדזער ראַיאָן איז עס דאָס איינציקע הויז, וואָס איז באַלויכטן מיט א לאַמטערן

און וואָס ווערט אָפּגעהיט דורך א פּאָליציימאַן, — אָבער ניט דאָס איינציקע שאַנד־הויז.

צוויי מאָל אין דער וואָך, דינסטיק און פרײַטיק, צוועלף אזייגער באַטאָג ווערן אלע פופציק מוידן פונעם שאַנד־הויז ארויסגעיאָגט פון זייערע צימערלעך און לאָזן זיך מיט די הינטערשטע גאסן, קעדיי ניט צו פארומרייניקן די בליקן פון די בעקאָוועדיקע שטאָט־פּאָטערס, צופוס אין זעמסקע שפּיטאָל אפּ א מעדיצינישער אונטערזוכונג. אונדז, קינדער, באַשעפטיקט זייער דער ארויסגאנג פון אָטאָ די פרויען, וואָס זײַנען צוגעדעקט מיט אזא געדיכטער געהיימניספולער טונקלקײַט, אפּ גאָטס וועלט. מיר לויפן זיי נאָך, רייצן זיך מיט זיי, זידלען זיך מיט די ערגסטע זידלערײַען, איזדעקעווען זיך.

— מיעסע מוידן, ווו זײַנען אײַערע מאנען? — שרײַען מיר און ווארפן אין זיי שטיינער.

— און וויפל מאנען האָסטו הײַנט געהאט, כאנע?

— כײַע די רעבעצן, דו דאוונסט פאר דעם, איידער דו לייגסט זיך שלאָפן מיט א יינגל? וואָס פאר א טפילע זאָגסטו?

די מיידלעך גייען אין ניט קיין גרויסע גרופּע, לייגן ניט קיין אכט אפּ אונדזער איזדעקעווען זיך. נאָר אמאָל טרעפט, אז א נײַ מיידל, וואָס איז ניט לאנג אָנגעקומען אין שאַנד־הויז, האלט ניט אויס, הייבט אופ דאָס קליידל און טוט א געשריי:

— קוש מיר אין הינטן, מיעסקײַט... מיט וועמען איך וועל וועלן, מיט דעם וועל איך שלאָפן... גיי צו אלדע רוכעס...

מיר לאכן, און דער פארשעמטער און צעטומלטער כוליגאַן ווייסט ניט, וויאזוי צו ענטפערן, וואָס צו טון...

די מערהײַט פּראָסטיטוטקעס קענען מיר אין פּאָנעם. באַזונדערס איז באַוווסט ניט בלויז אפּ דער סלאָבאָדקע, נאָר אויך אין דער גאנצער שטאָט כאנע די געלע, כײַע די רעבעצן, די הייליקע מאגדאלענע און ראָזע זשוק. דאָס זײַנען די אמערסטן היציקע מיידלעך, זיי קריכן מער פון אלע זיך שלאָגן. קיין איין סקאנדאל,

קיינ איינ מעסער־געשלעג אינ ראיאָנ פונעמ שאנד־הויז גייט ניט דורכ אָנ זייער אָנטייל.

יעדער פראָסטיטוטקע, וואָס באציט זיכ צו זיכ מיט אכטונג, האָט זיכ אירנ א „כאָסנ״, א קאָטער, אָדער א סופניק, ווי מע רופט אימ אָנ אפנ אלטנ שליאכ, וועלכער עקספּלואטירט געוואלטיק זײַנ קאָרבנ, באנעמט אימ ביז צו דער לעצטער קאָפּיקע, ביז צומ לעצטנ פעדעמל. א קאָטער, וואָס שלאָגט ניט זײַנ געליבטע, האלט מענ פאר א שלעכטנ קאָטער, פאר א „שטרויענעמ קאפּעליוש״, אונ די פּראָסטיטוטקע פארבײַט אימ אפ אנ אנדערנ, א מער גרויזאמענ געליבטנ. ניט וויסנדיק, וואָס איז ליבע, שפּילנ די פּראָסטיטוטקעס אינ ליבע אונ אומבאדינגט מיט ליידנ אונ מיט ווייטעק.

סופּניקעס איז אפ אונדזער גאס פאראנ ניט ווייניק. זיי טראָגנ די היטלענ אָנ א זײַט. פונ אונטער דעמ לאקירטנ דאשעק סטארטשעט ארויס א צעפּאטלטע טשופּרינע. אונטערנ פּידזשאק — א ציצנ העמדל מיט א ברייטנ גומענעמ פּאסיק. אפ די פּיס — שטיוול, ווי א האַרמאָניק, אינ ברייטע הויזנ, אראָפּגעלאָזטע איבער די כאָליעוועס, ווי בא די ציגײַנער. זיי זײַנענ שטענדיק שיקער אונ האָבנ קימאט שטענדיק געלט. זיי האָבנ א שלעכטנ שעמ, אונ קיינער האָט זיי דאָ ניט ליב. אָבער דאָס שטערט ניט, אז אסאכ זאָלנ זיי מעקאנע זײַנ אונ זאָלנ טרוימענ וועגנ א קאריער פונ א סופּניק.

לעמ סאמע בײַסוילעמ שפּארט זיכ אינ אונדזער גאס אָנ דאָס קארוסעל־געסל. די אײַנוווינער רופנ עס פּאָשעט אָנ „גאנאָווימ־גאס״: דאָ וווינענ גאנאָווימ פונ די פארשיידנארטיקסטע ספּעציאַליטעטנ: קעשענע־גאנאָווימ, פערד־גאנאָווימ, אָנוויזערס אונ אנדערע. יעדער הויז, יעדער הויפ אונ פּוסטער פּלאצ איז א מינ אייגנארטיקע שול, ווו דערפארענע ספּעציאַליסטנ לערנענ פאר אלעמענ אינ די אויגנ די יוגנט אונ זייער אָפּט אפילע די קינדער די קונסט פונ זייער געניטווישער ספּעציאַליטעט.

— פונ דיר וועט זײַנ אזא מארעוויכער, ווי פונ מיר אנ אָקאָלאָדאָטשניק,—לערנט אווראָם בײַטש זײַנ ברודער מאָטלענ. — קריכ ניט מיט אלע פינפ אונ ניט, ווי קײנ בער. שנײַד דינ מיט צוויי פינגער... זע, וויִאזוי מ׳דארפ טונ... אָט אזוי... נאָכ־אמאָל... ס׳איז דיר ניט קײנ שפאס, ס׳איז געשעפט...

די לערע איז אנ ערנסטע, ניט קײנ לײַכטע. בלויז נאָכ לאנגע אונ דערפאָלגרײַכע איבונגענ ווערנ די שילער דערלאָזט צוערשט ווי צושויער אונ מיטהעלפערס, ווי די, וואָס „רײַבנ זיכ״ ארומ א העכט, דערנאָכ שוינ ווערנ זיי געשיקט אפ זעלבשטענדיקער „ארבעט״.

דעמ געניייווישנ זשארגאָנ זאפנ מיר אײַנ מיט דער מאמעס מילכ: ער איז די מוטער־שפראכ פונ אונדזער גאס. די געניי־ווישע עטיק איז פאר אונדז א נאטירלעכער געזעצ: די גאס יאָגט מיט פאראכטונג ארויס פונ אירע גרענעצנ פארעטער. „שטארב, נאָר גיב קײנעמ ניט ארויס די פאראָנעס״ — אָט דאָס איז דער הייליקסטער געבאָט אפ די ניט־געשריבענע לוכעס פונ אונדזער גאס.

איבער א הויפ פונ אונדזער הויז געפינט זיכ ניט קײנ גרויסער פרוכטנ־גאָרטנ. ער געהער צו אלטער אײַזנשטאט, אנ אלטנ ארבעטער פונעמ זייפ־ אונ ליכט־זאוואָד. דאָ אינ סאָד פארברענגענ מיר ניט איינ טאָג אונ ניט איינ נאכט מיט שאָלעמענ, אלטערס יונגערנ זונ. באזונדערס ציט אונדז אינ סאָד ארײַנ סאָפ זומער אונ אָנהייב הארבסט. דאָס קריכנ אפ די עלאסטישע צווײַגנ, די פרישע אונ שמעקעדיקע אנטאָנאָוועקעס, דער סמאָלע־אראָמאט פונ די עפלביימער, די אומגעוויינלעכע פרישקײַט פונ דער לופט פארשיקערנ אונדז, שטעקנ אונדז אָנ מיט אנ אומגעצוימטנ געלעכטער אָנ א שומ סיבע, אונ מיר לאכנ ביז טרערנ, ביז ס׳איז פאראנ קויעכ.

ניט זעלטנ ווערט מײַנ פרייד באטריבט דורכ א גרויסנ אומגליק: דאָס ניט־געהאָרכזאמע שטיפערישע צווײַגל פארטשעפעט

זיך אין מײַן אײנציק אלט אָנטון און צערײַסט עס. אין אײן אויגנבליק פארשווינדט מײַן געלעכטער, דאָס הארץ קוועטשט זיך צונויף פאר ווייטעק און ניט אזוי צוליבן צעריסענעם אָנטון, ווי אויס שרעק זיך אומצוקערן אהיים, ווו עס ווארטן אף מיר קלעפּ מיטן ראָהאטש אָדער מיט דער קאָטשערע איבערן רוקן, איבער די זײַטן, וועלכע עס וועט מיר געבן מײַן גוטע, אָבער נערוועזע און היציקע מומער.

אסאך נעכט האָבן מיר פארבראכט אין דער וואך־בודקע אין סאָד, פּלייצע צו פּלייצע מיט שאָלעמען, אײַנגעוויקלט אין דער צעריסענער וואטענער קאָלדרע און אין פארשיידענע שמאטעס. די לעוואָנע באלויכט דורך די לעכעריקע שפּיצן פון די עפּל־ און בארנביימער מיט אירע גרינבלעך־זילבערנע בליקן דאָס בלאסע פּאָנעם און די באגײַסטערטע אויגן שאָלעמס, וועלכער טרוימט אינדערהייך וועגן ווײַטע רײַזעס קיין אפריקע אָדער אמעריקע. ער דערציילט מיר וועגן פּיגמייען, ריזן, דראקאָנען און הידרעס, וועגן קישעפ־מאכערס, מעכאשייפעס, וועגן די מענטשן פון באָוול, וועגן די העלדן פונעם אורא־לטן מיצראַים, גריכנלאנד, רוים און יעהודע. ער גלייבט ניט אין גאָט און כאזוערט אונדז אָפּטמאָל איבער: „עס איז ניט פאראנ קיין גאָט, עס זײַנען פאראנען בלויז זיך דרייענדיקע פּלאנעטעס”. שאָלעם איז א גוטער דערציילער, ער ווייסט אסאך פּאסירונגען און מײַסעס. פונוואנען ער שעפּט זיי — צי פון זײַן אייגענער פאנטאזיע, צי פון אנדערע קוואלן, — ווייס איך ניט. ער האָט ליב צו לייענען און לייענט אלץ, וואָס ס׳קומט אים אין די הענט ארײַן.

אף דער צווייטער זײַט גאס קעגן דעם זייף־ און ליכט־זאוואָד שטייט דעם שוסטער באָרעך קיטײַטשיקס הילצערן, צו דער ערד אײַנגעבויגן שטיבעלע, וואָס עפנט אויף דעם ארײַנגאנג אף דער סלאָבאָדקע. דאָס גאנצע שטיבל באשטייט פון איין האלבטונקל קעמערל, וואָס די סטעליע זײַנע ליגט קימאט אפן דיל און וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אי א שוסטער־ווארשטאט, אי א וווינונג

פאר רעב באָרעכנ, פאר זײַנ װײַב כײַע, פאר זײַנע פינפ קינדער, פאר א צענדליק הינער, עטלעכע קאטשקעס אונ גענדז, װעלכע געפינענ זיכ אינ דער הינער־שטײַג, װאָס איז געמאכט טאקע דאָ אונטערנ אויװנ. אינ שטוב איז ניטאָ מיט װאָס צו אָטעמענ: דאָס שטינקענ פונ די זאװאָד־נעװײלעס אונ פונעמ פוילנדיקנ פעטס װערט נאָכ דאָ פארגרעסערט דורכנ אװער פונעמ לעדער אונ דער פרישער פאָדעשװע, דורכ די אויסדאמפונגענ אונ דער שלעכטער לופט פונ די אײַנװױנער אונ פונ דעמ אלטנ אונ פרישנ פאָמיאָט פונ די הינער. דאָ ארבעטנ, עסנ, טרינקענ, שלאָפנ די גרויסע אונ קלײנע קיטײַטשיקלעכ, דאָ דרײענ זיכ אויכ פרײדלעכ ארומ די הינער, פלאָנטערנ זיכ פאר די פיס, קלאפנ זיכ אלײנ מיט די פליגל, קװאָקענ, פליִענ אינ דער לופט, גײענ אונטער זיכ.

דאָכ האָבנ מיר, קינדער, ליב צו פארברענגענ די צײַט בא קיטײַטשיקנ. בא אימ איז די פרײלעכסטע שטוב אפ אונדזער גאס. איכ קענ ניט קײנ מער לעבנלוסטיקנ, קײנ פרײלעכערנ מענטשנ, װי רעב באָרעכ. ער איז א גיכער, א רירעװדיקער, א פלינקער, ער גײט קײנמאָל ניט, נאָר ער לויפט, שמײכלט שטענדיק, א פרײדיקער, א שפילעװדיקער.

אָט לויפט ער, דער דאָזיקער לעבעדיקער, זיכ ערגעצ־װוהינ אײַלנדיקער מאָגערער מענטש מיטנ שארפנ האָזנ־געזיכט, מיט די גרויסע ליכטיקע אויגנ, װאָס לויפנ אינ אלע זײַטנ, מיטנ גרוילעכנ ציגענעמ בלאָנדנ בערדל, מיטנ פארסמאלצעװעטנ לוסטרינענעמ היטל, פונ הינטער װעלכנ עס זעט זיכ ארויס א שמוציקע יארמעלקע, אינ א שטארק אָפגעטראָגענעמ סערדעט פונ געװוכעדנעצערס צײַטנ, אינ צעריסענע שיכ, מיט א פארסמאלצעװעטנ, פארפעצטנ, שמוציקנ שטעקנ אינ האנט.

— װוהינ לויפסטו, קיטײַטשיק?

— א געשעפטל, טײַערינקער, כ'האָב א געשעפטל...

— װאָס פאר א געשעפטנ האָסטו, רעב באָרעכ?

— אָ־אָ, נאָכ אמינע געשעפטן... מ'זאָגט, אפן מארק גיט דער אָקאָלאָדאָטשניק ביליק קלעפּ... מ'דארפ גיכער בא אים באקומען, אניט וועל איך נאָך, באהיטע גאָט, פארשפּעטיקן, און עס וועט גאָרניט בלײַבן...

אָדער אָט זיצט ער, אן אײַנגעהויקערטער, אפ זײַן נידעריקן בענקל, אפ דער נאָז — די שמוציקע ברילן, וואָס זײַנען מיט א דראטווע איבערגעבונדן איבער דעם קאָפּ; ער זיצט בא זײַן אַר־בעט־טישל, וואָס איז פארוואלגערט מיט העמערלעך, צוואנגען, אָלן, מיט קנוילעכלעך פּאָדעם און דראטווע, מיט אלטע שיך, מיט שטיקלעך גלאָז, לעדער און פּאָדעשווע, און קלאפּט, קלאפּט מיטן העמערל אין דער פּאָדעשווע, קלאפּט אויס מאָדנע מעלאָדיעס און זינגט אונטער דער נאָז זיי צום טאקט אן אייגנארטיקן ניגן אָן ווערטער.

אונדז, קינדער, האָט ער ליב, רעב באָרעכ. אין פרײַער צײַט האָט ער ליב זיך מיט אונדז צו שפּילן, צו שפּאסן, זיך צו רייצן. אָט דערזעט ער דיך פונווײַטנס, ער גאנוועט זיך אומבאמערקט אונטער פונהינטן, אפ די שפּיץ־פינגער, שטיל־שטיל, שטעלט זיך אוועק מיט איין פוס אפ א קני, דעם צווייטן ציט ער אויס צוריק, פארמאכט דיר גיך די אויגן מיט זײַנע טרוקענע פארהארטעוועטע דלאָניעס, שווײַגט אוןווארט.

— כאיִמ... שאָלעמ... רוווּנ... — פרוווסטו טרעפן דעם נאָמען פון דעם, וואָס האָט דיר פארמאכט די אויגן, פארוואָרפסט די הענט אפצוריק, טאפּסט אָן א סערדעט מיט לאנגע פּאָלעס און שטויסט זיך גלײַך אָן:

— אהא, רעב באָרעכ... קיטײַ־וואלײַ.

באָרעכ לאכט, נעמט צו די האנט פון דײַנע אויגן, ער טוט דיך א צי בא אן אויער און זאָגט צוגעלאָזט:

— וויִאזוי האָסטו געוווּסט, אז ס'איז איך? נו, ביסט שוין איינמאָל א קלוג ייִנגל...

ס'איז דיר פריילעך. דו לאכסט אויך. דער אויער טוט ניט וויי, פארקערט, עס איז אנגענעם און זיס.

באָרעכ האָט דרײַ זין און צוויי טעכטער. אַלע דרײַ זין זײַנען שוסטער, אָבער אײנצײַטיק אויכ מוזיקאַנטן. צוויי שפּילן אַפּ פּידלען, אײנער אַפּ א קלאַרנעט, און סלאַווע, קיטײַטשיקס יונגע טאָכטער, אַקאָמפּאַנירט זיי קונציק אַפּ א בובנע.

ס'אַרא קלאַנגען און טרעלן עס צעגיסן זיכ איבער קיטײַטשיקס קעמערל אײנאָוונט נאָכ דער אַרבעט! ס'אַרא טענץ עס גייען דאָרט! די צונויפגערוקטע ווענט און די סטעליע, וואָס איז צוגעקוועטשט צום דיל, האַלטן ניט אויס, זיי גייען זיכ פּאַנאַנדער, און אין שטיבל ווערט גראַם, פרײַ, ליכטיק. מיכאָעל פּינכאַסיק טאַנצט א קאַמאַרינסקע אָדער א כסידיש, און מיר, קינדער, פאַרשיקערטע פון די קלאַנגען און פונעם טאַנצן, רינגלען אַרום דעם שײַנענדיקן, פרײדיקן באָרעכ, וואָס זיצט אין דער פאַרשמאָלצעוועטער יאַרמעלקע שטאָלצ אַפּ זײַן נידעריטשק שוסטער־בענקעלע, ווי שלוימע האַמעלעכ אַפּ זײַן טראָן, און מיר זאַפּן אין זיכ אײַן צוזאַמען מיט דעם שטיקנדיקן אָווער די קלאַנגען פון די פּידלען, פונעם קלאַרנעט און די אומגעהײַער גרויסע פרייד פונעם לעבן.

איכ וואָלט פונדאַנען א גאַנצע נאַכט ניט אַוועקגעגאַנגען. אָבער אַרום צען אַזייגער אײנאָוונט הייבט זיכ רעב באָרעכ אויפּ פונעם בענקעלע, באַטראַכט אונדז אַלע מיט זײַן שאַרפן בליק און זאָגט:

— נו, גענוג, כעווריע, צײַט צו גיין שלאָפן...

— באַלד, באַלד, רעב באָרעכ, נאָכ אײן מינוטקעלע...

אַמאָל מאַכט זיכ, שפּעט באַנאַכט לויפט אַהער אַפּ א מינוט אַרײַן מײַן מוטער, א שטאַרק מידע פון דער שווערער אומופהערלעכער אַרבעט אין מעשעכ פון א גאַנצן טאָג. זי כאַפּט א שמועס מיט דער גוטמוטיקער כײַע, דער באַלעבאָסטע פונעם הויז, וועגן דעם, ווי דאָס לעבן איז טײַער, וועגן עפּעס אַן אָרטיקע רעכילעס, וועגן וועש־וואַשן, וועגן דעם, וואָס פאַר א ברויט זי האָט הײַנט געבאַקן, וואָס פאַר א וואַרמעס זי וועט קאָכן מאָרגן. דערנאָכ

נעמט זי מיך פאַר דער האַנט, טוט מיר א שלעפּ צו זיך און זאָגט גיך:

— קום אהיים, ס'איז שפּעט. רעב באָרעך וויל שלאָפן... א גוטע נאַכט.

הינטער רעב באָרעכס הויז ציט זיך א לאַנגער שמאָלער גאָרטן און א סאָד. ווי זאָרגעוודיק קוקט ער נאָך נאָך זײַנע בייטלעך, קושטשעס און ביימער! ווי ער היט זיי פון טריקעניש, פון הינער און פון ציגן! דערפאַר — ס'א גוטע אוגערקעס, קרויט, מערן, קירבעס, קוקורוזע, רויזן און קאַרטאָפל ס'וואַקסן בא קיטײַטשיקן אין גאָרטן! ס'אַרא וונדערלעכע אַגרעסן, ווײַמפּערלעך, מאַלענעס און אַפילע ווײַנטרויבן! ס'אַרא גאַזאָנעס פון פאַרשיידנאַרטיקע בלומען! מיט וואָס פאַר א פרייד באַפּוצט באָרעך אום האַרבסט זײַן דאַך מיט רייען גרינע און געלע קירבעסן!

באַזונדערס אַסאַך קלאָפּאָט און אומאַנגענעמלעכקײַטן פאַר־שאַפט קיטײַטשיקן כאַנע דעם באַשלייגערס שקאָצעוואַטע ציג, וועלכע רעכנט זיך ניט מיטן נידעריקן פּלויט, וואָס איז אַרום דעם גאָרטן, קריכט כוצפּעדיק אַף די בייטן, צעטרעט זיי און הריזעט דאָס גרינס און די קושטשעס.

באָרעך האַלט אײַנגעשפּאַרט מילכאָמע מיט דער ציג. ער קלאַפּט איר מיט א לאַזע אָפּ די זײַטן און די פיס, יאָגט זיך נאָך איבער דער גאַס, באַוואַרפט זי מיט שטיינער און מיט שטיקלעך ציגל, אָבער ער קאָן ניט אײַנברעכן איר אײַנגעשפּאַרטקײַט. דעמלט ווענדעט ער זיך צו איר און צו איר באַלעבאָס מיט רייד, צום אָנהייב מיט גוטן און דערנאָך מיט בייזן, ער דראָט מיטן געריכט און מיט צערעכענען זיך, קלאָגט זיך פאַר די שכיינים, אָבער די ציג פאָלגט קיינעם נישט, ווײַל זי האָט, פּונקט ווי מיר, א מאָגן, וואָס פאָדערט שפּײַז, און וויל זיך ניט רעכענען מיט דעם, אז כאַנע דער באַשלייגער האָט ניט קיין עסן ניט בלויז פאַר דער ציג, נאָר אויך פאַר זיך אַליין, פאַר זײַן ווײַב און קינדער. און באָרעך פירט אַן אומופהערלעכן קאַמף מיטן באַשלייגערס ציג,

שעלטנדיק זי, אירע עלטערן, אירע זיידעס און עלטער־זיידעס.

— א פארשאָלטענע ציג... זיך געמאכט א שיינע מאָדע: צע־הריזעט דאָס גאנצע קרויט... מאקעס זאָלן זיך איר זעצן אפ די זײַטן. א רועך אין איר טאטן, זיידן און עלטער־זיידן...

באַם סאמע ריוו, אויב מ׳זאָל אריבערגיין דורכן בריקל צום בייסוילעם, ווינט ציפע־דווירע די אלמאָנע — איר מאן, מענאכעם־מענדל דער וואסערטרעגער, איז מיט פינף יאָר צוריק געשטאָרבן אין בעסמעדרעש בייס דעם פרימאָרגנדיקן דאווי־נען, איבערלאָזנדיק זײַן פרוי בעיערושע פינף קינדער און הוילע, פײַכטע ווענט. ציפע־דווירע האָט קיין אנדער ברירע ניט געהאט, ווי אופצועפענען א קלייטל. אָבער קעדיי אופצועפענען א קלייטל, איז אפילע אן אלמאָנע, וואָס האָט פינף קינדער, נייטיק געלט. און קיין געלט האָט ציפע־דווירע ניט געהאט, ניט בלויז אף קיין סכוירע, נאָר אפילע אף צו באגראָבן דעם מאן. די בעוורע־קאדישע האָט צוגענומען דעם מעס און אים באגראָבן אף איר אייגענעם כעזשבן אין סאמע העק פונעם בייסוילעם, אָבער די לעבעדיקע אלמאָנע און די לעבעדיקע קינדער האָט קיינער אין ערגעץ ניט געוואָלט נעמען. דעמלט האָט מײַן מוטער אָנגעטאָן דאָס שאבעסדיקע קלייד און דאָס שווארצע טיכל און איז אוועק־געגאנגען צו כײַע קיטײַטשיק.

— וואָס זאָגט איר, כײַע? ס׳איז דאָך פאָשעט שרעקלעך... מ׳דארף עפעס טון... מ׳טאָר דאָך ניט לאָזן א מענטשן פאלן, — זאָגט די מוטער.

— מע דארף דען דאָ אסאך ריידן, ראָסי? מ׳דארף עפעס טון, — ענטפערט כײַע.

און ביידע פרויען גייען ארום איבער די הײַזער מיט א טיכל אין האנט און נעמען צונויף געלט, פראָדוקטן און אלט אָנטון פאר ציפע־דווירען און פאר אירע יעסוימים.

זיי האָבן צונויפגענומען א סאָלידע סומע — ארום־און־ארום

א רובל מיט אכט און זעכציק קאָפּיקעס, אכוץ שמאטקעס, ברויט, גרויפּן. פארן מעזומענעם געלט האָט ציפּע־דווירע אופּגעעפנט א באקאליי־קלייטל.

דער האנדל גייט בא ציפּע־דווירען שלעכט. עס איז ניט פאַראן קיין סכוירע, עס איז ניטאָ קיין געלט, דערפאר אָבער צאָרעס און נויט האָט זי אסאך. און ציפּע־דווירע לויפט ארום פון אינדערפרי ביז אין דער טיפער נאכט און קאָן ניִשט זיכערן פאר אירע קינדער קיין שטיקל ברויט.

— ווי גייען איַערע געשעפטן, ציפּע־דווירע? וויִאזוי גייט דער האנדל?

— מיַינע געשעפטן, — ענטפערט זי, — א פיַיער זאָל אפ זיי קומען. רויטשילדן ווינטש איך אזוינע געשעפטן... נעכטן האָט זיך בא מיַין כיַיעלע פלוצעם געלאָזט בלוט פונעם האלדז. מ'האָט זי צוגענומען אין שפּיטאָל אריַין. דער דאָקטער פיַיערטאָג זאָגט, דאָס מיידל האָט די סוכאָטע און היץ אין דער רעכטער זיַיט... פונוואנען, פרעג איך איַיך, נעמט זיך צום מיידל היץ אין זיַיט?.. יידישע גליקן! אויב אַן אָרעמער אלמאָנע גייט, גייט עס איר פון אלע זיַיטן: דער מאן גייט אוועק אין קייווער אריַין, דער הונגער גייט צו דיר אין שטוב אריַין, די סוכאָטע גייט צו דיַין טאָכטער, א מיליאָן אומגליקן גייט צו דיר... גוטע געשעפטן, זאָג איך איַיך. אפ אונדזערע סאָנים אזוינע געשעפטן...

ציפּע־דווירעס עלטערער זון איז א מאָדנע יינגל. ער רעדט אָפּט מיט זיך אליין, ער לאכט אָן א שום סיבע, מאכט גרימאסעס. נאָר מאלע וואָס פאר א שטיק בא א יידיש יינגל טרעפן זיך! מיט דער ציַיט וועט דאָס קינד, מיט גאָטס הילף, ווערן געשטעלטער און וועט איועקוואַרפן זיַינע געוויינהיַיטן.

ער איז שוין אלט זעכצן יאָר, ער הייסט פיַיוויש. ער ארבעט אלס א שווארצארבעטער אפ לעשטשינסקיס זאוואָד. וואָס דען זאָל טון א וואסערפירערס א זון פון פאָליצייסקע גאס? זיַין א שוסטער אָדער א טעסלער? און ווער זאָגט, אז דאָס איז בעסער?

דו וועסט צוואנציק מאָל שטארבן פאר הונגער, איידער דו וועסט זיך אויסלערנען אָטאָ די מעלאָכעס.

און פּיִוויש שטייט אפן זאוואָד־הויף אפן דנאָ פון א שטארק־גרויסער און טיפער גרוב. פונויבן זעט מען אים נישט. אין די הענט האלט ער א לאָפּעטע, וועלכע ער שטופט אלע מאָל אריַין מיטן פוס אין דעם קוואקנדיקן דנאָ. די לאָפּעטע גראָבט אויס פון דער ערד גרויסע שטיקער ליים רויטע, ווי קופּער. מיט א היקע טיילט פּיִוויש אָפּ די שווערע אָנגעלאָדענע לאָפּעטע פון דער ערד און ווארפט די ליים אין א טאטשקע, וואָס שטייט לעם אים אפ א שמאָלער ברעט. אמאָל שטעלט זיך פּיִוויש פלוצעם אָפּ. אפ זיַין פּאָנעם ווערט פארגליווערט א מין שטיינערנער שמייכל, ביז דער גראָבער געשריי פונעם דעסיאטניק אָדער א שארפער זעץ אין רוקן פירט אים ניט ארויס פון דער פארטראכטקיַיט און צווינגט אים נאָכאמאָל זיך צו נעמען פאר דער ארבעט.

אין דער גרוב איז שוין לאנג פינצטער. פאר פּיִווישן פארענ־דיקט די זון איר ארבעטס־טאָג אסאך פריִער, ווי פאר דער איבע־ריקער וועלט, אָבער פּיִוויש קאָן נישט ווארפן זיַין ארבעט אין דער גרוב. די זון איז פאר אים ניט קיין אָנוויַיזונג, ער מוז ווארטן אפן פיַיפ פונעם זאוואָד. און קיין פיַיפ הערט מען נאָך ניט, אויבן איז נאָך טאָג, און פּיִוויש גראָבט וויַיטער די ליים.

ענדלעך, טוט א שארפער קלאנג א ריס די אויערן. דער דע־סיאטניק צייכנט עפּעס אפ־א ביכעלע, ער גיט אָפּ די לעצטע פאר־אָרדענונגען און גייט אוועק. פּיִוויש גליַיכט זיך אויס דעם רוקן, ער לייגט אוועק די לאָפּעטע אפ דער פלייצע און גייט אהיים. אים אקעגן שווימט ארויס פון דער קאָנטאָר דער עלטסטער מיַיס־טער פונעם זאוואָד, יאנקל שטיין.

אמאָל האָט יאנקל גאנצע פינף יאָר געהאט געזוכט גליק אפ פארשיידענע זאוואָדן און גאסן פון לאָנדאָן, אָבער דאָס מאָל האָט זיך אקשאָנעסדיק אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן, און ער איז געווען געצוווּנגען זיך אומצוקערן אהיים און אָנקומען

ארבעטנ אפ לעשטשינסקיס זאוואָד. לאָנדאָנ האָט אפ יאנקלענ געלאָזט אנ אומפארגעסלעכנ שפור. יאנקל גאָלט ניט בלויז די באָרד, נאָר אויכ די וואָנסנ, ער באצירט זייַנ רעכט אויג מיט א מאָנאָקל, ער שיט היפש מיט זאפטיקע ענגלישע זידלערייַענ און צווינגט די ארבעטער, זיי זאָלנ אים רופנ דזשעק סטאָונ.

— וויפל מאָל האָב איכ דיר, גראָבער יונג, געזאָגט, אז איכ בינ ניט יאנקל און ניט שטיינ, נאָר דזשעק סטאָונ... ניט אומזיסט האָב איכ געוווינט אינ לאָנדאָנ גאנצע פינפ יאָר... פארגעדענק עס, אניט וועל איכ דיר...

און די ארבעטער רופנ אים דזשעק סטאָונ.

פייַוויש טראכט וועגנ עפּעס, רעדט מיט זיכ אליינ, באמערקט ניט דעם מייַסטער און פארטשעפּעט אים מיט דער שמוציקער לאָפּעטע. יאנקל ציטערט נערוועז אופ. פונ זייַנ אויג שפּרינגט ארויס דער מאָנאָקל, די פינגער קוועטשנ זיכ צונויפ אינ א פויסט.

— ס׳ארא כאמסטווע! ווו זייַנענ דייַנע אויגנ? סאנ־אור־ע־ביטש? — שרייַט יאנקל און, פארמעסטנדיק זיכ, דערלאנגט ער פּעסט פּייַווישנ אינ האלדז־און־נאקנ.

פייַוויש פארענטפערט זיכ, אָבער מיט וואָס קאָנ ער איבערצייַגנ דזשעק סטאָוענענ?

פייַוויש קומט אהיימ, פארקלייַבט זיכ אפנ אויוונ און ליגט דאָרט גאנצע דרייַ טעג, ניט ארויסקריכנדיק פונ דאָרט. ציפּע־דווירע קאָנ זיכ פונ אים ניט דערשלאָגנ קיינ וואָרט. פייַוויש שווייַגט אייַנגעשפּארט, ווי ער וואָלט אינגאנצנ פארלוירנ דאָס לאָשנ, ער עסט גאָרניט, ער טרינקט ניט.

אפנ פערטנ טאָג איז ער פּלוצעמ אראָפּגעשפּרונגענ פונעמ אויוונ, איז ווילד צוגעשפּרונגענ צו דער מוטער און האָט זיכ צעשריגנ אפ א קאָל:

— ווארפט אוועק אייַערע נארישע קונצנ, ציפּע־דווירע... איכ פּאָדער דעמ עמעס... גענוג אָפּצונארנ... איר האָט מיכ געהאט פונעמ פארשטאָרבענעמ וואסערפירער, איכ ווייס עס, אָבער דאָס

גיט אײַך ניט קײן שום רעכט זיך צו האַלטן פאַר מײַן מוטער... מײַנע עלטערן זײַנען ענגלענדער, זיי האָבן נאַרוואָס מיט מיר געדעדט פון ענגלאַנד... איך בין אַן עכטער ענגלענדער... דזשעק סטאָון ווייסט עס שוין פונלאַנג, ער מאַכט זיך טאַמעוואַטע...

— וואָס איז מיט דיר, פּיִוויש? — ציטערט פאַר שרעק ציפּע־דווירע,—דו רעדסט פון היץ, זון מײַנער. דו האָסט, מיסטאַמע, היץ.

— רעדסט פון היץ, זאָגט איר... עס וועט מער ניט גיין, ציפּע־דווירע, געווּג ליגנס... איך בין אַן ענגלענדער... אָך, וועל איך אײַך שלאָגן איבערן האַלדז־און־נאַקן... ניט אַזוי, ווי דזשעק סטאָון...

— פּיִוויש, קום צו זיך, וואָס איז מיט דיר געשען?

— געווּג ליגנס... געווּג, זאָג איך אײַך, איך ווייס אַלץ,— שרײַט דער אופגערעגטער פּיִוויש און לויפט אוועק פונדערהיים.

ער האָט ערגעצוווּ געקראָגן אַ שטיקל גלאָז, צו דעם צוגע־בונדן אַ פאַרסמאָלצעוועטן שפּאַגאַט, האָט קונציק אַרײַנגעשטעלט דאָס גלעזל אַפן אָרט פון אַ מאָנאָקל אין דער רעכטער אויגן־לאָך, האָט שטאָלץ אופגעהויבן דעם קאָפּ צום הימל און האָט אײַנ־גאַנצן אופגעהערט צו ריידן ניט בלויז מיט דער מוטער, וואָס איז געווען דערשלאָגן פונעם פּלוצעמדיקן אומגליק, נאָר אויך מיט אַלע אַרום. פון דאַן אָן האָט אים די גאַס אַ נאָמען געגעבן „באַראָן“:

— פּיִוויש באַראָן... דער מעשוגענער פּיִוויש...

קײן שום שפּיצלעך אונדזערע, קײן שום סטוסאַקעס און איז־דעקעוועס זיך קאָנען ניט צווינגען פּיִווישן אַראָפּצולאָזן דעם קאָפּ, וואָס איז פאַרהויבן צום הימל, אָדער באַשענקען די נישטיקע און פאַראַכטעטע וועלט מיט אײן וואָרט כאָטש — דער נײַ־געבאַקענער שטאָלצער זון פון אַלביאָן פון דער פּאָליצייסקער גאַס קאָן זיך ניט דערלויבן אַראָפּצונידערן צו די פּלעבייער פון דער שיקערער סלאָבאָדקע.

— באַראָן, לאָז אַראָפּ דעם פּאַסאָן,— שרײַען מיר און וואַרפן אין אים זאַמד און אַלערליי פּאַסקודסטווע.

פּײַוויש גיט זיך ניט אונטער און קוקט שטאָלץ אַפן הימל.

— לאָזט אים אָפּ, שאַרלאַטאַנעס, וואָס האָט איר זיך צו אים צוגעטשעפּעט? — שטעלט זיך פאַר אים אײַן מײַן מוטער.

אַפּ אַ צײַט לאָזן מיר פּײַווישן צורו, און ער גייט זיך ווײַטער אַ רויִקער, מיט אַן אופגעהויבענעם קאָפּ זײַן וועג איבער דער גאַס.

— אַך, ס'איז אַן אומגליק! — זיפצט מיט מיטגעפיל מײַן מוטער, נאָכשפּירנדיק נאָך פּײַווישן, וואָס שפּאַנט פּײַערלעך מיטן גלעזל אין אויג.

— די האַשטאָנע האָט אים, ווײַזט אויס, אַ זעץ געטאָן אין די געהירן, — זאָגט מענדל קאַטערינשטשיק פונעם קאַרוסעל־געסל.

— גאָר האַשטאָנע אין די געהירן פעלט אים. ס'איז אַן אומגליק! — ענטפערט מײַן מוטער.

— פונוואַנען, פרעג איך אײַך, ראָסי, נעמט זיך צום וואַסערפירערס זון אַזאַ מעשוגאַס? — פאַרשטייט ניט כײַע קיטײַטשיק.

— איך ווייס? פרעגט מיך עפּעס גרינגערס...

איבער אַ הויף פון ציפּע־דווירען, בײַ איטע דער בייגלמאַכערן, וווינט מיט זײַן אַלטער מוטער דער פּאָעט נויעך גורעוויטש. יעדער ייִדיש שטעטל פונעם טכום שעמט מיט זײַן מעשוגענעם און מיט זײַן דיכטער. מיר האָבן אַ פּײַוויש באַראָן, פאַרוואָסזשע זאָלן מיר ניט האָבן אויך קיין אייגענעם פּאָעט? האָט אונדז גאָט געגעבן אַ נויעך גורעוויטש. נויעך שרײַבט אָן אַ שיר לידער און הונגערט אָן אַ שיר.

— אַ נײַער מיליאָנער אַפּ מײַן קאָפּ, — וויינט די אַלטע מוטער. — וואַרפּ אַוועק דײַנע אויסטראַכטעענישן, נויעך, און לאָז דעם טאַטנס רויִק ליגן אין קייווער. פאַרנעם זיך מיט עפּעס אַ רעכטער זאַך...

אָבער צו נויעכן שטייט דאָס אַלץ צו, ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט. ער שרײַבט ווײַטער לידער, און אַרבעטן האָט ער ניט ליב. וואָס פאַרשטייט זײַן אַלטע מוטער אין דיכטונג?

מיט זײַנע לידער האָט גויעכ שוינ פארמוטשעט די גאנצע גאס. פארהיקענדיק זיכ, שפּײַענדיק זיכ, צווינגט ער אונדז בא יעדער באגעגעניש אינ מעשעכ פונ לאנגע שאָענ אויסהערנ אלע זײַנע ווערק פונעמ אָנהייב ביזנ סאָפ.

אָט איז שוינ דרײַ שאָ, אז שאָלעמ, מיכאָעל אונ איכ ליגנ אפנ גראָז אפנ בייסוילעמ אונ הערנ געדולדיק צומ הונדערטסטנ מאָל די דעקלאמאציעס אונ די טרערנ פונ גויעכנ, וואָס פארהיקעט זיכ. ער לאָזט זיכ אונדז ניט אופהייבנ פונ די ערטער.

— וו־וו־א־ד־ר־ט אויס... ה־ה־ע־ר־ט אויס אָט נאָכ אָט די פּ־פּ־פּ־אָ־ע־ע־מע !..

מיכאָעל האלט ניט אויס. ער הייבט זיכ שווײַגנדיק אופ פונ דער ערד, ער זוכט אָפּ אינ גראָז א צווײַגל אונ הייבט מיט דעמ אָנ רויִק, נאָר אָנ ראכמאָנעס צו שלאָגנ דעמ פּאָעט.

אונדז קאָסט אסאכ מי אײַנצושטילנ מיכאָעלנ.

— א מעשוגענער פּאָעט, ער קאָנ מעשוגע מאכנ דעמ געזונטסטנ מענטשנ. אײַזערנע נערוונ קאָנענ אויכ ניט אויסהאלטנ, — פארענטפערט זיכ מיכאָעל.

די דאָזיקע פּראקטישע לעקציע מאכט אָבער דעמ פּאָעט ניט קליגער. שוינ אפּ מאָרגנ, האלטנדיק זיכ פעסט מיט איינ האנט פאר א קנעפּל פונ מײַנ רעקל אונ מאכנדיק מיט דער אנדערער אינ דער לופט, צווינגט ער מיכ ווידעראמאָל אויסצוהערנ זײַנע פּאָעמעס אונ עלעגיעס.

— ס'אראנ אומגליק גאָט שיקט אָנ אפּ יידישע קעפּ, — שאָקלט מיטפילנדיק מײַנ מוטער מיטנ קאָפּ.

צווייט קאַפּיטל

אונדזער הויז.

א יאַם שוואַרצע וואָלקנס דעקט צו דעם הימל. די היטל אַראָפּגערוקט אַפ די אויגן, שטייט די בלייערנע נאַכט בא אונדזער הויז, ווי א גאַזלענ אפּנ ברייטנ שליאַך, און שטעכט דורך דעם רוים מיט אירע געבראָכענע בליצנ, ווי מיט מעסערס. מיט פינגער אַריינגעלייגטע אינ מויל אַריינ פייפט זי מיטנ שאַרפנ ווינט, רייסט די כמאַרעס, טרייסלט זיי און צעבלאָזט זיי, ווי גרויסע שוואַרצע ליילעכער, וואָס זיינענ צעהאַנגענ אינ הויפ. אינ טויט־שרעק, פאַרטייענדיק דעם אָטעם, איז פונעם הימל אַנטלאָפנ די געלבלעכ־בלייכע, ווי א מומיע, פאַכדאָנעסדיקע און נעבעכדיקע לעוואָנע.

אינ פאָדער־הויז איז קאַלט, פייכט און מוירעדיק. איכ און מיינ יונגערער ברודער רווּנ גייענ אַוועק אינ קיכ אַריינ אַפּנ אויוון. דער ברודער דרייט זיכ אַפ אַלע זייטנ. יעדע באַוועגונג זיינע גיט זיכ מיר איבער דורכ א שטויס אינ ברוסט אָדער אינ רוקנ.

— דו שלאָפסט, יאָסקע? — פרעגט דער ברודער. — איכ קאָנ ניט איינשלאָפנ ווערנ, די וואַנצנ בייסנ.

— הער זיכ צו זיי ניט צו, פאַרמאַכ די אויגנ און שלאָפ.

— איכ קאָנ נים. זיי בייסנ שטאַרק. לאָמיר זיי אויסברענענ. איכ וועל ברענגענ שוועבעלעכ און א ליכט.

און מיר ברענען די וואנצן גאנצע נעסטנווייַז און איינציקווייַז. די וואנצן קריכן ארויס פון די לעכער, זיי לויפן, ווי דולע, איבער דער וואנט, אָבער עס יאָגט זיי גלייַך אָן דאָס פייַער אָדער דער אומראכמאָנעסדיקער פינגער. אלץ, פון די ווענט און ביז די שמאטעס פונעם געלעגער, ווערט באדעקט מיט די שפורן פון אונדזער הערצָישן, אָבער האָפנונגלאָזן קאמף מיט די וואנצן.

באטאָג טרייַבט אונדז די מוטער ארויס אף דער גאס. הייַנט איז פרייַטיק. די מאמע דארף אופראָמען אף שאבעס, און מיר שטערן איר. זי גרייט צו וועטשערע אף הייַנט און וואַרמעס אף מאָרגן, זי וואשט די דילן, באשיט זיי מיט געלן זאמד, זיי זאָלן ניט פארבלאָטיקט ווערן. דערנאָך שלעפט זי ארויס פון אונטערן בעט פיר גרויסע לייַכטער, באדעקטע מיט גרינבלעכן זשאווער, שטעלט זיי אוועק אפן טיש און צינדט אָן די שאבעסדיקע ליכט.

זי דעקט צו דאָס פאָנעם מיט די הענט און שעפטשעט אינדערשטיל א טפילע.

איבערן טיש אונטער א רויכיק־גרויען בלעכענעם קאָלפעק, וואָס איז געדיכט באזעצט מיט פליגן־שפורן, קאָפטשעט א לאָמפ.

— עסטער, — שרייַט די מוטער אין פענצטער אריין, — לויף גיכער אהער, שטעל זיך אנידער אף דער שטול און דריי ארייַן דעם לאָמפ. איך טאָר שוין ניט, איך האָב שוין אָפגעבענטשט ליכט.

דער בייזער יידישער גאָט פארבאָט אָנצורירן שאבעס א לאָמפ, און די מוטער וואגט ניט צו גיין קעגן זייַן ווילן. א קלייניקייַט, די האנט קאָן גלייַך אָפדארן, און עס ווארט אף דיר א פולער גענעם מיט פייַניקונגען. וואָרעם גאָט זעט דאָך אלצדינג און פארגעדענקט יעדער קלייניקייַט. אים וועסטו ניט אָפנארן.

די קליינע עסטער קריכט ארוף אפן שטול, אָבער זי פאלט איניינעם מיט אים אפן דיל.

די מוטער הייבט אוף דאָס וויינענדיקע קינד, פאריכט אליין דעם לאָמפ און שיט אויס עפשער הונדערט קלאָלעס אף זיך זעלבסט.

נאָך דער וועטשערע לויפן מיר אַפּ דער גאַס, און אָפּטער פון אַלץ צו קיטײַטשיקן. רעב באָרעך זיצט אַפּ דער פּריזבע, ער רוט אָפּ.

— אַ גוט שאַבעס, רעב באָרעך.

קיטײַטשיק זיצט אומבאַוועגלעך. ער האָט זיך עפּעס פאַרטראַכט און הערט ניט אונדזער „גוט־שאַבעס". אָבער אָט פּאַקט ער אַ מאָמענט, ער טוט זיך פּלוצעם אַ ריס פונעם אָרט, כאַפּט מיך אָן אונטן פאַרן רעקל, שלעפּט מיך צו זיך, קיצלט און קנײַפּט מיך זייער לאַנג.

— האַ, כ'האָב דיך סאָפּקאָלסאָפּ געפּאַקט, דו, פּעלישטי, דו, — זאָגט ער. — איצט וועסטו זיך שוין פון מײַנע הענט ניט אַרויסרײַסן. איך וועל דיר אָפּרײַסן אַן אויער און וועל פון דעם מאַכן אַ פּרעזשעניצע...

איך שטויס באָרעכן מיט די הענט אין בויך, רײַס זיך אויס און לויף פון אים אַוועק. קיטײַטשיק שאַרט מיט די פיס אַפּ איין אָרט, מאַכט מיט די הענט.

— אַ־טו־ו... אַ־טו־ו... אָט וועל איך דיך נאָכאַמאָל כאַפּן...

— קיטײַטשיק־זײַטשיק... איך האָב פאַר דיר קיין מוירע ניט, וועסט מיך נישט דעריאָגן...

אין די אָוונטן לערנט מיך די שוועסטער רוסיש. קאַם וואָס זי קען אַליין לייענען, ווײַזט זי מיר די סוידעס פונעם אַלעפבייז און פונעם לייענען. דאָס לערנען קומט מיר אָן שווער. באַזונדערס שווער קומען מיר אָן די „אודאַרעניעס" אַפּ די אומבאַקאַנטע רוסישע ווערטער. פאַר יעדער פעלער בוכעט און קנײַפּט מיך די שוועסטער. איך גיב איר אָפּ צוריק, און אונדזערע לימודים ווערן פאַרוואַנדלט אין עמעסע געשלעגן.

— מאַ־מע... עסטער האָט מיך אַ זעץ געטאָן...

— ער מאַכט ניט די לימודים און האָט מיר נאָך צעדראַפּעט די נאָז, איך וועל אים מער ניט לערנען... אַ פּאַסקודנע יינגל... איך וויל ניט... איך וויל ניט...

און מיר לויפֿן ביידע אופֿגערעגט, מיט צעדראַפּעטע פּנעמער, וויינענדיק און שטופּנדיק איינס ס'אַנדערע, אין קיך אַרײַן צו דער מוטער זוכן גערעכטיקײַט און שטראָף פֿאַרן שולדיקן.

פֿון דער מוטער כאַפּן מיר ביידע אַרײַן.

דער ברודער רוווּן איז יונגער פֿון מיר מיט צוויי יאָר, און אָפֿט מײַן גורל פֿאַלט אויס צו זײַן זײַן לערער. אַ לערער בין איך ניט קיין מער טאַלאַנטירטער, ווי אַ שילער, און איך קום אָפּט אָן צום אויסגעפּרוּווטן דערציִונג־מעטאָד אין אונדזער שטוב — צו קנײַפּן און צו קלעפּ. רוווּן טראָגט געדולדיק אַריבער די באַליידיקונגען און קלאָגט זיך קיינמאָל פֿאַר קיינעם ניט.

מיר שפּילן מיט רוווענען אין ניס. רוווּן געווינט בײַ מיר, איך נערוויר זיך און קאַעס זיך. ווען איך פֿאַרשפּיל דעם לעצטן גוס, קלאַמער איך זיך אײַן אין רוווּנס קעשענע.

— גיב אָפּ, — זאָג איך, — מײַנע ניס, אַניט וועט זײַן ערגער. מ'דאַרף שפּילן אָרנטלעך, און ניט שווינדלען.

רוווּן וויל ניט אומקערן די ניס.

— די ניס זײַנען מײַנע, ניט דײַנע, איך האָב זיי געוווּנען. טשעפּע זיך אָפּ פֿון מיר...

איך שטופּ רוווענען, קריך צו אים אין קעשענע אַרײַן נאָך די ניס. ער שטעלט זיך אַנטקעגן. איך וואַלגער זיך אָן אָף דער קעשענע, איך שלעפּ זי שטאַרק צו זיך, דער שוואַכער מאַטעריאַל האַלט ניט אויס, ער רײַסט זיך. איך לאָז אַ שולדיקער אָפּ די האַנט.

— אָט אַזוי קומט דיר טאַקע, גיב אָפּ די ניס, — זאָג איך און מאַך זיך, אַז איך בין רויִק.

רוווּן קוקט מיר אין די אויגן מיט פֿאַראַכטונג, ער שאַרט צונויף די ניס פֿון דער צעריסענער קעשענע און וואַרפֿט זיי מיר אין געזיכט.

— נאַ, מיִעסער באָכער, וואַרג זיך מיט זיי...

— און דו שפּיל אָרנטלעך, שווינדל ניט.

רוונג גייט פונ מיר אָפּ א טרויעריקער, א בּערויגעזער. מיכ ארט עס, אונ עס איז מיר א ראכמאָנעס אפּ דעמ ברודערס נײַע הויזנ.

די מאמע איז אויסער זיכ. זי גייט נערוועז ארומ איבּערנ צימער, שעלט דעמ ברודער, באוויינט זײַנע צעריסענע הויזנ.

— ערשט נעכטנ אָנגעטאָנ די פּאָר הויזנ, טאכריכימ זאָל מענ דיר אָנטונ. מ'האָט נאָכ ניט באצאָלט דעמ שנײַדער פאר דער ארבּעט. בּא רויטשילדנ וואָלט ניט געסטײַעט קיינ געלט אָנצוטונ אזא שייגעצ. אכ, וואָס טוט מענ איצטער? וואָס טוט מענ? די הויט פונ דיר אראָפּשינדנ איז וויינִיק...

אונ די מוטער כאפּט די קאטשעלקע אונ שלאָגט דערמיט דעמ ברודער. דער ברודער וויינט, די מאמע הערט ניט אופּ:

— מיט מײַנע אייגענע הענט וועל איכ דיכ דערהארגענענ... א פײַער זאָל דיכ טרעפנ, גאזלענ.

ביסלעכווײַז בארויִקט זיכ די מוטער.

— מ'קאָנ זיכ דענ אזוי אופירנ? גיב א קוק, וויאזוי דו האָסט צעריסנ די הויזנ. וואָס וועסטו מאָרגנ אָנטונ? איכ האָב ניט קיינ צײַט זיי צו פאריכטנ, וועסט גיינ א הוילער מיט א נאקעטנ הינטנ,— זוכט די מוטער אינדערהייכ צו פארענטפערנ דאָס, וואָס זי האָט געטאָנ.

אונ נאָכ א קליינער פּאוזע, אינ עטלעכע ווײַלעס ארומ, זאָגט זי ווייכ, אָנגבּרויגעזנדיק די בּרעמענ אונ אראָפּלאָזנדיק דעמ קאָפּ:

— וואָס האלטסטו זיכ באמ פּוס? ווײַז נאָר, וואָס איז בא דיר דאָרט אזוינס? וואָס־זשע, ס'טוט דיר וויי? מ'טאָר דיכ שוינ ניט אָנרירנ. ווו ביסטו עס אויסגעוואקסנ אזא „ריר מיכ ניט אָנ", אזא איידלס? מיכ האָט די מאמע נאָכ ערגער געשלאָגנ... טו אויס די הויזנ, וועל איכ זיי פאריכטנ.

אונ דער ברודער טוט אויס די הויזנ אונ שטייט מיט די הוילע פיס אונ ווארט, ביז די מוטער וועט זיי פארנייענ...

באנאכט ליג איכ לעמ רוועננ אפּ די נארעס אינ פּאָדער־

הויז. עס איז קאַלט. מיר דעקן זיך צו מיטן פּאָטערס אַלטן שי־נעל. איבער אונדז, אפן נאַסידעלע, שלאָפן הינער, און קאַפּען אפ אונדז אָן אַלעמאָל פרישן פּאָמיאָט. פונעם הימל קלייַבט זיך צו אונדז אַרייַן דורך די לעכער פונעם הילצערנעם פּאָדערהויז די שפּילעוודיקע לעוואָנע מיט אירע ברייטע פּאַסן און לייגט זיך לעם אונדז אפ די נאַרעס. מיר גלוסט זיך איצט זאָגן רוועגנ עפּעס זייער גוטס. מיר געפעלט זייַן פעסטקייַט און אייַנגעהאַלטנ־קייַט. ניט געקוקט אפן ווייטעק און אפ די ליידן, האָט ער קיין איין וואָרט וועגן מיר ניט געזאָגט. אָבער איך געפין ניט קיין ווערטער און איך שווייַג. רוון רוקט זיך צו מיר צו נע־ענטער.

— האָסט א שלעכטע געוווינשאַפט, יאָסקע, — זאָגט ער, — הער זיך אוף צו שלאָגן. עס טויג ניט אזוי. אויב דו וועסט ווייַ־טער אזוי טון, וועל איך מער ניט שווייַגן און וועל זיך אויך שלאָגן. איך בין שוין ניט קיין קליינינקער. מייַנע פויסטן זייַנען ניט שוואַכער פון דייַנע.

און ער ווייַזט א פויסט:

— פאַרגעדענק אים...

איך קוק אפ רוועגנ. אונדזערע אויגן באַגעגענען זיך. ער שפּאַסט ניט. זייַן פּאָנעם איז ערנסט און אַנטשיידן. ער זעט אויס אינגאַנצן א דערוואַקסענער. איך לאָז אַראָפּ די אויגן און שווייַג. עס איז מיר א שאַנד. פון דעמלט אָן טשעפּע איך מער קיינמאָל רוועגנ ניט.

אָנגעלאָפן זיך א גאַנצן טאָג אפ דער גאַס, גיי איך גע־ווינלעך מיט רוועגנ באַגעגענען דעם פּאָטער, וואָס קערט זיך אום פון דער אַרבעט. אָט ווייַזט ער זיך פון הינטערן ראָג, ער טראָגט א גרויען אָפּגעבליאַקעוועטן שפּענצער מיט א גרויסער ברוינער לאַטע פונפאָרנט, ברייטע קאָרטענע הויזן און גרויסע שטיול, אינגאַנצן ווייַסע פונעם דיקן שיכט שטויב. אין האַנט האַלט ער א זעג און א הובל, פון אונטערן ברייטן גרינעם גאַרטל

מיט פרענדזועלעך, וואָס בינדט שטיף ארום זײַנע לענדן, סטאַר־טשעט ארויס א האק, פון דער כאָליעווע קוקט ארויס א צונויפ־געלייגטער ארשינ און א גרויסער פלאטשיקער רויטער בלײַער.

— טאטע, לאָז מיר טראָגנ דעם הובל, — זאָג איך מיט א גע־מאכט גראָב קאָל און מיט אנ ערנסט פּאָנעם צום פאָטער.

— און מיר גיב דעם ארשינ און דעם בלײַער, — זאָגט רוווג, נאָכמאכנדיק מײַנ שטים.

דער פאָטער גיט מיר דעם הובל, רוווענ דעם ארשינ און דעם בלײַער, און מיר גייענ פריילעך אהיים.

— א גוט־העלפ, עלי! וואָס מאכט איר? ווי גייענ אײַערע גע־שעפטנ? — באגריסט דעם פאָטער וואסקע דער קאָסאָקער, א כור־ליגאנ פון דער שיקערער סלאָבאָדקע, וואָס האָט זיך מער פון אלע ליב צו שלאָגנ און צו טשעפּענ.

— א גוט־העלפ! — ענטפערט דער פאָטער אײַנגעהאלטנ און מיט ווירדע, באמיִענדיק זיך אינ דער זעלבער צײַט ניט אָנצו־רירנ דעם דאָזיקנ באָכערס אייגנליבע.

וואסקע טרעט אונדז אָפּ דעם וועג. ער פארטשעפעט אונדז ניט ניט מיט קיינ זעצ, ניט מיט קיינ מיִעס וואָרט, אָבער דאָס כידעשט קיינעמ ניט. וואסקע ווייסט, אז דער פאָטער איז פיזיש שטארקער פון אים. דעם פאָטערס אײַזערנע פויסטנ זײַנענ אנ איבערצײַגנדיקער ארגומענט פאר זײַנ אווטאָריטעט און אומ־באריר־לעכקײַט ניט בלויז פאר וואסקענ. קיינ איינ כוליגאַנ פון דער שיקערער סלאָבאָדקע וועט זיך ניט באשליסנ צו באליידיקנ דעם פאָטער: ס'איז בעסער מיט אים צו לעבנ בעשאָלעמ אָנ א שום ארגומענטאציע פון זײַנ זײַט, איידער אויסצופּרווונ אפ דער אייגענער הויט די אײַזערנע לאָגיק פון זײַנע שווערע און קלינ־געגדיקע ארגומענטנ.

דער פאָטער האָט דעם אלגעמיינעמ אווטאָריטעט אפ אונדזער גאס און אפילע אויסער אירע גרענעצנ. דעם דאָזיקנ אווטאָריטעט האָט ער געווונענ פון די ערשטע טעג אָנ, ווענ ער האָט זיך

באוויזן אפ פּאָליצייסקע גאס, און ניט בלויז מיט זײַן פיזישער קראפט.

זײַן קינדהײַט האָט דער פאָטער פארבראכט אין ווײַטן צאָפן, ווּהין דער זיידע איז פארשיקט געוואָרן פאר עפּעס טונקעלע מײַסים. דאָ האָט ער באהערשט די רוסישע שפּראך און האָט געענדיקט א פּריכאָדסקע שול. די שול האָט בא אים אנטוויקלט ליבע צום וויסן. די גרויסע אָנגעלייענטקײַט האָט פארטיפערט זײַנע רײַכע נאטירלעכע פייִקײַטן, האָט אים אויסגעטיילט צווישן די פינצטערע אײַנוווינער פון אונדזער גאס און האָט הויך אופגעהויבן זײַן אווטאָריטעט.

ס'מאכט זיך, אן אלמאָנע, וואָס איז באלאסטעט מיט א גרויסער פאמיליע, האָט פארטראכט צו זוכן גליק און א צווייט מאָל כאסענע האָבן; וועלכער ניט איז אײַנוווינער פון דער פּאָליצייסקע גאס האָט באשלאָסן אוועק נאָך גאָלדענע גליקן קיין אמעריקע אָדער קיין ארגענטינע; עמעצער שטעלט די פראגע וועגן כאסענע מאכן א טאָכטער אָדער אויסקלײַבן א פּראָפעסיע פאר אן אונטערוואקסנדיק קינד, — אָט די אלע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמעס פון אונדזער גאס ווערן קימאט שטענדיק פריִער באטראכט צוזאמען מיט מײַן פאָטער.

עס טרעפט, שאבעס נאָכן ווארמעס גייט ארײַן מירע די אלמאָנע, זי שטעלט זיך אנידער באם פענצטער, לאָזט האכנאָעדיק אראָפּ דעם קאָפּ, לייגט צונויף די הענט אף דער ברוסט און קוקנדיק אפן שפיץ פון איר רעכטן שוך, ווענדעט זי זיך פארטראכט צום פאָטער:

— עלי, איך האָב זיך געוואָלט מיט אײַך אן אייצע האלטן...

— נו, רעד, מירע, — ענטפערט דער פאָטער, אופהייבנדיק די אויגן פונעם בוך אף מירען.

— איר פארשטייט, — דער אלמאָנע איז שווער ווײַטער צו ריידן, אן איינזאמע זאפטיקע טרער באווײַזט זיך בא איר אין די אויגן, קײַקלט זיך פאמעלעך איבער איר אויסגעמוטשעט געזיכט, פארשווינדט

אין א ווינקל מויל, איבערלאָזנדיק נאָכ זיכ א שפור — א נאס סטעזשקעלע אפ דער ווייַסער באק לעמ דער נאָז: — איר פארשטייט, א שווער לעבנ... פיר קינדער. איינס קלענער פונעמ אנדערנ... שוינ דרייַ יאָר, אז איכ מוטשע זיכ אליינ מיט זיי... אונ אָט, כאַימ, דער מוליער... ער מוטשעט זיכ דאָכ אויכ איינער אליינ מיט פיצלעכ קינדער...

אונ ניט פארענדיקט דעמ געדאנק, צעוויינט זיכ מירע, פארשטעלט דאָס פּאָנעמ מיט די הענט, אונ עס גיסנ זיכ פונ אירע אויגנ שטראָמענ ביטערע טרערנ. זי וויינט עפשער דערפאר, וואָס ס'איז איר א בושע, וואָס זי וויל נאָכ לעבנ, וואָס זי איז יונג, וואָס זי איז אינגאנצנ אלט נייַנ אונ צוואנציק יאָר, אָדער עפשער דערפאר, וואָס זי פילט עפּעס ניט קלאָר, אז די נייַע כאסענע וועט נישט בלויז וואָס זי וועט איר ניט לייַכטער מאכנ דאָס לעבנ, נאָר זי וועט איר ארופוואלגערנ אפ די פּלייצעס א נייַע לאסט.

אָנגעוויינט זיכ צו זעט, קומט מירע ביסלעכווייַז צו זיכ אונ ווארט האכנאָעדיק, וואָס וועט איר דער פאָטער געבנ פאר אנ אייצע.

אָדער אָט וואלגערט זיכ צו אונדז אינ שטוב אריַינ פאלעק דעמ טרעגערס ווייַב. זי וויינט שטארק, זי פארברעכט די הענט, זי קלאָגט. דאָס באוויינט זי איר איינונייַנציקע קישנ, וועלכע זי האָט צו איינציקע פעדערנ דאָס גאנצע לעבנ אירס צונויפגעזאמלט, פונ קינדווייַז אָנ, קעדייַ מיט איר צו באשיינענ איר קינפטיק כאסענעבעט. די דאָזיקע קישנ האָט בא איר אינ איר אָפּוועזנהייַט אוועקגעשלעפט דער מאנ אונ האָט זי פארטרונקענ בא איציק ראָגינסקי מיט עפּעס א הוליענדיק מיידל פונעמ אלטנ שליאכ. קלאָגנדיק אונ וויינענדיק, דערציילט זי די שווערע געשיכטע מיט דער קישנ, דערציילט וועגנ אירע שלאָפלאָזע נעכט אונ אומענטשלעכער ארבעט, וועלכע האָט איר געגעבנ א מעגלעכקייַט צו קריגנ די דאָזיקע קישנ, זי ווייַזט אירע צעשניטענע, צעקלאפטע,

צעשטאָכענע פינגער, זידלט דעם מאַן, רופט אים אָן: אויסגעלאַסענער, שיקער, אויסוווּרף, זי בעט, דער פאָטער זאָל זיך איינשטעלן פאַר איר, פאַרן געשענדעטן עמעס, און זאָל איר העלפן צוריק קריגן די קישן.

— אוי, איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטן... מיט אַ מעסער האָט ער מיך געקוילעט, דער אויסוווּרף... ראַטעוועט מײַן קישן, — וויינט די פרוי, אַ פאַרצווייפלטע, ווענדנדיק זיך צום פאָטער צי צו דער מוטער, צי צו אונדז, קינדער, וואָס האָבן זיך, דערשראָקענע פונעם שרעקלעכן געשריי און געוויין, פאַרשטעקט אין די ווינקלען...

דער פאָטער קומט פון דער אַרבעט, טוט אויס דעם שפּענצער, וואַשט די הענט. די מוטער צינדט אָן פײַער און דערלאַנגט וועטשערע. דער פאָטער זעצט זיך צום טיש, לייגט אַוועק פאַר זיך אַ צײַטונג אָדער אַ בוך, לייענט און עסט.

ער וואַרט אַפּ זײַנע כאַווייִרים, מיט וועלכע ער אַרבעט צוזאַמען. זיי נעמען זיך אָפּט בײַ אונדז צונויף. אָט קומט לייזער דער טעסלער פון גלובאָקע, ער נעמט אַראָפּ דעם צעריסענעם שמוציקן ראָק, וואַרפט אים אַנידער אַפן בעט און זעצט זיך אַוועק אינעם היטל צום טיש. אַ גלעט טוענדיק די געלע וואָנסן און די באָרד, אויסרייניקנדיק פאַרטראַכט און געלאָסן די נאָז, צערשט איין נאָזלאָך, דערנאָך די צווייטע, און אויסווישנדיק די פינגער אָן די הויזן, ווענדעט ער זיך צום פאָטער:

— וואָס שרײַבט מען נײַס, עלי?

און צווישן די פרײַנט פאַרקניפּט זיך אַ שמועס.

עס קומען צום פאָטער אַנדערע כאַווייִרים. זיי לייגן אויך אַוועק זייערע רעק און שפּענצערס אַפן בעט און זעצן זיך אויך אין די היטלען צום טיש.

עס הייבט זיך אָן אַ לעבעדיקער שמועס וועגן אַרבעט, וועגן עקאָנאָמיק און פּאָליטיק.

די מוטער דערלאַנגט טיי, די אַרבעטער טרינקען. זיי נעמען

געלאָסן א שטיקל צוקער, בײַסן אָפּ א פּיצעלע, דאָס איבעריקע וואַרפן זיי צוריק אַרײַן אינ פּושקע.

נאָכ דער טיי לייענט דער פּאָטער די צײַטונג אָדער א רוסיש ביכל, גלײַכ איבערזעצנדיק עס אינדערהייכ אפּ יידיש. ער לייענט די פאַרשיידנסטע זאַכן, אָנגעהויבן פונ די סאַמע פּאָשעטע דערציילונגען אינ „ניוואַ״ און געענדיקט מיט טשערנישעווסקין, דאַרווינען און מאַרקסן. די אַרבעטער שפּירן נאָכ אופמערקזאַם, רעאַגירנדיק אַמאָל שטאַרק אפּ דער אָדער אפּ אנ אַנדער שטעל.

דאָ, באַם טיש, וואַרפן אַראָפּ די דאָזיקע רעכטלאָזע יידן, די טעסלערס פונ פּאָליציייסקע גאַס, אינ הייסע שטרײַטן די רעגירונגען, באַהאַנדלען זייער פּאָליטיק, באַשטימען פּרעזידענטן, פירן מילכאָמעס, פירן אָנ מיט ריזיקע אַרמייען און פאַרשפּילן שטרײַקן ניט בלויז בא אונדז, נאָר אויכ אינ אויסלאַנד און אפּ יענער זײַט אָקעאַן.

באַזונדערס זײַנען געווען באַליבט און האָבן בא זיי געהאַט א געוואַלטיקן אויטאָריטעט צוויי מענטשן — דער טאָקער אויגוסט בעבעל און דער באַזינגער פונ די באָסיאַקעס, דער יונגער שרײַבער מאַקסים גאָרקי.

— אנ אונדזעריקער, אנ אַרבעטער, און ס׳אַרא קאָפּ! ניט אַזויווי בא דיר, לייב, א קאָפּ מיט פּאָמויעס, — שפּאַסט דער יונגער סטאָליער פראָיִמ.

— און ניט אַזוינע באָסיאַקעס, ווי דו, — ענטפערט בייז אָפּ לייב...

— ס׳רעדט זיכ אַזוי, — גאָרקי אַליינ איז נאָכ גאָר ניט לאַנג צוריק אויכ ניט געווענ קיינ גאַבע אינ שול, — לאַכט פראָיִמ.

דער טאַטע לייענט וועגנ דער אַנטשטייונג פונעם מענטשן. די אַרבעטער הערנ מיט אנ אויסערגעוויינלעכן אינטערעס, באַטראַכטן אופמערקזאַם יעדע צייכענונג. דער געדאַנק וועגנ דעם, אַז דער מענטש קומט אַרויס פונ אורעלטערן, ענלעכע צו א מאַלפּע, זעט בא זיי אויס זייער נאַטירלעכ און פּאָשעט.

— וויאזוי האָבן זיך עס די געלערנטע ביז דארווינען נישט דערטראכט צו אזא פּאַשעטער זאך? — כידעשט זיך פראַים. — בע־בעל וואָלט זיך זיכער דערטראכט...

— הייסט עס, ניט גאָט האָט אויסגעטראכט דעם מענטשן, נאָר א פּאַשעטע עכטע מאַלפּע לויט איר מאַלפּישן אָנבליק, — באַמערקט טרעפלעך לייזער פון גלוכאָווקע.

— נו, און איצטער וויאזוי איז? צי געבוירן מאַלפּעס מענ־טשן און וואָס איז דאָס פאר א מענטשן? — פרעגט דער על־טער לייב.

— נו, א קאָפּ האָסטו, לייב, כאָטש דו לעבסט שוין אזוי לאַנג אף דער וועלט! מיט אזא קאָפּ וואָלסטו געדאַרפט זיין א ראַוו אָדער אן אַפּטייקער, און דו פאַרנעמסט זיך מיט טעסלעריי... מ'זאָגט דאָך דיר, אז אלץ אף דער וועלט אנטוויקלט זיך ביסלעכווייז, פּאַמעלעך, און ניט מיטאַמאָל, — היצט זיך פראַים.

— הייסט עס, פון קיין פליג וועסטו אויך גלייך קיין העל־פאַנט ניט מאכן, — שפּאַסט בעני, דעם טאַטנס ברודער.

— און דאָך קומט א העלפאַנט ארויס פון א פליג, — שמייכלט דער פאָטער.

איך זיץ באַם טיש, נים אָפּרייסנדיק זיך פון מיין אָרט, און זאַפּ איין זיך איין יעדער וואָרט. בא מיר קומען אוף אסאך ניט־פאַרשטענדלעכע פראַגעס. איך בין נאָך גאָר א קינד, און ניט אלץ פאַרשטיי איך, אָבער איך וואָג ניט צו ריידן מיטן פאָטער אף אזוינע ערנסטע טעמעס.

איך לויף צו שאָלעם אייזנשטאַט, ער זאָל מיר דערקלערן די אומפאַרשטענדלעכע פראַגעס.

— דו ווייסט, שאָלעם, פונוואַנען קומט ארויס דער מענטש?

— אוודע, ווייס איך, — ענטפערט שאָלעם שטאָלץ, — פון א קעמערל.

— פון א וואָס פאר א קעמערל? — פאַרשטיי איך ניט. — דער מענטש קומט ארויס פון א מאַלפּע.

— דאָס איז אויך ריכטיק. אָבער א מאַלפּע קומט אויך ארויס פון א קעמערל.

און שאָלעם דערקלערט מיר לאנג אפ זײַן אויפן דעם סאָד פונעם מענטשנס אנטשטייונג.

איך שטרענג אָן מײַן גאנצן קינדערשן סייכל, איך באמי זיך צו פארשטיין די גאנצע קאָמפּליצירטע מעכאניק פון דער אנט־שטייונג פון דער לעבעדיקער וועלט, אָבער איין מאָמענט קאָן איך אפ קיין פאל ניט פארשטיין, און נעמלעך, וווהין קומט אהין דאָס פעלעכל, בייס פון דער מאַלפּע ווערט א מענטש.

קיין ענטפער אפ מײַן כידעשדיקער פראגע גיט מיר אויך שאָלעם ניט.

איין מאָל אין יאָר, הארבסט, אפ סימכעסטוירע מאכט דער פאָטער געוויינלעך א סודע — ער און זײַנע כאוויירים לייגן זיך צונויפ. אָנשטאָט טיי און ביכער באווײַזן זיך אפן טיש פלעשער מיט בראָנפן און ביר, זויערע אוגערקעס, ווײַס ברויט און אפילע א געבראָטענע גאנדז, צעשניטן אפ שטיקלעך, וועלכע די געסט עסן מיט די הענט. די סודע הייבט זיך אָן מיט פרידלעכע שמו־עסן, מיט א פריילעכן געלעכטער און מיט טאָסטן, אָבער פונעם אלקאָהאָל ווערן די מענטשן ביסלעכווײַז אופגערעגט, און אין שטוב הייבט זיך אָן אן אומעגלעכער ראש. דער פאָטער טרינקט ווייניק, אָבער ער האלט לעבעדיק אונטער די קאָמפּאניע, זינגט אינאיינעם מיט אלע און טאנצט.

פראָצים גייט ארויס אינמיטן צימער, שלעפּט מיט זיך דעם אלטן לייב, און ביידע לאָזן זיי זיך אין א כסידישן טאנץ. די געסט פּליעסקען מיט די דלאָניעס, קנאקן מיט די פינגער, לאכן און זינגען.

„דער רעבע האָט געהייסן פריילעך זײַן.
טראם־טאראראם־טראם־טאראראם...״

איך פארקלײַב זיך אין א ווינקל און שפיר נאָך נאָך דער שיקערער פרייד... איך וויל זייער א פּרווו טון די גאנדז, איך

שטעל זיכ ניט אײַנ עמעצנ װעגנ דעמ צו זאָגנ. נאָר אָט באַמערקט מיכ פלוצעמ דער פעטער בעני, ער רופט מיכ מיטנ װײַזפינגער צו זיכ.

— יאָסקע, װילסט גאנדז? — פרעגט ער, לייענענדיק אפ מײַנ פאָנעמ דעמ שלעכט־באהאלטענעמ װוּנטש.

איכ שאָקל מיטנ קאָפּ אפ יאָ אונ שמייכל. דער פעטער קלײַבט אויס א צוגעבראָטענע פאָרציע גאנדז, ברעכט אָפּ א שטיקל כאלע אונ גיט עס מיר.

— נא, עס... קיינ בראָנפנ װעל איכ דיר ניט געבנ. טרינק קיינמאָל ניט. עס איז ניט קעדײַ, עס שאָט...

אונ װידעראמאָל איינער אליינ מיט זיכ פארקלײַב איכ זיכ צוריק אינ מײַנ װינקל, װוּ איכ עס מיט גרויס כיישעק די באַקומענע פאָרציע געבראָטענע גאנדז אונ כאלע.

אלע פלעשלעכ זײַנענ שוינ לאנג אויסגעליידיקט אונ װאַלגערנ זיכ אינ אנ אומאָרדענונג אונטערנ טיש. אפנ טיש בלײַבנ איבער אומגעװאָרפענע גלעזער אונ נעבעכדיקע, פלײַסיק־ארומגעסמאָקעטע אונ ארומגעהריזעטעביינער פונ גאנדז אונ פײַכטע שפורנ פונעמ צעגאָסענעמ בראָנפנ אונ ביר. מענטשנ שיטנ זיכ ארויס אפ דער גאס מיט געזאנג, מיט געשרייענ אונ מיט טענצ, — זיי לאָזנ זיכ צו רעב לייזערנ פונ גלוכאָװקע װײַטער הוליענ. מיט זיי גייט מיט דער טאטע. ער פליעסקעט אינ די דלאָניעס, ער זינגט. אנדערע טאנצנ אונ ברעכנ פאר גרויס סימכע די פארקאנעס. װיי איז צו דעמ, װאָס פרוּװט באשיצנ זײַנ פארקנ אָדער צו מאכנ א באמערקונג דער פריילעכער קאָמפאניע, — מ'װעט אימ שלאָגנ, ביז ער װעט־פאלנ כאלאָשעס.

מיר, קינדער, שלעפנ זיכ נאָכ די עלטערנ, שפרינגענ פאר פרייד, שטופנ איינס ס'אנדערע, זינגענ אינײנעמ מיט זיי לידער אונ זײַנענ פארכאפט פונ דער דרייסטקײַט פונעמ פאָטערס שיקערע כאװײרימ.

עס קומענ אָנ די לאנגע פינצטערע הארבסטיקע נעכט. דער

פּאָטער איז זעלטנ־וועג אינדערהיימ. ער גייט אוועק נאָכ דער וועטשערע אונ קערט זיכ אומ פארטאָג. מיר אלע ווייסנ פונעמ טאטנס ערנסטער קרענק, אָבער אויס אכטונג צו אימ רעדט קיינער אינדערהיימ ניט וועגנ איר אינדערהייכ. דער טאטע לײַדט אפ א קרענק — עס ציט אימ גוואלדיק צו קאָרטנשפּיל.

מיט דער שפּיל אינ קאָרטנ האָט אימ באקאנט אונדזער קוואר־טיראנט סראָל, בא וועלכנ עס האָבנ זיכ אָפט צונויפגעקליבנ זײַ־נע כאווײרימ פונ דער בוינע שפּילנ אינ א איינ אונ צוואנציק אָדער אינ „שטאָס". צומ אָנהייב האָט דער טאטע בלויז נאָכגעשפּירט נאָכ דער שפּיל, אמאָל אומשולדיק „געשטעלט" אפ א פרעמדער קאָרט, אָבער דערנאָכ האָט ער אָנגעהויבנ שפּילנ זעלבשטענדיק. ער האָט זיכ ביסלעכווײַז, אומבאמערקט ארײַנגעצויגנ אינ דער שפּיל, וועלכע האָט זיכ סאָפּקאָלסאָפּ פארוואנדלט אינ א קרענק־לעכע געוווינהײַט, אינ א באדערפעניש, ווי פּאפּיראָסנ פאר א רויכערער אָדער בראָנפנ פאר אנ אלקאָהאָליקער.

אזוינע מענטשנ זײַנענ אפ אונדזער גאס געווענ אסאכ. יע־דער הויז, יעדער פלאצ, טאראס קאָוואלטשוקס פעלד, דער ייִדי־שער בייסוילעמ אונ אמאָל אפילע דער אָמעד אינ בעסמעדרעש האָבנ מיט זיכ פאָרגעשטעלט באזונדערע מיניִאטיורע מאָנטע־קאר־לאָס, ווו די ייִדישע אָרעמשאפט פונ דער פּאָליצײַסקע גאס פלעג פּרוּװנ איר גליק אונ פארשפּילנ ניט בלויז איר אָרעמענ פארמעגנ, נאָר דאָס גאנצע טרויעריקע לעבנ אירס.

אינ סראָלס דושנע אָנגערויכערטנ צימערל האלטנ בא א צענדליק מענטשנ פארביטערט מילכאָמע אינ קאָרטנ. נאכמענ דעמ קאצעוו פונ אינוואלידנ־גאס גייט ניט. ער האָט שוינ פארשפּילט דאָס גאנצע מעזומענע געלט זײַנס, ער האָט פארזעצט דעמ פּיד־זשאק, אונ איצט פארשפּילט ער דעמ ווײַבס שאבעסדיק טיכל, וואָס ער האָט בא איר צוגעגאנוועט.

— וויפל ווילסטו פארנ טיכל ?

— צוויי רובל...

— מאכסט כויזעק... עפשער מיטנ ווײַב אײנײנעם? איז עס אויך טײַער. א קארב, מער וועל איך ניט געבנ.

— איך האָב פאר דעם פאָריקע וואָך באצאָלט פיר רובל.

— דײַנ זאכ... מער וועל איך ניט געבנ...

— גוט. גיב א רובל... זאָל עס פארברענט ווערנ, דאָס טיכל.

נאכמענ גיט איבער דאָס טיכל אונ באקומט דאָס געלט.

— וויפל שטײט אינ באנק?

— א רובל...

— אפנ גאנצנ באנק, — זאָגט נאכמענ, — אײנ קאָרט...

נאכמענ טוט א קוק אפ דער קאָרט: נאָכ דער טויז גײט א ייִנגל. ער בעט נאָכ אײנע. עס גײט א נײַנטל. איבערגעפוצע־וועט. צווײ אונ צוואנציק... נאכמענ ווארפט אוועק די קאָרטנ:

— א סוואָלאָטש, ניט קײנ קאָרט. נו, גײט עס מיר הײַנט ניט!..

— דערפאר גײט דיר אינ ליבע. גײ אהײמ. שלאָפ זיכ דורכ מיטנ ווײַב. זי האָט דיכ ליב אונ ווארט אפ דיר...

אינ דער זעלבער צײַט טוט עמעצער א פראל אופ די טיר, אונ אינ צימער רײַסט זיכ ארײַנ נאכמענס ווײַב. זי פלעכט זיכ ארײַנ דעמ מאנ אינ די האָר, זי שלאָגט אימ מיט די פויסטנ איבער די באקנ, זי פאָדערט, ער זאָל איר גלײַכ די מינוט אומקערנ דאָס אוועקגעגאנוועטע טיכל.

— גיב אָפ דאָס טיכל, קאָרטנשפּילער, אָדער איכ מאכ אנ עק צו דײַנ לעבנ...

— איך האָב קײנ שום טיכל ניט גענומענ. איך האָב זיכ הײַנט אפילע ניט צוגערירט צו קײנ קאָרט. איך זאָל אזוי לעבנ, ווי איך זאָג דיר דעמ רײנעמ עמעס, פרעג בא מענטשנ..

— ווארפ אוועק די שטיק, באָסיאק! בא וועמענ האָסטו פאר־שפּילט דאָס טיכל? גיב אָפ מיט גוטנ...

— שלאָג זיכ ניט פאר די מענטשנ אינ די אויגנ. באמ לעבנ שווער איך דיר, איך האָב ניט גענומענ.

די פרוי זוכט נערוועז אינעם מאנס קעשענעס, און בלויז איצט באמערקט זי, אז דער מאן איז אָנעם פּידזשאַק.

— דעם פּידזשאַק האָסטו אויך פאַרשפּילט? אוי, איך וועל ניט אויסהאַלטן, איך וועל שטאַרבן, — האָט די פרוי גענומען רעווען.

— גיט אָפּ, גאַזלאָנים, די זאַכן...

— האָסטו געהערט, אַ פּידזשאַק. מ'קאָן מיינען! אַ גאַנצע געשיכטע מאַכט זי דערפון. ס'איז קעדײַ צוליב דעם צו מאַכן סקאַנדאַלן, — באַמערקט עמעצער פון די שפּילערס.

— גיט אָפּ די זאַכן, שאַרלאַטאַנעס, גאַנאָווים...

— איך בעט ניט זײַן קיין אויס־פּאָנעם בײַ מיר אין וווי־נונג, — הייבט זיך סראָל אוף פונעם טיש. — וואַרפט זיך, איך בעט אײַך, פונדאַנען אַרויס.

— איך וועל ניט אוועקגיין, איך וועל שרײַען אַפן גאַנצן הויז. איך וועל צונויפרופן די גאַנצע גאַס. איך וועל אַלעמען אופוועקן. ראַביזשניקעס... גאַנאָווים... קאַראַול... גוואַלד...

זי כאַפּט די קאָרטן אַפן טיש, הייבט זיי אָן צו רײַסן און וואַרפט זיי דעם מאַן און סראָלן אין פּאָנעם אַרײַן.

סראָל נעמט די פרוי פאַרן קאָלנער און שטופּט זי אַרויס אַף דער גאַס.

— זײַט ניט קיין גרוביאַנקע און וואַרפט אַוועק די דאָזיקע מאָדע צו זײַן אַן אויספּאָנעם אין אַ פרעמדער שטוב, — לערנט זי סראָל, אַרויסשטופּנדיק זי פונעם צימער, און פאַרשליסט נאָך איר די טיר אַפן קייטל.

די שפּיל ווערט פאַרגעזעצט, און גיך פאַרגעסן אַלע אין נאַכ־מענען און אין זײַן ווײַב.

אין דער דאָזיקער קאָמפּאַניע איז אַרײַנגעצויגן געוואָרן דער פאָטער.

די שלאָפלאָזע נעכט, וואָס ער פאַרברענגט בײַ די קאָרטן, און די שווערע אַרבעט מיט דער האַק און זעג מאַטערן אויס

דעמ פאָטער. די מאמע לײַדט, זי איז נערוועז, זי האסט סראָלנ, זי טשעפעט זיכ צו אימ, זי מאכט אימ, זײַנ ווײַב, זײַנע קינדער סקאנדאלנ, זי באשולדיקט זיי אינ אלע מיִעסע זאכנ, זי רוקט אומיסטנ אָפ זייערע טעפלעכ פונעמ פײַער אינ אויוונ, אונ זיי האָבנ אפ וואַרמעס רויע קארטאָפל אונ ניט קיינ געזאָטענע זופ.

סראָל איז סאָפקאָלסאָפ געצוווּנגענ צו פארלאָזנ אונדזער הויז.

סראָלס אריבערפאָרנ אינ אנ אנדער וווינונג היילט דעמ פאָטער ניט אויס. ער זוכט אנ אָרט צו שפּילנ אינ קאָרטנ אויסער דער שטוב אונ גייט אוועק אפ גאנצע נעכט. די מאמע מאכט א גאנצע נאכט ניט צו קיינ אויג, זי הערט זיכ צו צו יעדער שאָרכ: זי וואַרט געדולדיק אפנ באקאנטנ קלאפ אינ טיר. וואָס נאָר טראכט זי ניט איבער אינ אָט די ליידנפולע נעכט! ווי געוואלטיק פײַניקט זי זיכ צוליב דעמ, וואָס סראָל איז אריבערגעפאָרנ! ווי וואָלט זי וועלנ אימ צוריק אומקערנ אינ אונדזער הויז!

נאָר אָט דערהערט זיכ ענדלעכ דער לאנגדערוואַרטער קלאפ אינ טיר... אינ איינ העמד, באָרוועסערהייט, ניט געקוקט אפ דער קעלט, לויפט די מוטער פריידיק אינ פאָדערהויז, עפנט אופ די טיר אונ, ניט אנטשליסנדיק זיכ צו ריידנ מיטנ פאָטער אפ אָט די קיצלדיקע טעמעס, פרוווט זי לויטנ גאנג אונ לויט זײַנ געזיכט צו טרעפנ, צי האָט ער געווונענ, אָדער צי האָט ער פארשפילט.

דער מוטערס לעבנ גייט דורכ שווער אונ זינלאָז. א דערשלאָגענע, אנ אָניוורעדיקע, שטעלט זי ניט ארויס צומ לעבנ קיינ שומ פאָדערונגענ, זי האָט ניט קיינ שומ באזונדערע אינטערעסנ, אויסער איינ שטענדיקער טעמפער זאָרג וועגנ דעמ הויז. זי ארבעט, ווי אנ אייזל, פונ אינדערפרי ביז שפעט אינ דער נאכט, שטייט אופ פארטאָג, פריִער פאר אלע, מאכט בוכשטעבלעכ פונ דער לופט פאר דער גאנצער פאמיליע פרישטיק, פאריכט אונדזער אָנטונ אונ ריכט אונדז אלע אויס אפ דער ארבעט אונ אינ שול ארײַנ.

נאָכדעם ווי זי האָט אָנגעטראָגן וואסער פונעם זאוואָד, גייט זי גאנצפרי אוועק אפן מארק, קויפט פאר גראָשנס פוילע עפל, קארטאָפל און טרוקענע ביינער צום וואַרמעס. צוויי מאָל אין דער וואָך שלעפט זי אפ זיך פונעם צווייטן עק שטאָט פאר א ווערסט פינף צו פוד מעל. אפ יענער זייט שטאָט אין די מעל־קראָמען קאָסט א פוד מעל מיט צוויי קאָפּיקעס ביליקער, ווי אין אונדזער ראיאָן, און דאָס איז פאר איר גענוג, זי זאָל אהין גיין קויפן די מעל, ניט שוינענדיק ניט אירע קויכעס, ניט איר לעבן.

יעדן טאָג, צוועלף אזייגער, טראָגט זי דעם פאָטער אפ דער ארבעט וואַרמעס.

— יאָסקע, האַ, יאָסקע, ווו ביסטו דאָרט ערגעץ? — שרייט די מוטער אין פענצטער אריין. — טו א לויף צו איציקן, פרעג, וויפל איז דער זייגער... ס׳איז שוין צייט צו טראָגן וואַרמעס...

— אָן צען מינוט צוועלף...

— איך האָב דען ניט געוווסט... הייבסט זיך אָן פאָרען מיט אייך, פארשפעטיקסטו שטענדיק... שוין א האלבע שאָ, אז איך שריי: יאָסל, פרעג, וויפל איז דער זייגער! און דו ביסט אויסגע־רונען. מ׳קאָן דיך אין ערגעץ ניט געפינען... וווהין שלייעסטו זיך, מערדער, ארום? נו, ווארט אויס, וועסט שוין בא מיר אריינ־כאפן, — קאַעסט זיך די מוטער.

זי דעקט צו מיט א טעלער דאָס ערדענע טעפל, לייגט אפן טעלער ארופ א שטיק ברויט, פארבינדט דאָס אלץ מיט א שמאטקע און גייט אוועק. איך גיי צוזאמען מיט איר. דעם גאנצן וועג הערט די מוטער ניט אוף צו וואָרטשען און וואַרפט ארוף אף מיין קאָפּ די פאראנטוואָרטלעכקייט פאר איר גאנץ שווער לעבן.

דער פאָטער זעצט זיך אנידער אפן ווארשטאט, ער עסט די קאלט געוואָרענע קארטאָפל מיט ברויט, און דערנאָך פארטרינקט ער גלייך פונעם עמער מיט קאלטער ניט קיין געזאָטענער וואסער. איך און די מאמע נעמען דערווייל צונויף און פארבינדן מיט

א שטריקל א פאָר בינטלעכ פרישע שפענער, וואָס שמעקנ מיט סמאָלע. דער טאטע העלפט אונדז ארופלייגנ די בינטלעכ אפנ רוקנ, אונ מיר גייענ צוריק אהיימ איַינגעבויגענע אינדריַיענ אונטער דער גוואלדיק שווערער מאסע. מיר גייענ דעמ גאנצנ וועג שוויַגנדיק, אָטעמענדיק שווער, אָפּשטעלנדיק זיכ אמאָל אונ פאריכטנדיק איינער דעמ אנדערנס מאסע. נאָכ אזא שפּאציר גיי איכ געוויינלעכ לאנג ארומ מיט א רוקנ, וואָס ברעכט אונ טוט וויי.

זונטיק וואשט די מאמע אליינ דאָס וועש פאר דער גאנצער פאמיליע. זי שטייט א גאנצנ טאָג איַינגעבויגנ איבער דער קאָרעטע אונ וואשט איניינעמ מיטנ וועש ביז צו די ביינער אירע אויסגעמוטשעטע פינגער. אפ מאָרגנ גייט זי אוועק מיט א גרויסנ שווערנ פאק נאס וועש אפנ רוקנ אפ לעשטשינסקיס ציגל־זאוואָד, וו זי שווענקט אינ די טיפע זומפּיקע ליימ־גריבער דאָס נעכטנ אויסגעוואשענע גרעט. אומגעקערט זיכ אהיימ מיט דער מאסע, הייבט זי זיכ אופ אפנ בוידעמ אונ צעהענגט דאָרט אפנ קאָמפּליצירטנ געפלעכט פונ שטריקלעכ אונ שטעקלעכ פּאָרזיכטיק יעדער שטיקל. דאָס אויסגעטריקנטע וועש קאטשעט זי מיט אלע קויכעס, אונ גאנצע נעכט צירעוועט זי אונ פאריכט עס.

יעדע צוויי יאָר שענקט די מאמע דער וועלט א קינד. ניט ביים זי טראָגט, ניט נאָכדעמ ווייסט זי ניט פונ קיינ רו. זי ארבעט ביז צומ סאמע געלעגנ־ווערנ, אונ אפנ צווייטנ טאָג נאָכנ האָבנ קריכט זי שוינ אראָפּ פונעמ בעט אונ פּאָרעט זיכ אינ שטוב, אונ אינ א וואָכ ארומ קאָנ מענ זי שוינ זענ אפ דער גאס, ווי זי שפּאנט מיט א בינטל וועש אינ דער ריכטונג צו לעשטשינסקיס זאוואָד.

די מוטער האָט ליב אירע קינדער, אונ בלויז צוליב זיי טראָגט זי איבער אזא שווער לעבנ. דאָס לעבנ האָט זי צעבראָכנ, זי איז פרי אלט געוואָרנ, אונ אינ שטענדיקנ טויט־שרעק פארנ מאָרגנדיקנ טאָג האָט זי איינגאנצנ א טעל געמאכט פונ אירע נערוונ. א פארנומענע שטענדיק מיט זאָרגנ וועגנ אונדז, האָט זי ניט קיינ צײַט

פאר קיין צערטלעכקייטן, וואָרטשעט שטענדיק, נערווירט זיך זעלבסט און אנדערע, ווערט אלץ מער דערצאָרנט און אין כּאַס, און שלאָגט אונדז מיט וואָס ס׳מאכט זיך און וווהין ס׳מאכט זיך.

איינמאָל איז קראנק געוואָרן דער ברודער נאָכעם. ער האָט געהאַט גרויס היץ. אַף זיין לייב האָבן זיך באוויזן רויטע פלעקן. ער איז געלעגן אַפן סאָפּקעלע און האָט געקרעכצט. די מוטער האָט אלץ אוועקגעוואָרפן—דאָס הויז, דעם טאַטן, די קינדער און האָט זיך אינגאנצן אָפּגעגעבן דעם קראנקן קינד.

— עסטער לויף צו אַפן מארק... קויף קארטאָפל אַף ווארמעס, נאָר זע—פארליר ניט דאָס געלט.

— יאָסקע, ברענג ארייַן אַן עמער וואסער...

— כאַסי, דריי זיך ניט פאר די פיס. גיי אוועק פונדאנען, קאָלזמאַן דו האָסט גאנצע זייַטן...

— איך וויל עסן...

— ווערעם זאָלן דיך עסן... וואָס זאָל איך דיר געבן? דו זעסט ניט, דאָס קינד איז קראַנק... ווארט צו — עס וועט קומען עסטער, וועט זי דיר עפּעס געבן. נו־נו, א קישקע אָן א דנאָ...

— רוווּנ, טו א לויף צו קיטייטשיקן, אנטלייַ א פונט ברויט, מאָרגן וועל איך אָפּבאַקן, וועל איך אומקערן.

די מוטער וויל אַף קיין פאַל ניט אָפּגעבן נאָכעמקען אין שפּיטאָל. זי האָט מוירע, אַז דאָרט וועט מען אים ניט צוזען. זי האַלט, אַז א שפּיטאָל איז אַן אָרט פאר קראנקע פארוואָרלאָזטע און פאר קײַלעכיקע יעסוימים.

— ניין, איך וועל מייַן קינד ניט לאָזן אין שפּיטאָל. בא די שוועסטער טוט דער קאָפּ ניט וויי פאר קיין פרעמד קינד, זיי וועלן נאָך אים ניט אכטונג געבן. א קראנק קינד פּאָדערט, מ׳זאָל נאָך דעם נאָכקוקן. אָן דעם וועט עס שטארבן. ניין, איך וועל אליין טאָג און נאַכט נאָך דעם נאָכזען.

די מוטער לויפט נאָכן דאָקטער, זי קושט אים די הענט, זי

בעט אימ, ער זאָל גלײַכ קומענ צו פאָרנ ראטעווענ איר זונ. דער דאָקטער פארשרײַבט דעמ אדרעס, זאָגט צו גיכ צו קומענ, אָבער ער קומט ערשט אפנ צווייטנ טאָג אינאָווענט.

דער רייעכ פונ אונדזער ווינונג געפעלט דעמ דאָקטער ניט זייער. ער קנייטשט לאנג מיט דער נאָז, גייט ארײַנ אינ צימער ארײַנ, ווו עס ליגט דער קראנקער, באטראכט עס מיט פאראכטונג, נעמט ניט־גערנ ארונטער די פאלטאָ, גיט די פאלטאָ אונ דעמ הוט איבער דער מוטער אינ די הענט, נעמט ארונטער די גאָלדענע ברילנ, ווישט זיי אויס מיט א ריינ טיכעלע, טוט זיי נאָכאמאָל אָנ אונ נעמט באטראכטנ דעמ ברודער.

ער זעצט זיכ לעמ דער סאָפקע, נעמט דעמ קראנקנס האנט, טאפט דעמ פולס, קלאפט אימ אויס אונ הערט אויס דאָס הארצ אונ די לונגענ, באטראכט די פלעקנ, קריכט מיטנ לעפעלע אינ מויל ארײַנ...

— יאָ,—ווענדעט ער זיכ צו דער מוטער, אופהייבנדיק זיכ פונעמ בענקל: — ס'איז סקארלאטינע... מ'דארפ די איבעריקע קינדער צונעמענ פונ דער שטוב.

— דאָקטער, ראטעוועט מיר דעמ זונ... נעמט, וואָס איר ווילט... זאָגט מיר, וואָס זאָל איכ טונ, — בעט זיכ די מוטער.

— אלצ איז אינ גאָטס הענט,—ענטפערט טרוקנ דער דאָקטער, איבערגעבנדיק דער מוטער דעמ אָנגעשריבענעמ רעצעפט אונ אָנטוענדיק דעמ פאלטאָ.

די מוטער שטופט אימ אינ האנט ארײַנ צוויי קליינע זילבערנע מאטבייעס. ניט ציילנדיק, לאָזט ער זיי נאכלעסיק ארונטער אינ קעשענע ארײַנ אונ גייט אוועק.

באנאכט פירט אונדז דער טאטע אָפ צו דער באבע טעמע אפ סעמיאָנאָווער גאס. די באבע בעט אונדז אויס אפנ דיל, לייגט אונדז שלאָפנ אונ לויפט מיטנ טאטנ צו אונדז אהיימ. מיר קאָנענ לאנג ניט אײַנשלאָפנ, מיר דרייענ זיכ אונ וויינענ איינדערשטיל.

— אומגליקלעכער נאָכעם, — זאָגט עסטער, — א לויז האָט אים געווים א שטארקן ביס געטאָן.

— א לויז קאָן דען אזא שטארקן ביס טון? א פלוי בייסט שטארקער, — באמערקט רוווג.

— דאָס איז עמעס, א פלוי האָט שארפערע ציין, אָבער זי האָט ניט אזא גיפט, ווי א לויז, — דערקלער איך רוווענען.

— און דער דאָקטער האָט געזאָגט, אז נאָכעם וועט שטארבן, — האָט זיך פלוצעם שטארק צעוויינט די קליינינקע כאסיע.

— ס'א ליגן... ער האָט עס ניט געזאָגט... די צונג זאָל דיר אָפּדארן פאר אזוינע רייד, — שטורכעט עסטער כאסיען אין זייט.

מיר שווייגן. כאסיעס ווערטער גייען אונדז א גאנצע נאכט ניט ארויס פונעם קאָפּ און לאָזן אונדז ניט איינשלאָפן.

אין פיר טעג ארום איז נאָכעם געשטאָרבן. די באבע האָט מיך און עסטערן אָפּגעפירט אפן בייסוילעם. די מוטער האָט שטארק געוויינט, זי האָט געקלאָגט, זי האָט געבראָכן די הענט, זי האָט געקושט דאָס טויטע קינד, זי האָט אפּ זיך געריסן די האָר, זי האָט ניט געלאָזט באגראָבן דעם זון.

— ניין, ער איז ניט געשטאָרבן. עס קאָן ניט זיין... ער איז געווען אזא פעסטער, אזא געזונטער, אזא שיינער... אוי, באַגראָבט מיך בעסער, איידער אים...

דער טאטע בארויקט די מאמע. די באבע שטייט לעם זיי און וויינט. איך האלט זיך פאר דער באבעס קליידל, וויין און קוק מיט נייגיר און שרעק אפן טויטן ברודער.

דער געשטאָרבענער ברודער ליגט אָנגעטאָן אין ווייסע טאכריכים. די קראנקייט און דער טויט האָבן ניט געענדערט זיין געזיכט. עס זעט אויס, ווי ער וואָלט רויק געשלאָפן. א מענטש מיט א לאנגער געלער באָרד לייגט אים אריין אין א פריש־אויסגעגראָבענעם קייווער, באשיט זיין פּאָנעם מיט „הייליקער" ערד, לייגט ארופּ צוויי שערבלעך אפּ זיינע אויגן, דעקט אים צו מיט

ברעטער, זאָגט א טפילע און הייבט אָן צו שיטן ערד אין קייווער־אריין...

די מאמע ווארפט זיך, ווי א טיגער, ארופ אפ דעם דאָזיקן מענטשן, כאפט בא אים ארויס די לאָפּעטע און שרייט:

— וואָס טוט איר, מעשוגענער? א לעבעדיק קינד באגראָבט איר.

דער פאָטער פירט זי מיט געוואלד אוועק אהיים.

אויסערלעך בארויִקט זיך די מוטער זייער גיך, די שווערע זאָרגן וועגן דער היים צעשטרייען אירע געדאנקען וועגן דעם טויטן זון. נאָר אָפּטמאָל דערמאנט זי זיך פּלוצעם אין אים בא עפּעס אן ארבעט, דאָס הארץ קוועטשט זיך בא איר צונויף פאר ווייטעק, זי טוט א טיפן זיפץ, און עטלעכע טרערעלעך פאלן אפ איר בלייך אויסגעמוטשעט געזיכט.

די מוטער לייגט גרויסע האָפענונגען אפ מיין שוועסטער און אפ מיר. מיין דערשלאָגענער און אָניווורעדיקער מוטער זעט אויס אונדזער קאָנען לייענען טראפנווייז און אונדזער שרייבן אלס די העכסטע פולקומענהייט, און זי איז שטאָלץ מיט אירע „געלערנטע" קינדער און זאָגט אָפט ארויס אינדערהייך אירע נאַיווע און האָזע־דיקע טרוימען וועגן אונדזער צוקונפט.

— איך פארזיכער אייך, מיין עסטער וועט זיין אן אקושערקע, און יאָסעפ וועט זיין א דאָקטער, — איבערצייגט זי די שכיינים יעדעס מאָל, ווען עס גייט אוועק א געשפרעך וועגן אונדזער גוירל.

די דאָזיקע פארבאָרגענע געדאנקען דער מוטערס, וואָס ווערן ארויסגעזאָגט אינדערהייך, רופן ארויס א ביטערן כויזעק איבער איר, אָבער דאָס באומרויִקט זי ניט. זי ענטפערט ערנסט און רויִק:

— איר וועט זען... איר וועט זען... איר קענט ניט מיינע קינדער... זיי האָבן אָפענע, געווינישע קעפּ...

דריט קאפיטל

מײַנ לערע.

דער פרילינגדיקער הימל איז קאפריז, ווי א קינד. אָט כמורעט ער זיכ אָנ מיט וואָלקנס, אָט צעוויינט ער זיכ, אָט לאכט ער נאָכאמאָל א פרישער, א לויכטנדיקער, א פריידיקער, באגיסנדיק די ערד מיט עמערס שײַנ, מיט וואַרעמקײַט אונ לעבנ.

דער ערד איז הייס פונ דער זונ. זי רײַסט אראָפּ פונעמ קאָפּ דאָס ווינטערדיקע פלאנעלעווע טיכל, לאָזט פאנאנדער די גרינע לאָקנ אונ וואשט זיי אינ דער רעגנ־וואסער, זיי זאָלנ זײַנ ווייכער אונ זאָלנ גיכער וואקסנ. די זונ טריקנט דער ערדס אויסגעוואשענע האָר אונ צעקעמט זיי צערטלעכ מיטנ גילדענעמ קעמל שטראלנ.

דער ריוו בא קיטײַטשיקס פארקנ בלאָזט זיכ אָנ, ווי א זשאבע, פארײַסט די נאָז, ווי א נארישע פראָווינציאלקע, מאכט אנ אָנשטעל פונ א צווייטער וואָלגע, שטורעמט, רוישט, יאָגט די כוואליעס, גייט ארויס פונ די ברעגעס אונ פארגיסט די גאס מיט אומרייִנער אונ שוימענדיקער וואסער.

פארקאטשענדיק די הויזנ אונ די ארבל, מיט שטעקנס אינ די הענט אונ סאנדאליעס פונ ראָזעווע שוימ אפ די פיס, שפאנענ מיר, קינדער, פײַערלעכ אונ רוישיק ביז צו די קנעכל אינ וואסער, ווי די לעגענדארע ייִדנ איבערנ יאמסופ. מיר טרײַבנ פליטנ אונ שיפנ אינ ווײַטע פרעמדע לענדער, מיר זעצנ זיכ ארויס אפ

אינדזלען, פארכאפּן שטעט בא די אײַנגעבירטיקע און פארוואנדלען זיי אין קנעכט און אין צינד־צאָלערס.

איך בין אלט פיר מיט א האלב יאָר. אָבער איך ווייס שוין, אז דער אײַנגעבירטיקער איז א בייזער, אז ער שלינגט לעבעדיקע קינדער, אז מ׳דארף אים אומבאדינגט שלאָגן, און איך שלאָג מיטן שטעקן אָטאָ דעם אויסגעטראכטן „אײַנגעבירטיקן". די שמוציקע טראָפּנס וואסער שפּרינגען אָפּ פון מײַן שטעקן, זיי פליִען, ווי א רעגנבויגן, אפ דער זון און פאלן, ווי א קאלטער רעגן, אפ מיר. איך בין אינגאנצן א נאסער. נאָר אן אופגערעגטער, א צעהיצטער פיל איך ניט קיין קעלט און שפּרינג ווײַטער איבער די בערג.

אפ דער ערד לאָזט זיך אראָפּ דער פארנאכט. דער הימל ציט אויס אפ מיזרעך זײַנע לאנגע הענט, ווי די שאָטנס, קריגט ארויס פונעם יאמס דנאָ א גרויסן זילבערנעם בעקן, הייבט אים פון הינטערן וואלד פּאָרזיכטיק אוף, קעדיי ניט צו פארטשעפּען דיביימער, און וואשט זיך פארן שלאָפן.

איך לויף אהיים. די מוטער באגעגנט מיך אפ דער קיך, זי זידלט מיך און וואָרטשעט, נאָר זי שלאָגט מיך עפּעס ניט. מאָדנע. איך בין אזוי געוווינט צו אירע טאָגטעגלעכע קלעפּ, אז מיר איז אפילע אומעטיק אָן זיי—עפּעס פעלט מיר אפן רוקן. עפּשער איז די מוטער קראנק געוואָרן? ניין, זי איז געזונט. וואָס איז געשען?

— ווו לויפסטו עס דאָרטן ארום? אין דער ערד זאָלסטו לויפן,—וואָרטשעט די מוטער.—ס'א נאסער דו ביסט. ווישׂ אויס דאָס פּאָנעם און גיי ארײַן אין צימער ארײַן. דאָרט זיצט רעב טעוויע. ער וויל, איך זאָל דיך אָפּגעבן צו אים אין כיידער ארײַן לערנען. גיי ארײַן און זאָג: „א גוטן אָוונט, רעב טעוויע".

איך גיי ארײַן אין צימער ארײַן. באם טיש זיצט טעוויע דער מעלאמעד אין א לאנגן גרין־געוואָרענעם סערדעט, אין א צעקנייטשטער היטל און גלעט זײַן לאנגע געלע באָרד. דער טאטע זיצט באם טיש לעם אים.

— א גוטנ אָװנט, רעב טעװיע, — זאָג איכ און קוק אפ מײַנע נאסע בלויע פיס.

— א גוטנ אָװנט, — ענטפערט דער מעלאמעד. — ס'ארא װויל ייִנגל! גיי אהער צו מיר, איכ װעל אפ דיר נעענטער א קוק טונ. הייב אופ דעם קאָפּ. װאָס זוכסטו דאָרטנ אפנ דיל?

איכ שטיי מיט אנ אראָפּגעלאָזטנ קאָפּ בא דער טיר און באשליס זיכ ניט צוצוגיינ צו רעב טעװיענ. דעמלט הייבט זיכ רעב טעװיע אליינ אופ פונעמ שטול, גייט צו מיר צו, נעמט מיכ פאר דער האנט און פירט מיכ צום טיש.

— ס'א נאסער דו ביסט! װו האָסטו זיכ אויסגעבאָדנ, שטיפער? װיִאזוי הייסטו?

איכ שװײַג.

— פארװאָס ענטפערסטו ניט? קאָנסט ניט ריידנ, צי װאָס? אזא גרויס ייִנגל און שװײַגט, װי א קליינינקער. װילסט א צוקערקע? נא, נעמ...

און רעב טעװיע נעמט ארויס פונ דער קעשענע א שמוציקע מארמעלאדקע און גיט זי מיר. ער זאָגט צום טאטנ:

— נו, װיִאזוי באשליסט איר, רעב עלי? איכ מיינ, אז דעמ ייִנגל, גאָט זאָל אימ געבנ געזונט, איז שוינ צײַט אינ כיידער ארײַנ. דעמ זמאנ קלײַבט זיכ בא מיר צונויפ קינדער אזוינס װי אזעלעכס...

און קעדיי צו באװײַזנ די הויכע קװאליטעט פונ דער גרופּע קינדער, װאָס מערקנ זיכ פאר דעמ זמאנ אָנ, רעכנט רעב טעװיע אויס די נעמענ פונ די קלײנהענדלער, מעקלערס, שאדכאָנימ, װאָס זייערע קינדער װעלנ זיכ נאָכ פייסעכ אָנהייבנ לערנענ בא אימ אינ כיידער. און אָט דער פאקט, װאָס ער, רעב טעװיע, לאָזט זיכ אראָפּ צום פאָטער און לייגט פאָר אימ, דעם טעסלער, דעמ ארבעטער, אָפּצוגעבנ זײַנ זונ אינ דעמ זעלבנ כיידער, װו עס װעלנ זיכ לערנענ אָט די „באזונדערע“ קינדער, האָט, װי דער אלטער רעבע האָט געטראכט, געדארפט באפרידיקנ דעמ פאָטערס אייגנליבע.

— באטראכט נאָר, ס'ארא כאווירים איַער ייִנגל וועט האָבנ, אינ קיינ שומ כיידער וועט איר אזוינס ניט געפינענ.

— יאָסקע איז נאָכ גאָר א קליינינקער, ער איז אינגאנצנ אלט פיר מיט א האלב יאָר. עפשער וועלנ מיר צוווארטנ מיטנ כיידער נאָכ א יאָר! — ענטפערט דער פאָטער.

— כ'וויס, וואָס הייסט נאָכ א יאָר? — דערווידערט רעב טעוויע. — פאר א יאָר ווערט קיינ ייִדיש ייִנגל ניט עלטער. פאר־לירנ א יאָר איז גרינג, אָבער אז מ'פארלירט עס, איז עס אומעג־לעכ אומצוקערנ. אונ דער כיידער וועט אימ דענ שטערנ צו ווערנ א דערוואקסענער? זאָל ער זיכ געזונטערהייט וואקסנ.

— ער איז נאָכ אָבער צו א קליינער. ער וועט זיכ איַינברעכנ אינ כיידער, — זאָגט דער פאָטער.

— וואָס הייסט — ער וועט זיכ איַינברעכנ? ווער וועט אימ אינ כיידער ברעכנ? פארוואָס איז די גאס בעסער פונעמ כיידער? טוט א קוק, וואָס איַיער גאס מאכט פונעמ ייִנגל...

טעוויע דעמ מעלאמעדס לעצטע מאָטיווּנ זיַינענ זייער וויכטיקע. דער פאָטער קענ גוט אונדזער גאס. דער פאָטער פארטראכט זיכ.

— דו ווילסט גייג אינ כיידער אריַינ? — ווענדעט ער זיכ פלוצעמ צו מיר מיט א שמייכל.

— אזא גרויס אונ קלוג ייִנגל וועט ניט וועלנ גיינ אינ כיי־דער אריַינ? — זאָגט מיר אונטער דעמ ענטפער רעב טעוויע.

איכ וויל שוינ פונ לאנג ווערנ א גרויסער אונ איכ טרוימ שוינ לאנג וועגנ כיידער. דעמ פאָטערס פראגע צווינגט מיכ ארויסצוזאָגנ אינדערהייכ מיַינע פארבאָרגענע געדאנקענ. איכ פאַ־רויטל זיכ.

— איכ וויל... איכ וויל זייער... — ענטפער איכ.

— וואָס האָב איכ איַיכ געזאָגט? ס'א קלוג ייִנגל... אפ אלע ייִדנ געזאָגט געוואָרנ, — שפרינגט טעוויע אונטער אונ מאכט מיט די הענט.

— נו, גוט, — איז דער פּאָטער מאסקינ׳, — נאָכ פּייסעכ ווּעסטו אָנהייבנ גייג אינ כיידער אַרײַנ...

רעב טעוויע גייט אוועק, איכ לויפ אינ קיכ אַרײַנ צו דער מוטער מיט א פרייליכער יעדיִע:

— מאמע, דער טאטע האָט מיכ אָפּגעגעבנ אינ כיידער אַרײַנ.

— וואָס רעדסטו? שוינ צײַט, שוינ לאנג צײַט אינ כיידער אַרײַנ. זע־זשע, לערנ זיכ גוט...

אפנ צווייטנ טאָג נאָכ פּייסעכ פירט מיכ די מאמע אָפּ צו רעב טעוויענ, אונ איכ הייב זיכ אָנ צו לערנענ איוורע אינ כיידער אפ סעמיאָנאָווער גאס, לעמ דער טעסלערישער שול.

דעמ אָוונט ערעוו אָט דעמ טאָג רייניקט די מאמע מײַנ אָנטוג, פּאריכט עס. צומאָרגנס וועקט זי מיכ פרי אופ, וואשט מיר אויס דעמ קאָפּ אונ דאָס פּאָנעמ מיט וואַרעמער וואסער, קעמט אויס מיט א ביינערנ קעמל מײַנע קורצע, אָבער געדיכטע האָר, האָדעוועט מיכ מיט די אלטגעבאקענע רעשטלעכ פונ די פּייסעכדיקע מײַכאָלימ אונ גיט מיר מיט מיט זיכ אינ כיידער אַרײַנ א ריפּטל פרישׂ ברויט.

זי טוט זיכ אָנ שאבעסדיק, נעמט מיכ פאר דער האנט אונ ווענדעט זיכ צו מיר דאָס ערשטע מאָל אינ לעבנ צוגעלאָזט, צארט, ווי א מוטער:

— קומ, פריידל מײַנע, אינ כיידער אַרײַנ.

אונ מיר לאָזנ זיכ פּײַערלעכ אינ וועג אַרײַנ.

אפ דער גאס הייבט זיכ נאָרוואָס אָנ דער פרימאָרגנ. די זונ האָט זיכ מיט אירע פריִע פרישע שטראלנ פארפּלאָנטעט אינ די לאָקנ פונעמ ווײַטנ בערעזע־וועלדל אונ קאָנ בעשומויפנ פונ דאָרט ניט ארויס.

דער פּאסטעכ קאָלקע בעזוראָדני יאָגט אינ פעלד אַרײַנ בא א פיר צענדליק קי. ער בלאָזט אינ דער בערעזענער טרויב אונ קנאלט וויליונגעריש מיט א לאנגער בײַטש. די קי שפּריגנ אומגעלומפּערט אונטער, דריגנ מיט די פיס אונ פארגיכערנ די טריט.

„עך, ווי עס גלוסט זיך עס א לויף טון נאָך די קי, גיין נאָך קאָלקען! ס'ארא ווונדערלעכע בײַטש ער האָט!“ — קריכט א פארעטערישער געדאנק אין קאָפּ ארײַן. אָבער דער מוטערס שווייסיקע האנט, וואָס האלט מיך, דערמאנט אין דער ערנסטקײַט און וויכטיקײַט פון אָט דעם פרימאָרגן, און איך הער גיך אוף צו טראכטן וועגן קאָלקען און וועגן די בעהיימעס.

די גאס כאפט זיך אוף. די ארבעטער אײַלן אפ דער ארבעט. אלטע ייִדן גייען מיטן טאלעס־און־טפילן אונטערן אָרעם צום אינדערפריִעדיקן דאוונען. מענטשן מיט קאָראָמיסלעס אפ די פלייצעס גייען נאָך וואסער. פרויען מיט קיישלעך און קאָשעקלעך גייען אפן מארק.

די מוטער שטעלט זיך אָפּ מיט יעדערן, וועמען זי באגעגנט, זי דערציילט שטאָלץ, וווּהין זי גייט און נאָך וואָס זי גייט.

— איך פיר דעם עלטערן זון אין כיידער ארײַן. ער איז שוין בא מיר א גרויסער. גאָט זאָל אים שענקען לאנגע יאָר.

די באגעגנטע באקוקן מיך פונעם קאָפּ ביז צו די פיס, שמייכלען און זאָגן צוגעלאָזט:

— א וויל ייִנגל. לערן זיך גוט, וועסטו זײַן א ראָוו.

איך וויל ניט זײַן קיין ראָוו. זיי זײַנען אלע אלטע און בייזע. איך וויל זײַן אן איזוואָזטשיק. אָבער איך שווײַג און באהאלט זיך הינטער דער מוטער.

אין כיידער באגעגנט אונדז רעב טעוויע. ער איז אָנעם פידזשאק, אין שטעקשיך אפ די פיס און מיט א פארסמאָלצעוועטער־יארמעלקע אפן קאָפּ.

— א גוט מאָרגן, רעב טעוויע... איך האָב אײַך געבראכט צו פירן מײַן זון...

— א גוט מאָרגן, ראָסי... א גוט ייִנגל בא אײַך. גאָט זאָל אײַך העלפן, איר זאָלט פון אים האָבן אסאך פרייד.

און רעב טעוויע זעצט מיך אנידער בא א גרויסן ניט־געפארבטן טיש, א פארשמירטן מיט טינט, בא וועלכן עס זיצן שוין

באַ א צוועלפ כעוורע, פונקט אזוינע נײַנקע, ווי איכ, נײַגעריקע און פריידיקע. באמ צווייטנ טיש אינעמ זעלבנ צימער זיצנ נאָכ אכט קינדער פונ דער עלטערער קיטע. די דאָזיקע קינדער לייענענ אלע אינײנעמ, און אינ כיידער איז א טומל.

אפ אונדזער טיש ליגט אנ אלעפבייז, וואָס איז אָפּגעדרוקט אפ א גרויסנ גרויענ בויגנ, אָנגעקלעפּטנ אפ א געלנ קארטאָנ. רעב טעוויע טײַטלט מיטנ הילצערנעמ טײַטל איבער די אויסיעס, אָפּשטעלנדיק זיכ אפ יעדערער, און רעדט ארויס אינדערהייכ זייער נאָמענ. און מיר, קינדער, כאזערנ אלע אינײנעמ איבער נאָכ אימ, אויסזינגענדיק דעמ נאָמענ פונ יעדער אָס:

— אלעפ.... בייז.... גימל.... דאלעד....

מײַנ מוטער שטייט עטלעכע מינוט באַ דער טיר מיט א פריידיקנ שמייכל, זי שפּירט נאָכ נאָכ יעדער באוועגונג מײַנער, נאָכ יעדנ ענטפער, דערנאָכ געזעגנט זי זיכ מיט רעב טעוויענ און מיט זײַנ ווײַב און גייט אהיימ.

באטאָג כאפּט זיכ ארײַנ אינ כיידער מײַנ פעטער גרוינעמ.

— איר האָט א פייִקנ פּלימעניק,—באגעגנט אימ דער רעבע,— ער קאָנ שוינ אסאכ אויסיעס. ער וועט, זאָג איכ אײַכ, זײַנ א עמעסער לאמדנ...

און דאָ גלײַכ דעמאָנסטרירט רעב טעוויע דעמ פעטער מײַנע דערפּאָלגנ. ער זעצט זיכ אנידער לעמ מיר, נעמט דעמ אלעפ־בייז און נעמט טײַטלענ מיטנ ווײַזפינגער איבער די שורעס.

— וואָס איז דאָס פאר אנ אָס? — פרעגט דער רעבע, אָפּ־שטעלנדיק דעמ פינגער באַ אוועלכנ ס׳ניט איז אָס פונעמ אלעפבייז.

איכ שרײַ אויס דעמ נאָמענ.

פאר יעדנ ריכטיקנ ענטפער וואַרפט מיר דער פעטער גרוי־נעמ, וואָס שטייט הינטער מיר, פונויבנ א צוקערקע.

— דאָס וואַרפט דיר דער מאלעכ גאווריִעל פונעמ הימל צו־קערקעס פאר דײַנע דערפּאָלגנ,— זאָגט רעב טעוויע.

דער פעטער שמייכלט. אנ אופגערעגטער, באמערק איכ ניט דעמ פעטערס פּאָקוס. איכ גלייב אינ דעמ, וואָס דער רעבע זאָגט, אונ בינ ביז גאָר צופרידנ מיט דער אופמערקזאמקײַט צו זיכ ניט בלויז אפ דער ערד, נאָר אויכ אפנ הימל.

— געזונט פארנ ערשטנ מאָל, — זאָגט דער פעטער. — א ווויל ייִנגל, די מאלאָכימ האָבנ דיר געגעבנ אסאכ צוקערקעס. קומ אהיימ, וועלנ מיר דערציילנ דעמ פאָטער אונ דער מוטער וועגנ דײַנע דערפאָלגנ.

דער פעטער נעמט מיכ אפ די הענט, זעצט מיכ אופ רײַטנדיק אפ די פלייצעס אונ טראָגט מיכ אהיימ.

אינדערהיימ פרעגנ מיכ אלע אויס וועגנ דעמ כיידער, וועגנ רעבנ טעוויענ, וועגנ די מאלאָכימ, וויאזוי זיי זעענ אויס אונ וואָס זיי האָבנ גערעדט, ווענ זיי האָבנ מיר געשענקט די צוקערקעס.

— נו, ווי מיינסטו, דער מאלעכ גאווריִעל האָט א גרויסע באָרד צי א קליינע? — פרעגט מיכ דער פעטער גרוינעמ אונ לאכט.

מ׳רעדט מיט מיר הײַנט אסאכ וועגנ די מאלאָכימ, מ׳דערציילט אסאכ, אונ איכ הייב ביסלעכווײַז אָנ צו טראכטנ, אז איכ האָב זיי ווירקלעכ געזענ. אינ מײַנ פאָרשטעלונג שווימענ זיי ארויס אינ דער געשטאלט פונ מוישע ראבײנו, ווי ער ווערט געמאָלט אפ די פאפירענע פענדלעכ צו סימכעס־טוירע.

— א לאנגע־לאנגע באָרד אונ אזא גרויע, גרויע, אונ פליגל האָט ער גאָר גרויסע... שטארק גרויסע, נאָכ גרעסערע אפילע, ווי אונדזער רויטער האָנ.

די דערוואקסענע לאכנ, אונ דאָס קליינוואַרג הערט מיכ אופמערקזאמ, פארטײַענדיק דעמ אָטעמ, אונ איז מיר מעקאנע.

אינאָוונט זיצ איכ א פרייִלעכער אונ א לויכטנדיקער בא קיטײַטשיקנ אפ די קני אונ דערצייל אימ וועגנ מײַנע הײַנטיקע פאסירונגענ.

— זע נאַר, זע נאָר, יאָסקע,— זאָגט פּלוצעם קיטײַטשיק און ווײַזט מיר מיטן פינגער אפן הימל,— דער מאלעך גאווריעל פליט צוריק אינ הימל אַרײַנ...

איך הייב אוף דעם קאָפּ און זוך אפן הימל דעם מאלעך. קיטײַטשיק קיצלט מיך באַם גערגעלע, לאכט הילכיק און זאָגט צוגעלאָזט:

— נו, ביסטו א נאריש ייִנגל, יאָסקע...

— אונ דו קיצל מיך ניט אונ נאר מיך ניט אָפּ,— בלאָז איך זיך אפ קיטײַטשיקן.

— אוך, ס׳אַנ ערנסטער דו ביסט! איך האָב גאָר פארגעסנ, אז דו גייסט שוינ אינ כיידער אַרײַנ,— זאָגט קיטײַטשיק אונ ווארפט מיך אפ זײַנע הענט אינדערהייך. — אָט וועל איך דיך א וואָרפטונ צום הימל, וועסטו א פלי טונ, ווי א מאלעך.

— איך וויל ניט... דו ביסט א בייזער, קיטײַטשיק,— קאעס איך זיך נאָך אלץ.

— נו־נו, זײַ ניט אינ קאס, ייִנגל,— באַרויִקט מיך רעב באָרעך אונ דערציילט אסאך קאָמישע געשיכטעס וועגנ זײַנ אלטנ רעבנ, אונ איך פארגעס גיך די באליידיקונג.

אונדזער כיידער געפינט זיך אינ דער נידער, אינ אנ אלט, שטארק אײַנגעבויגנ הילצערנ שטיבל. זומער איז אינ כיידער, ניט געקוקט אפ דער פײַכטקײַט, אומדערטרעגלעך הייס אונ דושנע, אונ ווינטער — א שרעקלעכע קעלט. די פענצטער ווערנ פארוואקסנ מיט א דיקנ שיכט אײַז, ווערנ ניט־דורכזיכטיק, אונ אינ הויז שטייט א גרויע האלבטונקלקײַט. פרילינג אונ הארבסט בײַס די רעגנס זאמלט זיך אינ דער נידער אָנ וואסער, גיסט זיך ברייט פאנאנדער ארום־אונ־ארום, בילדנדיק קאליזשעס, וואָס ס׳איז זיי אומעגלעך דורכצוגיינ, אונ מיר גייענ דורך אינ כיידער אַרײַנ איבער שמאָלע ברעטלעך אונ שטיקלעך ציגל, גליטשנ זיך אָפטמאָל אויס אונ פאלנ אַרײַנ אינ בלאָטע אַרײַנ.

אמאָל נאָך באזונדערס שטארקע רעגנס, רינט די וואסער אַרײַנ

צו אונדז אינ כיידער, צעגיסט זיכ איבערנ פוילנ דיל אונ פארטרינקט דאָס שטיבל. דעמלט פארמאכנ מיר, די צוואנציק קינדער, דעם כומעש, באוואָפענענ זיכ מיט שמאטעס, ווישנ אויס דעם דיל, קוועטשנ אויס די וואסער אינ די שמוציקע עמערס, וועלכע דעמ רעבנס וויַב, דוואָסיע, טראָגט ארויס אפנ הויפ.

פונ אינדערפרי ביז באנאכט, שאָקלענדיק זיכ אהינ אונ צוריק, כאזערנ מיר טעמפ איבער נאָכנ רעבנ, רעב טעוויענ, דעמ העברעיִשנ טעקסט פונ דער פארשע כומעש—גאָרנישט ניט פארשטייענדיק, כאזערנ מיר זי איבער, ווי די אווטאָמאטנ, זינגענדיק יעדער וואָרט, אָנ שום זינענ אונ צוועק. טעוויע אליינ פארשטייט אויכ גאָרניט אינ אָט די טעקסטנ. ער קאָנ קאַמ לייענענ אונ ער לערנט אונדז פונקט אזוי, ווי די פאָטערס אונ די זיידעס האָבנ אים געלערנט.

מיר לערנענ די צענ געבאָטנ.

— גאנווע ניט, — לייענט רעב טעוויע.

— גאנווע ניט, — כאזערנ מיר אלע אינדערהייכ איבער, ניט פארשטייענדיק, פארוואָס טאָר מענ ניט גאנווענענ.

אונ פונ וואָס וועלנ לעבנ די מענטשנ פונ קארוסעלנע געסל, אויב זיי וועלנ ניט גאנווענענ?

— זאָלסט ניט גלוסטנ, — לייענט וויַטער רעב טעוויע.

— זאָלסט ניט גלוסטנ, — זינגענ מיר, קינדער, אלע אינאיינעמ.

— וואָס הייסט, רעבע, זאָלסט ניט גלוסטנ? — פרעג איכ מיט מוירע.

אלס ענטפער אפ מייַנ דורשט צו וויסנ טוט א קלונג א באַ־לײדיקנדיקער פאטש.

— פיר ניט איבער, שארלאטאנ, קיינ איידעלע קינדער אונ פרעג ניט דאָס, וואָס דו ווייסט נישט, — שרײַט דער רעבע, וואָס איז ארײַנ אינ א ווילדנ קאס.

איכ פארשטיי ניט, פארוואָס בינ איכ א שארלאטאנ אונ מיט

וואָס פיר איך איבער די קינדער, אָבער איך שווייַג און פרעג שוין מער קיינמאָל גאָרניט רעב טעוויען.

דער מאלעכ גאווריִעל האָט אין אונדז אפּנ צווייטנ טאָג פון דער לערע פּארגעסנ, און מיר באקומענ אָנשטאָט קאָנפּעטנ קלינגענדיקע פּעטש און קלעפּ מיטנ קאנטשיק איבער דער פּלייצע. מיר טאָרנ זיך אינ ערגעצ ניט רירנ, וועגנ גאָרנישט ניט טראכטנ. דער שרעקלעכער ייִדישער גאָט גייט אונדז נאָכ פוס־טריט, שפּיאָנירט נאָכ נאָכ יעדנ שריט אונדזערנ און שרעקט אונדז מיט דונער, בליצ און הייסע סקאָוואָראָדעס אינ גענעם.

איך האס דעם כיידער און רעב טעוויען. אינ מיר זידט שטורמיש דאָס לעבנ, וואָס וויל ניט דערשטיקט ווערנ, און עס שטויסט מיכ פון דער דושנער, טייטנדיקער טורמע אפּ דער גאס ארויס. און אָפּטמאָל אינדערפרי אָנשטאָט צו גיינ אינ כיידער אריינ, פארקערעווע איך אפּנ בייסוילעם, אינ פעלד אָדער אפּנ פּלאצ.

איך לויפ א גאנצנ טאָג נאָכ נאָכ דער זונ. צוזאמענ מיט איר קלעטער איך אפּ דיביימער, שפּרינג דורכ די קוסטעס, לאָז זיך אראָפּ אינ דער נידער און אינ די גריבער, גליטש זיך און שווים איבערנ וואסער, קלעטער אפּ דעכער, שפּיל זיך, ווי א הע־זעלע...

איך קער זיך אום שפּעט באנאכט א פריידיקער, א צופרידע־נער, א פריילעכער. איך מאכ אנ אומשולדיק פּאָנעם, און קעדיי צו פארבאהאלטנ די שפּורנ, טראכט איך אויס אלערליי געשיכטעס ניט־געשטויגנ, ניט־געפלויגנ וועגנ דעם לעבנ אינ כיידער אָט דעם טאָג.

אָפּטמאָל, בלאָנדזענדיק איבערנ פעלד אָדער איבער די פּלעצער, שטויס איך זיך אָנ אפּ דער שוועסטער אָדער אפּ עמעצנ אנדערש פון אונדזער הויז, און איך כאפּ פּעטש אריינ פון דער מאמענ פאר מייַנ פרייַהייַט.

אָפּט שיקט מיכ דוואָסיע, דעם רעבנס ווייַב, אפּנ הויפ נאָכ־קוקנ נאָכ איר צווייִעריק אייניקל ריוועטשקע. איינמאָל האָט

טעוויע שוואכ געפרווט דערווידערנ דעם ווייַב און ניט לאָזנ מיכ אפנ הויפ מיטנ אייניקל.

— יאָסקע קאָנ איצט ניט גייַנ,— האָט ער געזאָגט צום ווייַב.— מיר הייבנ אָנ א נייַע פארשע[1]). ער טאָר ניט אוועקגייַנ.

— ווער אנשוויגנ, אלטער פערד. דו ווערסט מיכ א לעבעדיקע פארטרייַבנ אינ קייווער אריַינ. וואָס דענ זאָל איכ טונ מיט דעם מיידעלע? ווער וועט מיט איר שפאצירנ? איכ האָב ארבעט איבערנ קאָפ. דייַנ יאָסקע וועט גאָרנישט ניט אָנווערנ, וועט ער מיט א שאָ שפעטער ווערנ א ראָוו... גיי, יאָסקע, מיט ריוועטש־קענ אפ דער גאס און פאָלג ניט די אלטע קו.

— וואָס האָסטו זיכ צעשריגנ? איכ האָב גאָרניט קעגנ. זאָל ער זיכ גייַנ געזונטערהייט מיט ריוועטשקענ... דאָס האָב איכ נאָר אזוי זיכ...

— אהא, דאָס האָסטו אזוי זיכ... נאָכ וואָס־זשע דארפסטו ריידנ? נו, ביסטו עס א נארישע קו! ווער האָט דיכ, אזא אומגליק, אויסגעטראכט אפ מייַנ קאָפּ?

מער פרווט זיכ שוינ טעוויע ניט דערווידערנ זייַנ ווייַב.

איכ בינ שטענדיק ביז גאָר צופרידנ, ווענ איכ קאָנ פאָטער ווערנ פונעם דושנע כיידער, א שטיפ טונ אפ דער פרייַ־הייַט, און איכ בעט זיכ אָפט אליינ בא דוואָסיענ צו גייַנ שפא־צירנ מיט איר אייניקל. אָבער עס טרעפט, אז איכ אליינ, וואָס בייטיק זיכ נאָכ אינ א ניאנקע, פארשפיל זיכ אינ אוועלכער ניט איז שפיל און פארגעס אינ דוואָסיעס אייניקל. און ווי אפצולאָכעס פארקריכט דערווייַל דאָס מיידעלע וווהינ ס'ניט איז, פארטשעפעט זיכ בא די קינדערשע פיסעלעכ, פאלט אום און הייבט אָנ מיט אלע קויכעס צו שרייַענ אפנ גאנצנ הויפ. איכ לויפ, דערהערנדיק איר געשריי. דוואָסי איז שוינ פונ לאנג אפנ אָרט. זי האלט דאָס מיידעלע אפ די הענט, בארויקט עס, שלאָגט מיכ, שרייַט ווילד:

[1]) א קאפיטל.

— אזוי קוקסטו נאָך נאָכן קינד! נאָך וואָס האָב איך דיך אהער געשיקט?

רעב טעוויע גייט אוועק אין בעסמעדרעש אריַין דאַוונען מינכע, הײַנט איז זײַן מוטערס יאָרצײַט. וועגן דעם דערציילט איך דער שטיקנדיקער אוועק פונעם טשאַדענדיקן לעמפל, וואָס ער האָט אָנגעצונדן נעכטן אינאָוונט. דוואָסי איז אויך ניטאָ אינ־דערהיים. מיר בלײַבן אליין. אין כיידער איז סדאָם. די גרויסע כומאָשים אין די שווערע אײַנבונדן פליִען אינדערלופטן און טוען זיך א זעץ אין די ווענט, ווי בלינדע שווארצע פייגל. די צעריסענע סידורים וואלגערן זיך אפן דיל, צעטראָטענע און נע־בעכדיקע. דער קליינער מוישע מאכט זיך פאר א האָן, ער קלאפט זיך מיט די דלאָניעס איבער די ליטקעס און שרײַט ווילד: „קו־קו־רע־קי!" באם טיש שפילט א גרופע יינגלעך אין פעדערן. עמע־צער האָט דאָ עמעצן אָפּגענארט. עס הייבט זיך אופ א געשריי און א גוואלד. אפן דיל קײַקלט זיך א לעבעדיקער קנויל קינדער, שלאָגנדיק און דראפענדיק איינס דאָס אנדערע. זאלמען, ראָגינסקי' דעם שענקערס, גאנוועט זיך אומבאמערקט אונטער צו מיר און טוט מיך א שטארקן ריס בא די האָר. איך שריַי פאר ווייטעק, צעפּאָכע זיך מיטן פויסט, איך וויל אים א קלאפּ טון. זאלמען שפּרינגט מיט א געלעכטער פון מיר אָפּ, כאפט דעם טינטער און ווארפט אים מעשוגענערווײַז אפן דיל. ער פאלט אפּ א צעעפנטן כומעש, און א גרויסער שווארצער טינט־פלעק פארגיסט לעס־טערנדיק די צען געבאָטן.

עס קערט זיך אום רעב טעוויע. די קינדער פארווישן גיך די שפורן פונעם פּאָגראָם, לייגן צונויף, ברענגען אין אָרדענונג די צעוואָרפענע ביכער, זעצן זיך שטיל אנידער אפ זייערע ערטער, מאכן א פרומע מינע און שאָקלען זיך איבער די הייליקע ספאָרים, ווי עס פאסט פאר פרומע יידן. רעב טעוויע נעמט אראָפּ זײַן שמוציקן סערדעט, א דורכגעווייקטן אין שוויים, טוט אָן די יארמעלקע און זעצט זיך לעם אונדז באם טיש.

— לייענ, יאָסקע, — זאָגט ער מיטנ זעלבנ אומעטיקנ געזאנג, ווי מיר. — אונ איר, קינדער, הערט. וויאַזוי שטייט דאָרט: „אונ מוישע איז ארופגעגאנגענ אפנ בארג סינײַ...‟

א ריזיקער פלעק האָט פארדעקט דעמ טעקסט, אונ איכ קאָנ אינ אימ גאָרניט פאנאנדערקלײַבנ. איכ שווײַג.

— וואָס שווײַגסטו? ביסט שטומ געוואָרנ, צי וואָס? לייענ, — כאזוערט בייז איבער רעב טעוויע.

איכ שווײַג ווײַטער. רעב טעוויע קוקט אפ מיר מיט קאס אונ באמערקט ערשט איצט דעמ פלעק אינעמ כומעש. ער כאפט מיט זײַנע צוויי דארע פינגער מײַנ אויער אונ שרײַט אפנ גאנצנ כיידער:

— דו האָסט ווידעראמאָל צעגאָסנ טינט! דאָס בלוט וועל איכ דיר צעגיסנ, באָסיאק! זע נאָר, ווי ער האָט פארשמירט דעמ הייליקנ סייפער!

— ניט איכ האָב אויסגעגאָסנ דעמ טינט, — וויינ איכ פאר באליידיקונג אונ ווייטעק.

— איכ קאָנ דיכ גוט, שארלאטאנ, — רײַסט ער ווײַטער ווייטעקדיק מײַנ אויער.

— דאָס האָט זאלמענ א וואָרפ געטאָנ דעמ טינטער אפנ כומעש, — שטעלנ זיכ פאר מיר אײַנ עטלעכע קינדערשע קעלעכלעכ.

— וואָס נאָכ וועט איר אויסטראכטנ! זאלמענ איז ניט אזא באָסיאק, ווי יאָסקע...

— ניינ, יאָסקע האָט ניט צעגאָסנ דעמ טינט. יאָסקע איז ניט שולדיק, — שרײַענ די קינדער.

רעב טעוויע לאָזט אָפ מײַנ אויער, קוקט מיט מיטגעפיל אפ זאלמענענ.

— וואָס האָט איר זיכ צעשריגנ? — וואָרטשעט ער. — דער קאָפ קאָנ פלאצנ פונ אזא געשריי. אויכ מיר א זאכ — צעגאָסנ דעמ טינט! ניט קעדײַ צוליב איינ זײַטל אופצוהייבנ אזא גוואלד! אינ

ערגסטן פאל קאָן מען עס שטענדיק איבערלייענען אין אן אנדער סייפער...

אין כיידער כאָווער איך זיך בלויז מיט איין ייִנגל, מיט כאַיִם העלפאנד, א סטאָליערס א זון, וואָס ווינט אפ סעמיאָנאָווסקע גאס. אנדערע קינדער קוקן אפ מיר פונויבן אראָפּ, מאכן זיך גרויס מיט זייער „ייִכעס", לאכן פון מײַן אָפּגעטראָגן, אויסגעריבן און פארלאטעט אָנטון, און איך האָב זיי ניט ליב.

איך און כאַיִם אנטלויפן אָפּט פונעם כיידער. לויפן נאָך דעם מעשוגענעם פײַוויש באראָן, רייצן זיך מיט אים, ווארפן אין אים בלאָטע, לאָזן פאפירענע שלאנגען, צעווארפן נעסטן, באָדן זיך אין די גריבער אפן ציגל־זאוואָד, גאנווענען „זשוליקעס" אין דער טערקישער בעקערײַ. פרײַטיק צונאכטס נאָך דער וועטשערע קלײַבן מיר זיך צונויף צוזאמען מיט אים און מיט נאָך כאווײרים פון דער גאס אין טעסלערשן בעסמעדרעש. אין דער ווײַבערשער שול צינדן מיר אָן א שטיקל ליכט, וואָס מיר האָבן צוגעגאנוועט פונעם אָמעד, זעצן זיך אויס ארום דעם ליכטל אפן הוילן דיל און שפילן שאָענלאנג אין פענעס, אין קנעפלעך, און אָפּטמאָל אויך אין קאָרטן אף שוועבעלעך און פאפיראָסן אָנשטאָט געלט.

א שרעקלעכע זאווערוכע פארשיט דעם וועג מיט שניי, קלאפט ביז אין די פענצטער, וואָס זײַנען באדעקט מיט אײַז, און וואָיעט ווילד. מיר זיצן אין די פאלטעס און אין די היטלען, ציטערן פאר קעלט און הערן דעם אלטן טעוויעס מאָנאָטאָנקאָל.

— ...און די ייִדן האָבן געבלאָנדזעט איבער דעם ווילדן מידבער. ארום־און־ארום איז ניט קיין גרעזעלע, קיין צווײַגל, בלויז טיפער זאמד... און אין פאָלק האָבן זיך אָנגעהויבן טײַנעס: צוליב וואָס האָט מען אונדז אהער געבראכט? שטארבן האָבן מיר געקאָנט אויך אין מיצראַיִם. עס איז בעסער קנעכטשאפט, איידער א הונגער־טויט. טאָג און נאכט האָט מוישע געבעטן צו גאָט, ער זאָל ראטעווען דאָס אויסגעמוטשעטע און הונגעריקע פאָלק. און

גאָט האָט זיך צוגעהערט צום נאָוויס טפילעס און האָט אראָפּגע־שיקט פונעם הימל אַף דער ערד דעם מאַן...

— ווו נעמט מען ערגעץ א ביסל מאָן? — זאָגט מיר שטיל כאַימ. — עפעס איז מיר ניט גוט, יאָסקע, עס דרייט זיך מיר דער קאָפּ. איך האָב פון אינדערפרי אָנ גאָרנישט ניט געגעסנ. היינט איז ניט מיין טאָג אַפ צו עסנ... עפשער האָסטו א שטיקעלע ברויט?

כאַימס פאָטער איז א גאנצנ ווינטער אָנ ארבעט, און די קינ־דער אינדערהיימ באקומענ ברויט לויט דער ריי, א טאָג איבער א טאָג.

— איך האָב אפילע ניט קיינ קרישקע, כאַימ, — ענטפער איך, — אינדערפרי האָב איך אָפּגעשלעפּט בא ריוועטשקענ א סקאָרינקע, האָב עס אופגעגעסנ און האָב מער א גאנצנ טאָג אויך ניט געזענ קיינ ברויט אינ די אויגנ.

— אַכ, ווענ דו וויסט, יאָסקע, ווי מיר גלוסט זיך עסנ.

— לאָמיר גייננ צום טערק, — זאָג איך שטיל צו כאַימענ, — עפשער וועט זיך איינגעבנ עפּעס דאָרט אוועקצושלעפּנ און אָפּצוּ־עסנ...

כאַימ שאָקלט מיטנ קאָפּ אַפ „יאָ", ער באגיטיקט עס הייסט עס, און מיר אנטלויפנ גיכ איינס נאָכ ס'אנדערע פונעם כיי־דער.

אַפ דער גאס ווייעט די זאווערוכע, קלאַפּט מיטנ קאַלטנ שניי אינ פּאָנעם אריינ, קנייפּט די נאקעטע אויערנ, די באקנ, די נאָז און די שוואכ באשיצטע פיס. מיר איילנ זיך אינ בעקעריי.

— שלעכט, ווענ עס גלוסט זיך עסנ, — זאָגט אַפּנ וועג כאַימ, צונויפדרייענדיק זיך פונ קעלט. — אָט, מיינ מוטער, זי קאָנ ניט עסנ אפילע א גאנצע וואָכ, וועט מיט איר גאָרניט געשענ. און איך קאָנ ניט. איך האָב שוואכע קישקעס. ווענ איך עס לאַנג ניט, דרייענ זיי זיך צונויפ, עס ציט שטארק אונטערנ לעפעלע, און דער קאָפּ הייבט זיך אָנ צו דרייענ, ווי בא א שיקערנ...

— איך קאָן אויך לאַנג ניט הונגערן, — ענטפער איך. — פונ הונגער ווער איך אין קאָס און בייז. איינמאָל האָב איך, א הונ־ געריקער, אפילע צעביסן מײַנע שוועסטער ביז בלוט. די מאמע האָט מיך אָנגעשלאָגן. „ווו ביסטו עס אויסגעוואַקסן אזא מינ כײַע? — האָט זי געשריִען. — מ'מעג דען בײַסן לעבעדיקע מענטשן?" און איך, ווען איך בין הונגעריק, וואָלט איך ניט בלויז א מענטשן אופגעגעסן, נאָר אפילע א לעבעדיקן העלפאַנט... איך האָב אזא כאַראַקטער...

— איך בין אויך בייז, ווען עס איז ניטאָ וואָס צו עסן, — זאָגט כאַיִם. — אָבער בא מיר הייבט זייער גיך אָן ווײַ צו טונ דער קאָפּ, און איך פאַל כאַלאָשעס. איך בין א שוואַכער. איינמאָל האָט מען מיך אפילע געמוזט אָפּשפּריצן מיט וואַסער. איך האָב ניט געקאָנט קומען צו זיך...

מיר גייען צו צו דער בעקערײַ.

— נו, אָט איז דער טערק. איצט האַלט זיך, כאַיִם, פעסט!

איך עפן ניטאַנטשיידן אופ די סקריפּנדיקע טיר, און מיר גייען ביטדרייסט אַרײַן. דער טערק מיט די וואָנסן, אינ א רויטער פעסקע, זיצט לעם דער קאַסע; ער טרינקט טײ. ער קוקט ניט־ פרײַנטלעך אינ אונדזער זײַט.

— פאַרמאַכט פעסטער די טיר. ס'איז שוינ איינ מאָל א וועטער! — האָט ער בייז א זאָג געטאָן דורך זײַנע שוואַרצע וואָנסן.

איך האָב מיט א זײַט צוגעשפּאַרט די טיר, האָב צוליב דרייסט־ קײַט א הוסט געטאָן און האָב זיך אינדערהייך געווענדעט צו כאַיִמען:

— וואָס קויפן מיר? קיינ פּיראָזשנעס האָב איך ניט ליב. זיי זײַנען צו זיס. לאָמיר בעסער נעמען „זשוליקעס" אָדער בולקעלעך. ווי מיינסטו?

כאַיִם האָט אָנשטאָט אַן ענטפער א בורטשע געטאָן עפּעס אומ־ פאַרשטענדלעכס. איך בינ צוגעגאַנגען צו דער סטויקע, האָב

אָנגעהויבן צו באַקוקן די בולקעלעך, אויסזוכנדיק, וועלכעס איז באַקוועמער אוועקצושלעפּן, און האָב די גאַנצע צײַט ניט אַראָפּ־גענומען דאָס אויג פונעם טערק. איך האָב געפּאַקט אַ מאָמענט, ווען דער טערק איז געווען פאַרנומען מיט אַ קוינע, האָב איך פלינק געכאַפּט די אָנגעמערקטע בולקע און האָב זי גיך אַרײַנגע־רוקט אין פאַזעכע אַרײַן.

— ניט קיין גוטע בולקעס הײַנט, פאַרבריענטע, — האָב איך זיך מיט אַ געמאַכט רויִק קאָל געווענדעט צו כאַימען. — די מאַמע וועט אונדז זידלען, אויב מירן נעמען אַזוינע. לאָמיר גיין צו איטען קויפן פרישע בייגל. ווי מיינסטו?

— איך רעכן אויך, אַז מ׳דאַרף קויפן פרישע בייגל, — האָט כאַיִם ערנסט געענטפערט.

מיר גייען פאַמעלעך אַרויס אויף דער גאַס.

— ווי פלינק עס האָט זיך באַקומען! — שמייכל איך צו כאַיִמען.

— נו, ביסטו אַ מאַלאָדיעץ, יאָסקע! בײַ מיר וואָלט זיך אַזוי ניט באַקומען! איך בין אַן אומגעלומפּערטער...

און צופרידענע צעפלעכטן מיר גיך די אוועקגעגאַנווטע בולקע.

— אָט אַ געשמאַקע...

— אַ פרישע... איך וואָלט אופגעגעסן הונדערט...

— נויעך האָט די טעג צוגעשלעפּט אַ גאַנצן ריפּטל ווורשט, און איך מיט אָשערן האָבן עס אײַנדרײַען אופגעגעסן אָן ברויט. עס איז אײַנערגעץ ניט מעגלעך געווען אוועקצושלעפּן קיין שטיקל ברויט. דער פאַרשאָלטענער טערק איז ניט אָפּגעגאַנגען פון דער סטויקע און האָט געקוקט מיט ביידע קוקערס.. דער קאָלבעס איז געווען אַ טרייפער, נאָר אַזאַ געשמאַקער...

— טרייפער? און דו, יאָסקע, האָסט געגעסן טרייפן קאָל־בעס?

— וואָס איז דען?

— האָסט ניט מוירע געהאַט?

— וואָס איז דאָ מוירע צו האָבן?

— פארן געןעמ.

— איך האָב גאָר אין אים איינגאנצן פארגעסן. עס האָט זיך זייער געגלוסט עסן. און דער קאָלבעס איז געווען אזוי געשמאַקער...

— א־יאָ ס׳איז עמעס, אז מ׳איז הונגעריק, פארגעסט מען אין אלץ?..

— נו, יאָ, מ׳פארגעסט...

— זאָגסט, ער איז געווען געשמאק? איך האָב קיינמאָל קיין קאָלבעס ניט געגעסן...

— מירן גיין מאָרגן און מירן אוועקשלעפן. דער קאָלבעס הענגט אפן דינע שטריקעלעך. טוסט א שלעפּ א קאָלבעס, רייסט זיך דאָס שטריקל גלייך אָפּ, און דער קאָלבעס איז דיינער. מ׳פארשפּאָרט דיך שוין מיט דעם צו זען...

— און אויב מ׳וועט כאפּן, יאָסקע?

— אז מ׳וועט כאפּן, וועט מען אָנברעכן די ביינער...

— יאָ, עמעס, מ׳קאָן ארייַנכאפּן... נעכטן האָט מען מייַן מוטער פעסט אריינגעלייגט פארן ברויט, מ׳האָט איר אויסגעקלאפּט א צאָן, דאָס גאנצע פּאָנעם מיט סיניאקעס געמאכט... און פאר קאָלבעס וועט מען נאָך שטארקער ארייַנלייגן. ער איז דאָך טייַערער פון ברויט...

— געוויס קאָן מען. יעדערן איז טייַער זייַן גוטס.

— דאָס איז ריכטיק.

די בולקע האָט אונדז ניט אָנגעוואָרעמט, ניט אָנגעזעט. עס איז געווען קאלט. עס האָט זיך נאָך מער, ווי פריִער, געגלוסט עסן.

— אכ, ווען מייַן טאטע וואָלט געווען א טערק! אלע טערקן האָבן בעקערייַען. זיי זייַנען רייַכע און זאטע, — טרוימט כאַיִם אינדערהייך.

מיר גייען זיך פאנאנדער אהיים...

בא רעב טעוויען האָב איך געלערנט צוויי יאָר. דערנאָך בין איך איבערגעגאנגען צו רעב מייערן אין כיידער אריין, ווו עס האָבן געלערנט עלטערע קינדער.

אינעם נייעם כיידער בא רעב מייערן ווער איך ווייטער אויס־געליידיקט פיזיש און גייסטיק. די זעלבע האָפנונגלאָזיקייט און אויסזיכטלאָזיקייט, די זעלבע דושנע טורמע אָן לופט און זון, וועלכע נעמט בא מיר אָפּ די פרייהייט און דערהארגעט מיין קינדהייט.

איך בין שוין אלט ניין יאָר. שוין פיר מיט א האלבן יאָר, אז איך לערן אין כיידער. איך האס אלץ, וואָס איז פארבונדן מיטן כיידער. אין מיר וואקסט א פראָטעסט. איך בין כוצפעדיק און אומדערטרעגלעך. איך זידל זיך מיט גאסן־ווערטער און בארים זיך מיט מיין צעלאָזנקייט.

מיין לערנען אין כיידער ענדיקט זיך אינגאנצן אומדערוואר־טעט.

א יונ־מאָרגן בלאָנדזשעט אום איבער דער גאס, קוקט אריין אין די פענצטער און רופט אפּ דער פריי. שאָקלענדיק זיך פארויס און צוריק, לייענען מיר מיט א געזאנג די מייסע וועגן יוינגע דעם נאָווי, וועגן זיין לעבן אינעם בויך באם יאם־פיש.

— א מאָדנע זאך, — באמערקט כאים, וועלכער לערנט זיך צוזאמען מיט מיר באם רעבן מייער, — נו, און מיט וואָס האָט יוינגע האנאָווי געאָטעמט? וויאזוי איז ער נישט דערשטיקט גע־וואָרן? אָן לופט קאָן א מענטש ניט לעבן...

— שווייג, שייגעץ! מ'מעג דען אזוי ריידן? אויב גאָט וויל, קאָן מען לעבן אויך אָן לופט...

— דאָס איז אלץ אָפּנארעריי. עס איז קיין שום גאָט ניטאָ, עס זיינען בלויז פאראן פּלאנעטעס, וואָס דרייען זיך, — ענטפער איך אָפּ, איבערכאזערנדיק די פראזע, וואָס איך האָב אסאך מאָל געהערט פון שאָלעם אייזנשטאט.

— שוויי, אפּיקוירעס... דער צונג וועט בא דיר אָפּדארן...

— דער צונג וועט אָפּדאַרן בא דעם, וואָס לייגט, און איך לייג ניט, — ענטפער איך וויטער אָפּ רעב מייערן.

די קינדער שטיקן זיך פון געלעכטער.

— ריכטיק, — האלט מיך כאַים אונטער, — מײַן טאטע זאָגט אויך, אז עס איז קיין גאָט ניטאָ, און אז עס זײַנען פּאראנג בלויז זשוליקעס...

— ווערט אנשוויגן, שארלאטאנעס. אניט וועל איך בא אייך ארויסרײַסן דעם צונג, דעם קאָפּ אראָפּנעמען, — גייט מייער ארויס פון די קיילים.

ער שלאָגט מיך איבערן פּאָנעם און טרעפט צופעליק אין אויג אריין.

איך הייב אָן צו וויינען. די סינע, וואָס האָט זיך אין מיר פאר די יאָרן אָנגעזאמלט, רײַסט זיך ארויס אינדרויסן. איך ווארף זיך אפן רעבן מיט די פויסטן. אין כיידער הייבט זיך אופ א סומאטאָכע. פון ערגעץ באווײַזט זיך מייערס ווײַב. זי כאפּט מיך פאר די הענט און שרײַט איבערן גאנצן כיידער:

— אוי־אוי, ווי איז מיר, גאזלען, וואָס טוסטו? דעם רעבן ווילסטו שלאָגן מיט די קולעקעס? גאָט זאָל דיר צעברעכן די הענט. זאָלסט אפ יענער וועלט האָבן דעם גענעם.

— לאָז אָפּ, אלטע מעכאשייפע, — שרײַ איך און באפרײַ מיט א שארפער באוועגונג די הענט. איך לויף אוועק אין גאס ארײַן.

כאַים איז שוין לאנג אפ דער פרײַ. ער האָט אויסגענוצט די סומאטאָכע און איז דורכן פענצטער ארויסגעשפּרונגען אפן הויף. מיר האָבן זיך געטראָפן אפן בייסוילעם.

— איך וועל מער אפ קיין פאל אין כיידער ארײַן ניט גיין, — זאָג איך פעסט צו כאַימען.

— דו האָסט אים געדארפט געבן מיטן פוס אין קילע ארײַן, וואָלט ער זיך מער ניט געשלאָגן, — פילט מיר כאַים מיט. — און ער האָט דיר פעסט דערלאנגט אין אויג ארײַן, א סיניאק איז ארויסגעשפרונגען. וואש עפּשער אויס מיט וואסער, וועט

דיר גרינגער ווערן. קום אפּן זאוואָד, מירן זיך דאָרט אויס־באָדן.

— און מיר טוט ניט וויי, — מאַך איך אַן אָנשטעל, — איך וועל אים מיט א שטיין צעזעצן דעם קאָפּ. ער וועט פאַרגעדענ־קען...

— לאָמיר זיך פאַרשרײַבן פאַר גאזלאָנים און דערהארגענען מייערן, — זאָגט כאַים.

— איך וועל אים אליין, אָן גאזלאָנים, דערהארגענען. וועסט זען...

מיר שלעפּן זיך א גאנצן טאָג ארום איבער דעם בייסוילעם און איבער די פּלעצער און באַטראַכטן פאַרשיידנערליי פאַנ־טאַסטישע פּלענער, וויאַזוי צו נעמען נעקאָמע אינעם באַליידיקער.

אהיים קער איך זיך אום שפּעט, איך לייג זיך אפּ די נארעס אין פּאָדערהויז לעם רוווענען. אין קאָפּ ארײַן קריכט מיר איין געדאַנק שווערער פונעם אנדערן, זיי לאָזן מיך א גאנצע נאַכט ניט שלאָפן. איך באַשליס פעסט צו מאַכן א סאָף מיטן כיידער.

אינדערפרי דערזעט די מוטער גלײַך אונטערן אויג דעם סי־ניאַק.

— מיט וועמענ האָסטו זיך ווײַטער געשלאָגן? ווער האָט דיר אונטערגעקלאַפּט דאָס אויג? — פרעגט זי שטרענג און, ניט דער־וואַרטנדיק זיך אפּ קיין ענטפער, שלאָגט זי מיך מיטן ראָהאַטש איבערן רוקן.

— מיט קיינעם האָב איך זיך ניט געשלאָגן... איך וועל מער אין כיידער ארײַן ניט גיין... — וויין איך.

— פאַרוואָס וועסטו ניט גיין אין כיידער ארײַן?

איך ווייס ניט וואָס צו ענטפערן, איך שטיי בא דער טיר און וויין אלץ.

— גיי אין כיידער ארײַן!

— איך וועל ניט גיין, אפּ קיין פאַל וועל איך ניט גיין. הארגע מיך, וועל איך ניט גיין, — שרײַ איך נערוועז אויס.

— וואָס איז געשען? רעב מייער האָט דיך געשלאָגן? רעד...
איך באַגיס זיך מיט טרערן און געפין ניט קיין ווערטער אף צו ענטפערן.

— הייסט עס, דאָס האָט ער, דער אויסוואורף, דיר אונטער־געשלאָגן דאָס אויג? פאַרוואָס־זשע האָסטו מיר פריִער ניט גע־זאָגט?

זי כאַפּט מיך פאַר דער האַנט און שלעפּט מיך נאָך זיך אין כיידער אַרײַן. איך שפּאַר זיך אײַן און וויל ניט גײן, אָבער זי צווינגט מיך גײן נאָך זיך.

— איך וועל אים ווײַזן, דעם גאַזלען, וויאַזוי צו שלאָגן קינדער, — שרײַט זי דעם גאַנצן וועג, עפּשער, קעדיי צו פאַרענט־פערן זיך, וואָס זי אַליין האָט מיר דערלאַנגט, און עפּשער שוין גאָר פאַרגעסנדיק אין דעם. זי איז דאָך אַ מוטער און שלאָגט מיך אַלס אַ מוטער. און ער איז אַ פרעמדער, ער טאָר ניט.

זי רײַסט זיך אַרײַן אין כיידער אַרײַן. זי לויפט צו, ווי אַ ווילדע קאַץ, צו רעב מייערן, קלאַמערט זיך מיט איין האַנט אײַן אין זײַן באָרד, מיט דער אַנדערער דערלאַנגט זי אים פּעסט איבער דער באַק.

— אַלטער הונט! וויאַזוי וואַגסטו צו שלאָגן מײַן קינד! האָסט דאָך אים שיִר ניט בלינד געמאַכט! אוי, אַן אומגליק האָט מיך געטראָפן! זעט נאָר, וויאַזוי דאָס אויג איז בײַ אים אָפּ־געלאָפן...

רעב מייער שטייט אַ דערשלאָגענער פון די געשעעענישן, וואָס האָבן זיך אומדערוואַרט פאַנאַנדערגעוויקלט, און האַלט זיך שווײַגנ־דיק פאַר דער באַק. די מאַמע נעמט מיך פאַר דער האַנט און פירט מיך צוריק אַהיים.

— קום, מײַן אומבאַשיצט קינד. יעדער, וועמען עס וויל, שלאָגט דיך, און קיינער נעמט זיך פאַר דיר ניט אָן, — באַוויינט מײַן גורל מײַן גוטע מוטער.

אינאָוונט גייט דער פאָטער אײַן אף דעם, איך זאָל אופהערן

גײַנ אינ כײדער ארײַנ, אונ לײגט מיר פּאָר זיכ צוצוגרײטנ צו די הארבסטיקע ארײַנטריט־עקזאמענעס אינ דער ייִדישער אָנפאנג־שול. ער זאָגט צו אַלײנ אכטונג צו געבנ אפ מײַנ צוגרײטונג.

מײַנ פרײד האָט קײנ גרענעצ ניט, אונ איכ גרײט זיכ מיט גרויסנ פלײַס צו די עקזאמענעס. דער פּאָטער העלפט דער שוועסטער אָפּשלײפנ אונ ברענגענ אינ אָרדענונג מײַנע יעדיִעס אינ דער רוסישער שפראכ, רוסיש־שרײַבנ אונ אריפמעטיק. צו די עקזאמענעס גײ איכ א גוט צוגעגרײטער, אונ מע נעמט מיכ אָנ אינ ערשטנ קלאס.

אינ שול ווערנ די לימודים געפירט אפ רוסיש. מיר איז זיכ שווער צו לערנענ, באזונדערס דאָס ערשטע יאָר. איכ קענ שלעכט די שפראכ, ניט אלצ פארשטײ איכ אפ די לעקציעס אונ קוק זיכ אָפט ארומ הילפלאָז אונ שעמעוודיק.

— הער לערער, כאזערט, ביטע, איבער די פראגע. איכ האָב ניט אלצ פארשטאנענ.

— הער בעסער, גענעצ ניט, זײַ אופמערקזאמ.

— איכ האָב געהערט אופמערקזאמ. איכ האָב ניט אלצ פארשטאנענ. איר האָט זײער גיכ גערעדט...

— דו פארענטפער זיכ ווײניקער אונ הער בעסער. איכ ווײס ניט, ווענגנ וואָס דו טראכסט, ווענ מ'רעדט צו דיר. דו ווארט דערווײַל צו אונ הער, זאָל א צווײטער ענטפערנ אפ דער פראגע, — זאָגט דער לערער אונ ווענדעט זיכ צו א צווײטנ שילער.

איכ שטײ די גאנצע צײַט, ווי א סלופ, אונ הער אופמערקזאמ, אָבער איכ פארשטײ זײער ווײניק.

ניט שטענדיק בינ איכ אימשטאנד קלאָר איבערצוגעבנ מײַנע געדאנקענ אפ רוסיש, אונ אינ שווערע מינוטנ גײ איכ אומבאמערקט פאר זיכ איבער אפ מײַנ מוטער־שפראכ — אפ ייִדיש. אינ קלאס הײבט זיכ אופ א געלעכטער.

איכ שטײ באמ טאָוול אונ דערצײל איבער די לעקציע, וואָס איז מיר פארגעבנ געוואָרנ אהײמ, ווענגנ עפּעס א פויער, וועלכער

האָט געהאַט א גיט־געהאָרכזאַמג באַק. איך קאָן זיך בעשומויפג ניט דערמאַנען דעם רוסישן נאָמען פון אָט דער כייע. איך שטרענג אָן אַלע מיינע קויכעס און ענערגיע, מיין גאַנצן זיקאָרן, אָבער איך קאָן זיך בעשומויפג ניט דערמאַנען.

— נו, וויאַזוי־זשע הייסט עס — מיט א באָרד... מיט הער־נער... ניט די ציג, נאָר דער מאַנ אירער?..

— דער באָק, — רייסט זיך בא מיר אַרויס אפ יידיש.

דער קלאַס הירזשעט. עס לאַכט אויך דער לערער. איך פאַר־ליר זיך, לאָז אַראָפּ דעם קאָפּ און וויין.

פון דעמלט אָן האָט מען מיר א נאָמען געגעבן „באָק". די שילער רופן מיך מער לויטן צונעמעניש, ווי לויטן נאָמען, און דאָס פאַרשאַפט מיר אַסאַך צאָרעס און ליידן.

— מ־מ־ע־ע... מ־מ־ע־ע... דער באָק גייט, — מאַכן פון מיר די שילער כויזעק, ווען זיי באַגעגענען מיך.

איך הייב זיך מיט זיי אָן צו שלאָגן און כאַפּ אָפּט אַריין קלעפּ.

איינמאָל האָב איך ביים דער לעקציע אָנגעהויבן שפּילן מיט מיינ שאָכן אין פּענעס. איך האָב בא אים געוווּנען, און ער האָט זיך געקאַעסט. ענדלעך האָט ער בא מיר פאַרשפּילט אַלע זיינע פּענעס.

— קאָנסט ניט שפּילן, שפּיל ניט, — מאַך איך פון אים שטי־לערהייט כויזעק.

— און דו, באָק, מאַך זיך ניט גרויס, — ענטפערט ער מיר.

איך האָב אים א קניפּ געטאָן. ער האָט א קוויטשע געטאָן. דער לערער האָט געפאָדערט דערקלערונגען. מ'האָט אונדז ביידן איבערגעלאָזט אפ צוויי שאָ „אָן וואַרמעס".

זיבן יינגלעך פון פאַרשיידענע קלאַסן, וועלכע זיינען איבער־געלאָזט געוואָרן נאָך די לימודים „אָן וואַרמעס", זיצן איבער אין צימער, וווּ מ'טוט זיך אויס, די שאָען, וואָס זיינען זיי באַשטימט אַלס א שטראָף. עס איז קאַלט. מיר זיצן אין פּאַלטאָ און מאַכן זיך

נאריש. עס איז אומעטיק. איכ האָב מיט זיכ א טעשל קאָרטנ, וואָס איכ האָב נעכטנ אוועקגעשלעפט בא מײַנ טאטנ. איכ לייג פאָר צו שפילנ אינ „דוראק". די כעוורע זײַנענ מאסקימ.

בײַסנ שפילנ עפנט זיכ אופ די טיר, אונ פאר אונדז וואקסט אומדערווארטעט אויס דער פארוואלטער פונ דער שול...

די כעוורע צעלויפנ זיכ, ווי די מײַז, אינ די ווינקלענ. איכ נעמ צונויפ די קאָרטנ אונ רוק זיי ארײַנ אינ דער צעריסענער קעשענע פונ מײַנ אלטנ פאלטעלע. די קאָרטנ פאלנ אראָפ סאמע אונטנ אינ פאלטאָ, צווישנ דעמ אייבערשט אונ דעמ אונטערשלאק.

— גיב אהער די קאָרטנ, — ווענדעט זיכ דער פארוואלטער צו מיר.

איכ שטיי מיט אנ אראָפגעלאָזטנ קאָפ. אנ אומפארשטענדלעכע אײַנגעשפארטקײַט שמידט צונויפ מײַנע הענט, לאָזט זיכ מיר ניט רירנ פונעמ אָרט. איכ שווײַג.

— איכ זאָג דיר, גיב אָפ די קאָרטנ...

— איכ וועל זיי ניט געבנ. ס'איז ניט מײַנע, איכ האָב זיי גענומענ באמ טאטנ, — ענטפער איכ.

— גיב זיי גלײַכ אהער, — ווערט דער פארוואלטער אופגערעגט.

איכ שווײַג אײַנגעשפארט. ער רוקט ארײַנ די האנט צו מיר אינ קעשענע ארײַנ אונ, ניט געפינענדיק דאָרט די קאָרטנ, טוט ער מיכ א שטארקנ שטופ צו דער טיר אונ שרײַט אויס אינדערהייכ:

— וואָנ... דײַנ פוס זאָל דאָ מער אינ שול ניט זײַנ...

איכ בינ ווידער אפ דער גאס.

וווהינ גייט מענ? וואָס וועל איכ זאָגנ אינדערהיימ? איכ קאָנ בעשומויפנ ניט פארשטיינ מײַנ אײַנגעשפארטקײַט אונ בינ אופ זיכ אינ קאס. פאר אזא נארישקײַט אָנווערנ די שול.

— אײַנגעשפארטער באָק, אזוי קומט דיר טאקע, — זידל איכ

זיך אליין מיט מײַן פאראכטנדיקן צונעמעניש. אָבער די אייגנ־ליבע לאָזט מיך ניט אומקערן זיך צוריק און בעטן פארצײַונג באַם פארוואלטער.

אפן צווייטן טאָג דערציילט מײַן מוטער מיט טרערן אין די אויגן דעם פארוואלטער, בייגנדיק זיך פאר אים ביז צו די פיס און קושנדיק אים די הענט, די גאנצע געשיכטע פון איר שווער לעבן און בעט אים, ער זאָל מיר פארצײַען.

— הער פארוואלטער, — רעדט זי אפ יידיש, — זײַט אים מויכל. ער האָט שוין בא מיר זײַנס באקומען... ער וועט פארגעדענקען ביזן סאמע טויט. נעמט אים צוריק צו אין שול אריין. גאָט וועט אײַך פאר אונדז אָפּדאנקען. ווי איז מיר, ווי, האָט אפ אונדז ראכמאָנעס...

דער פארוואלטער ווערט ווייכער און דערלויבט מיר אין א כוי־דעש ארום זיך אומצוקערן צו די לימודים. איך באזוך נאָכאמאָל די שול.

נים ווײַט פון אונדזער שול געפינט זיך די קלויסטער־שול. צווישן אונדז און די קריסטלעכע קינדער, וואָס לערנען זיך אין אָט דער שול, גייט א שטענדיקע מילכאָמע. מיר שלאָגן זיך שרעקלעך איינס ס'אנדערע מיט די פויסטן, מיט שטעקנס און שטיינער. ווען איך בין איינער אליין, מײַד איך אָט די שול אויס. די זעלבע פאָרזיכטיקײַט ווײַזט ארויס אויך דער צווייטער צאד. אָבער קיין שום פאָרזיכטיקײַט קאָן אונדז ניט ראטעווען פון קיין אומדערוואַרטקײַטן.

אפ דער אינוואלידן־גאס יאָגט מיך אָן א גרופע קריסטלעכע ייִנגלעך, וואָס קערן זיך אום פון שול. אין דער שפיץ פון אָט דער גרופע געפינט זיך וואניע סאוויצקי, אן אײַזנבאנערס א זון פון דער שיקערער סלאָבאָדקע.

וואניע איז מיט דרײַ יאָר צוריק ארונטער־געפאלן אונטער א לאסט־צוג און האָט פארלוירן דעם לינקן פוס. איצט גייט ער אפ צוויי קוליעס. ניט געקוקט אפ אזא פיזישן פעלער, רעכנט זיך

וואניע פאר איינעמ פונ די געזונטסטע אונ שטארקסטע ייִנגלעכ אינ שול. דערצו נאָכ איז ער דער ערשטער שטיפער אונ דער ערגסטער שילער.

פלינק אונטערשפרינגענדיק אפ איינ קוליע, ווארפט זיכ וואניע אפ מיר מיט דער אנדערער קוליע אינ דער רעכטער האנט. די איבעריקע ייִנגלעכ פארשטעלנ מיר דעמ וועג, איכ זאָל ניט קאָנענ אָפטרעטנ. איכ ווארפ זיכ, ווי א מײַזל אינ א פאסטקע, אונ קאָנ זיכ ניט ארויסרײַסנ פונ דער פײַנטלעכער ארומרינגלונג. וואניע שלאָגט מיכ שטארק מיט דער קוליע. דערנאָכ וואלגערנ מיכ די כעוורע אנידער אפ דער ערד, צעשפיליענ מיר די הויזנ אונ קנײַפנ מיכ שטארק. איכ שרײַ, איכ דראפע זיכ, שלאָג מײַנע קעגנער מיט די פיס. אָבער איכ בינ ניט אימשטאנד זיכ ארויסצורײַסנ פונ די שענדלעכע „הייסע באנקעס" אפנ הוילנ לײַב.

איכ גיב זיכ א וואָרט צו נעמענ נעקאָמע אינ וואניע סאוויצקינ, אונ צוזאמענ מיט א גרופע ייִנגלעכ פונ פאָליצייסקע גאס טשאטעווע איכ יעדנ טאָג. אינ עטלעכע טעג ארומ פאלט וואניע ארײַנ אינ אונדזערע הענט. מיר ווארפנ זיכ אפ אימ ארופ, ווארפנ אימ אנידער אפ דער ערד אונ שלאָגנ אימ מיט זײַנ אייגענער קוליע. וואניע פארטיידיקט זיכ מוטיק. איינ קוליע איז שוינ געפאלנ אינ שלאכט אונ ליגט א צעבראָכענע אפנ וועג, די צווייטע האָבנ מיר פארוואָרפנ ווײַט. וואניע אָטעמט שווער, דראפעט אונדז, בײַסט זיכ, אָבער ער שרײַט ניט אונ וויינט ניט.

— לאָזט מיכ אָפ, אניט וועט זײַנ ערגער, — דראָט אונדז וואניע.

מיט דער גאַנצער קראפט דערלאנגט ער מיר מיט זײַנ איינציקנ פוס אינ בויכ ארײַנ. פאר גרויס ווייטעק שטעלנ מיר זיכ טרערנ אינ די אויגנ. איכ טרעט אָפ. די איבעריקע כעוורע לאָזנ אויכ אָפ זייער קאָרבנ אונ צעלויפנ זיכ. וואניע ליגט ניט ווײַט פונעמ פארקנ באמ זייפ־זאוואָד אונ קאָנ זיכ ניט אופהייבנ — ער האָט ניט קיינ קוליעס.

מײַן מאמע, וואָס איז ארויסגעגאנגען פונעם הויף מיט די עמערס אין די הענט נאָך וואסער, האָט דערזען וואניען און אײַלט אים צו הילף.

— אוי, ווײ איז מיר, וואָס איז מיט דיר, וואניע? ווער האָט דיך אזוי צעדראפעט? ווו זײַנען דײַנע קוליעס? — פרעגט זי מיט ראכמאָנעס.

— איינער ליגט לעם קיטײַטשיקס פארקן. גיט מיר אים, ראָסי, און דער צווייטער האָט זיך צעבראָכן, — ענטפערט וואניע.

די מוטער ברענגט אים די קוליע, העלפט אים אופשטיין און, אונטערשפרינגענדיק, דערשלעפט זיך וואניע אף איין קוליע אהיים.

די מאמע קוקט אים נאָך און שאָקלט מיטפילנדיק מיטן קאָפ.

— אן אומגליקלעך קינד, — זיפצט זי.

אָבער פלוצעם, ווי דערמאנענדיק זיך אין עפעס, קערעוועט זי זיך אויס און לאָזט זיך גיך גיין מיט די עמערס צום זאוואָד.

פערט קאפיטל

מײַנע כאווײרימ.

אינדערהיימ איז ניטאָ, ווער עס זאָל זיכ מיט מיר פארנעמענ. דער טאטע איז א גאנצנ טאָג אפ דער ארבעט, אונ די מאמע האָרעוועט שווער פונ אינדערפרי ביז באנאכט אינ שטוב אונ האָט ניט קיינ איינ פרײַע מינוט. אונ פאר מיר בלײַבט איבער די גאס. ארײַנפאלנדיק אינ איר געווירבל, טראָג איכ זיכ, ווי א שטייגדעלע, אפ די שטורמישע יאמ־כוואליעס, וועלכנ עס דראָט די שטענדיקע געפאר צעריבנ צו ווערנ אינ פראָשעק דורכ דער סטיכיִע. די גאס שלײַפט מיכ, פײַלט מיכ, פאסט מיכ צו צו איר שטראָמ ווארפט מיכ איבער פונ איינ אָרט אפנ צווייטנ, לאָזט מיכ אראָפ אפנ דנאָ אונ הייבט מיכ אפסנײַ אופ. זי פאָרמירט אויס מײַנע ערשטע פאָרשטעלונגענ וועגנ לעבנ אונ וועגנ דער וועלט, פירט מיכ צונויפ מיט מענטשנ, פונקט אזוינע פארוואָרלאָזטע, ווי איכ.

צו צוועלפ יאָר, נאָכדעמ ווי איכ האָב פארענדיקט די ייִדישע אָנפאנג־שול, ווייס איכ ניט, וואָס ווײַטער צו טונ, וווהינ זיכ צו צוטוליענ, אונ גיי דערווײַל אפ דער גאס.

דער נאָענטסטער כאווער, מיט וועלכנ די גאס האָט מיכ צו־נויפגעשטויסנ, איז געווענ שאָלעמ אײַזנשטאט, פונקט אזא פאר־וואָרפנ אונ איינזאמ ייִנגל, ווי איכ. דער עלטערער ברודער שאָלעמס, אווראָמ, היט אימ אָפ פונ דער ווירקונג פונ דער גאס, לערנט אימ לייענענ, דערציט אימ. שאָלעמ איז פארכאפט פונ זײַנ ברודערס סייכל אונ קראפט, אונ האָט אימ שטארק ליב.

אווראָם איז פאר אים דער גרעסטער אויטאָריטעט. אווראָמס מיינונג איז שאָלעמס איבערצייַגנדיקסטער באַווייַז אין די שטרייַטן מיט זייַנע כאַווירים: „איך פארזיכער דיך, אנדערש קאָן עס ניט זייַן, אווראָם זאָגט אַזוי". און קיין שום זאַך וועט שויג שאָלעמען ניט אראָפּשטויסן פון דער פּאָזיציע, וואָס ער האָט פארנומען. אָבער אווראָמען האָט מען אינגיכן ארעסטירט און פארשיקט קיין סיביר. אין א שטיקל צייַט ארום האָבן זיך אין שטאָט פארשפרייט קלאַנגען, אז אווראָמען האָבן די זשאַנדארמען צעשאָסן בא א פּרווו צו אנטלויפן.

שאָלעמס עלטערן, פּונקט ווי אלע אנדערע עלטערן פון אונדזער גאַס, האָבן קיין צייַט ניט געהאַט זיך צו פארנעמען מיט זון. און וואָס האָבן זיי אים דען געקאָנט געבן? און שאָלעם איז, ווי מיר אלע, געוואָרן א פארוואָרלאָזטער.

שאָלעם איז עלטער פאר מיר מיט א יאָר צוויי, ער ווערט גיך מייַן אידייִשער פירער און דער באַגייַסטערער פון אלע מייַנע שפּיצלעך און שטיפערייַען. ער פארכאַפּט מיך מיט זייַנע פאנטאַסטישע דערציילונגען וועגן די צויקונפטיקע מענטשן מיט די ריזיקע קעפּ און מיניאַטיורע קערפּערס.

שאָלעם האָט איין מאגיש וואָרט — א מיטל צו שווערקייַטן און ניטגעלייזטע פּראָבלעמעס. דאָס וואָרט איז „עלעקטרע", וועלכע ער האלט פארן יעסאָד פון אלע יעסוידעס. אלץ קומט אפּ דער וועלט פּאָר אדאנק דער עלעקטרע: סייַ די באַוועגונג פון די פּלאנעטעס, סייַ די שייַן פון דער זון, סייַ די פינצטערניש פון דער נאכט, סייַ דאָס לעבן און דער טויט. אויך דעם טעמפּעראמענט, די שטימונג, כאראקטער און די פייִקייַטן פירט ער ארויס פון באשטימטע צושטאנדן פון די עלעקטרישע אָנלאָדונגען אינעם אָרגאניזם.

— דער מענטש קאָעסט זיך, הייסט עס, די עלעקטרע איז בא אים ניט אין אָרדענונג, און זי צערייצט אים, — לערנט אונדז שאָלעם. — און ווען דער עלעקטרישער שטראָם ווערט אפּ א

צײַטיק אױסגעלאָשן, פֿאַלט דער מענטש כאַלאָשעס, פֿאַרלירט דעם באַװוּסטזײַן און קאָן אײַנגאַנצן שטאַרבן, אױב דער שטראָם װעט זיך לאַנג ניט אײַנשליסן.

די סאַמע באַליבטסטע שפּיל שאָלעמס איז די שפּיל אין קאַװ־בױען. ער פֿאַרמירט פֿון אונדז, קינדער, באַנדעס רױבער, באַ־װאָפֿנט אונדז מיט שטעקנס, װעלכע מיר נעמען אָן פֿאַר ביקסן, פֿאַרטרױט יעדערן פֿון אונדז אַפֿן אױער אַ פּאַראָל, זעצט זיך רײַטנדיק אַף אַ שטעקן, דערקלערט זיך אַלס אַטאַמאַן אָדער אַלס פֿירער פֿון װעלכן ניט איז גרױסן שײװעט רױטהױטיקע און נעמט מוטיק אײַן די װעלט.

איך טרעף זיך מיט אים טעגלעך אַף דער גאַס, אַפֿן בעסױ־לעם, אַף די פֿלעצער און אין פֿעלד. װינטער גליטשן מיר זיך אַף אַלײן־געמאַכטע שטיקלעך האָלץ אַפֿן אײַז פֿונעם ריװ לעם קיטײַטשיקס פֿאַרקן אָדער אַפֿן אײַנגעטאָפּטשעטן שנײ אַף אונדזער גאַס. זומער באָדן מיר זיך אײנײנעם אין די טיפֿע שטינקענדיקע גריבער אַף לעשטשינסקיס זאַװאָד. מיר גײען אַף די הענט, אַפֿן קאָפּ, קוליען זיך איבער, קריכן אַף די בײמער, מאַכן אַ טײל פֿון נעסטן, כאַפּן פֿיש, שפּילן אין קנעפּלעך און אין קאָרטן.

אַמאָל פֿאַרקלײַבן מיר זיך אין דעם פּאַרעץ קושטשינסקי'ס סאָד. דאָ װאַקסן גרױסאַרטיקע עפּל־ראַנעטן און באַרן־דיושעז. באַװאָפֿנטע מיט שטעקנס, קלאַפּן מיר אַראָפּ די רײַפֿע פּרוכטן, נעמען אָן פֿולע פּאַזעכעס און, אָפּשלאָגנדיק זיך פֿון קושטשינס־קיס בײזן הונט, פֿאַלנדיק און אופֿהײבנדיק זיך, אַנטלױפֿן מיר דורכן שטעכיקן פּאַרקן אַף טאַראַס קאָװאַלטשוקס פֿעלד, װוּ, פֿאַרגראָבנדיק זיך אײנעם הױכן קאָרן, שטיקן מיר זיך פֿון גע־לעכטער, פֿון װילדער שטיפֿערײַ, פֿון יונגער פֿרײד, פֿון די זאַפֿטיקע עפּל און באַרן.

שאָלעם איז אַ ראָמאַנטיקער און אַ טרױמער, אָבער אײנ־צײַטיק דערמיט זײער אַ ניכטער ייִנגל. אונטער זײַן װירקונג

צערײַס איכ פרי מיט די פאָרורטײלנ אונ מיטנ גלויבנ אינ גאָט. איכ דערװיס זיכ פונ אימ װעגנ אסאכ ציקאװע אונ אינטערעסאנטע זאכנ, װעלכע איכ האָב פריִער ניט געװוּסט אונ װעגנ װעלכע איכ האָב אפילע ניט געהערט. שאָלעמ דערציילט מיר בילדעריש אונ זאפטיק, װאָס מענטשנ טוענ אינ שאנד־הײַזער, פארװאָס איז װינטער קאלט אונ זומער װארעמ, אונ פארװאָס פליט א שטײנ ניט אפנ הימל, נאָר ער פאלט אראָפ אפ דער ערד.

שאָלעמ שלינגט אײַנ א געװאלדיק גרויסע צאָל ביכער, אָנ װעלכנ ס'איז אָפקלײַב. ביכער נעמט ער אומזיסט אינ דער ביבליאָטעק פונ דער יִדישער װעלטעטיקער געזעלשאפט. די דאָזיקע ביבליאָטעק געפינט זיכ װײַט פונ אונדזער גאס, אינ סאמע צענטער שטאָט, האָט א גרויסנ אויסװאל פונ ביכער, אָבער קײנעמ גײט אבסאָליוט ניט אָנ דער לײענער, באזונדערס, אויב ער װוינט אפ פאָליצײסקע גאס. א טרוקענער קאזיאָנע ביבליאָטעקער גיט אונדז ארויס דאָס, װאָס ס'קומט אימ צופעליק אונטער דער האנט, אונ רעכנט זיכ קײנמאָל ניט ניט מיט אונדזער עלטער, ניט מיט דער אנטװיקלונג, ניט מיטנ געשמאק, ניט מיט די אינטערעסנ אָדער װוּנטשנ.

ער דערלאָזט ניט, אז עמעצער פונ אונדז זאָל דאָ האָבנ א מײנונג, אונ אינ פאל פונ א מינדסטער דערװידערונג דראָט ער פאר דער „כוצפע” צוצונעמענ בא אונדז דאָס רעכט זיכ צו באנוצנ מיט דער ביבליאָטעק. מיר זײַנענ דערצו געװוינט, מיר האלטנ אזא מינ באגײנ זיכ מיט אונדז פאר אבסאָליוט נאטירלעכ אונ לײענענ אלצדינגנ מיט אלצײנעמ אינטערעס, אָבער ניט מיט דעמ זעלבנ נוצנ אונ באנעמענ עס ניט אלצײנס.

ניט זעלטנ כאפט די סטיכיִע פונ אונדזער גאס שאָלעמענ פארנ גאָרגל, שטיקט אימ, ברעכט אימ אונ ציט אימ אפנ דעק. שאָלעמ קאָנ ניט שטענדיק בײַשטײנ קעגנ איר אָנגריפ. פארלירנדיק אפ א צײַט די קויכעס זיכ אנטקעגנצושטעלנ, לאָזט ער הילפלאָז אראָפ די הענט אונ גיט זיכ אָפ דעמ װילנ פונ דער סטיכיִע.

דעמלט דרייט ער זיך גאנצע טעג ארום איבערן מארק צוזאמען מיט כאווירים פון קארוסעלן־געסל, העלפט זיי אויסשפירן דעם קאָרבן און רייך דורכפירן די „ארבעט“.

שאָלעם איז שוין אלט פופצן יאָר. ער העלפט צו דעם קעשענע־גאנעוו־רעצידיוויסט אווראָם בײַטש צו „האלטן די כמארע“, צו באגאנוועטע פויערים אפן מארק. שאָלעם דרייט זיך פלינק לעבן די געגעצנדיקע פויערימלעך, מערקט אָן דעם קאָרבן און גיט מיט די אויגן וועגן דעם צו וויסן אווראָמען. אָבער אווראָמען און שאָלעמען גייט הײַנט ניט. די קעשענעס בא די פויערים זײַנען ליידיק, ווי די מאָגנס בא הונגעריקע הינט, און צו פולע קעשענעס וועסטו אפ קיין פאל ניט צוטרעטן: זיי זײַנען אזוי ווייניק דאָ פאראן, און דאָס געלט איז דאָרט צונויפגעקוועטשט אין פעסטע פויסטן. אווראָם האָט זיך צוגערוקט צו א פויערטע, וואָס האָט פארקויפט פריש גרינוואַרג בא א פור. שאָלעם האָט געפרעגט די פרײַז פון דער סכוירע, זיך געדונגען, געצוווּנגען די הענדלערקע צו לויבן איר קרויט און אירע מערן, און אווראָם האָט דאָסמאָל געפרווּוט זײַן גליק אין איר פארפלאָנטעטער קעשענע.

— קאראול! טײַערע מײַנע, מ'ראבעוועט! — האָט די פויערטע א געשריי געטאָן, דערפילנדיק א פרעמדע האנט בא זיך אין קעשענע. — האלט דעם גאנעוו.

אווראָם ציט קאם אָפ א לעבעדיקער. שאָלעם בלײַבט אפן אָרט און קלײַבט ווײַטער קרויט־קעפּלעך. די פויערים, וואָס האָבן ארומגערינגלט די פור, דערקענען אין אים אווראָמס כאווער און שלאָגן אים שרעקלעך. מ'שלאָגט אים און מ'פרעגט זיך נאָך, ווער איז זײַן כאווער. שאָלעם וויינט, מאכט אן אומשולדיק פּאָנעם, שווערט זיך בא גאָט, אז ער איז אומשולדיק און אז ער איז אן אָרנטלעכער.

— זאָל מיך גאָט טייטן, אויב איך זאָג א ליגן. מיט מיר איז קיינער ניט געווען, די מאמע האָט מיך געשיקט אפן מארק נאָך קרויט, — ליגט שאָלעם.

מ׳גלייבט אים ניט, און מע שלאָגט אים ווײַטער טעמפּ. שאָלעמ לייקנט אלץ אָפּ. ער פאלט אפ דער ערד, דעקט צו דעם קאָפּ מיט די הענט, וויינט פאר ווייטעק און פאר שרעק.

— איכ ווייס ניט פון קיינ שום גאנאָווים. איכ האָב קיינעמ ניט געזען. איכ האָב אָפּגעקליבנ קרויט. פארוואָס שלאָגט איר מיכ? — שרײַט שאָלעמ אויס.

— הינטישער זונ, ווער איז מיט דיר ארומגעגאנגענ איבערנ מארק? איכ האָב דיכ געזען מיט מײַנע אייגענע אויגנ אינײנעמ מיטנ קעשענע־גאנעוו, — שרײַט אנ עלטערער פויער, דערלאנגענ־דיק אים מיטנ פוס איבערנ קאָפּ.

— אפ מײַנ וואָרט, פעטערל, איכ בינ מיט קיינעמ ניט גע־גאנגענ. אײַכ האָט זיכ אויסגעוויזנ. פארוואָס קאליעטשעט איר מיכ, א יאָסעמ? וואָס האָב איכ אײַכ געטאָנ? לאָזט מיכ...

— ווער איז דײַנ כאווער? די נעשאָמע פונ דיר, רעד! — האלט דער פויער אינ איינ זעצנ שאָלעמענ איבערנ קאָפּ.

— מיט מיר איז דאָ קיינער ניט געווענ, — וויינט שאָלעמ, פארשטעלנדיק דעם קאָפּ מיט די הענט.

— האָט מוירע פאר גאָט, גאזלאָנימ. הערט אים אופ צו שלאָגנ, — שטעלט זיכ פלוצעמ עפּעס א פארשוינ אײַנ פאר שאָלע־מענ, — מ׳טאָר ניט הארגענענ קיינ מענטשנ. איר וועט אָפּגעבנ א כעזשבנ פאר גאָט...

דער פויער צעעפנט דאָס מויל, קעדיי אויסצוזידלענ דעמ אומגעבעטענעמ פארטיידיקער, אָבער דערזעענדיק א ריינ־אויסגע־ראזירט פּאָנעמ מיט א קאפעליוש אפנ קאָפּ, פארמאכט ער דאָס מויל און רוקט זיכ שווײַגנדיק אָפּ צוריק. אנדערע פויערימ טרעטנ אויכ אָפּ.

שאָלעמ הייבט זיכ אופ פונ דער ערד, דאָס פּאָנעמ איז בא אים אינ בלוט. א צעמאזיקטער, א צעקנייטשטער, אינ סיניאקעס, א שמוציקער, אינ צעריסנ אָנטונ שלעפּט ער זיכ אהיימ אפ פּאָלי־צייסקע.

אפן צווייטן טאָג ליג איך און מיכאָעל לעם שאָלעמען אינעם ביידל, אין סאָד, און הערן זיין טרויעריקע דערציילונג וועגן דער נעכטיקער געשיכטע אפן מארק. די אויגן זיינען בא אים אונ־טערגעשלאָגן, די אייבערשטע ליפּ — געשוואָלן, די נאָז און די באקן זיינען שטארק צעדראפּעט. ער פארקאטשעט דאָס העמד און ווייזט, ווי אסאך ערטער אף דער ברוסט, אין די זייטן און אפן רוקן זיינען פארלאָפן מיט בלוט. שאָלעם דערציילט שטיל:

— זיי האָבן געשלאָגן מיט די פויסטן און מיט די פיס איבער־ן פּאָנעם, איבערן קאָפּ און איבער דער ברוסט. עס האָט אזוי ווי געטאָן און עס איז געווען שרעקלעך. וואָס טו איך, אז זיי צע־שפּאלטן מיר דעם קאָפּ, צעברעכן מיר א האנט אָדער א פוס, אָדער שלאָגן מיר אויס אן אויג? זיי האָבן געפּאָדערט, איך זאָל ארויסגעבן אווראָמען, און איך האָב געדרייט א לירע. א דאנק איינעם א פּעטערל — באצייטנס אונטערגעקומען... נעכטן איז אונדז ניט געגאנגען...

— איך וויים ניט... עפּעס האָט זיך בא אים באקומען ניט גוט...

— און וויאזוי איז עס אווראָם דורכגעפאלן? — פארשטיי איך ניט.

— זעסט דאָך, מ'האָט אים ניט געפּאקט. אָט א פלינקער, — באמערקט מיכאָעל.

— דער פּאצאן וועט דיר ניט ווארטן. ער האָט באצייטנס געמאכט די פלייטע... אָ־אָ! אווראָמען וועסטו אזוי פראָסט ניט קויפן...

ארום א כוידעש איז שאָלעם געלעגן קראנק פון די באקומענע קלעפּ. איך און מיכאָעל באזוכן אים יעדן טאָג, טראָגן אים געגאנווענע עפּל, בארן, אוגערקעס און האלטן אים אין קורס פון דעם, וואָס עס טוט זיך אף דער גאס. מיר נעמען פאר זיינעטוועגן אין בוי־בליאָטעק ביכער, וועלכע ער לייענט איבער זייער גיך. אנדערע כאוויירים קומען צו אים זעלטענער. עטלעכע מאָל איז בעקומען

אווראָם בײַטש. עס קומט אהער אויך בײַטשס יונגערער ברודער, מאָטל.

אין ביידל שפּילן מיר מיט אזארט אין קאָרטן, פירן שמועסן אף פאַרשיידענע טעמעס.

מיכאָעל, איך און מאָטל בײַטש קערן זיך אום פון שאָלעמען. מיר גייען איבער פּאָליצייסקע גאס און פּלווידערן פריילעך. דער זון גלוסט זיך שלאָפן. איר שווער־געוואָרענער פאטלאטער געלער קאָפּ לאָזט זיך פאמעלעך אראָפּ אף יענער זײַט האָריזאָנט. מיכאָעל לייגט פאָר זיך גיין באָדן אפן ציגל־זאוואָד. מאָטל רופט אין צירק ארײַן.

הײַנט איז א גרויסע פאָרשטעלונג, פינף פאָר ראנגלערס. „מירן א ביסל צופאַרדינען און מיר וועלן זיך אומקערן צו שאָלעמען אין גאָרטן ארײַן", — רעדט ער אונדז אײַן.

מאָטל איז אן אלטער טווישעוו פונעם קאַרוסעלער געסל. זײַן פאָטער איז געשטאָרבן אין דער שפּיטאָל־טורמע, ווען מאָטל איז אלט געווען פיר יאָר. זײַן מוטער האלט א „מאַלינע" אין קאַרוסעלער געסל. זי איז א געזונטע, פעטטע פרוי און קאָן לײַכט אליין בײַקומען יעדן מאנצבל. פאר די דאָזיקע אופטוען האָט איר די גאס א נאָמען געגעבן „סאָלדאט". מאָטלס עלטערער ברודער, אווראָם, פארברענגט דעם גרעסטע טייל פון זײַן לעבן אף די עטאפּן און אין די טורמעס. מאָטל איז שוין אלט פופצן יאָר, ער איז אין איינ עלטער מיט שאָלעמען. א שטיק צײַט האָט ער זיך געלערנט בא א שנײַדער, אָבער אינגיכן איז אים די דאָזיקע ארבעט נימעס געוואָרן, ער האָט זי פארביטן אף א ספּעציאַליטעט, וואָס איז געווען נעענטער פאר זײַן פאמיליע, און איז צו פערצן יאָר גע־וואָרן אן עכטער אורקע, א פּראָפעסיאָנעלער קעשענע־גאנעוו.

מאָטל האָט זיך ליב שיינ אָנצוטון, ער גייט שטענדיק א דיי־נער, אין געלע שיך, אין גרויע געטרעס, אין אויסגעפּרעסטע הויזן, מיט א גרינ זײַדנ טיכעלע אין דער אייבערשטער לינקער קעשענע פונעם פּידזשאק. מיט זײַן אויסערלעכקײַט טיילט זיך

מאָטל שטאַרק אויס צווישן אונדז: ער איז ענלעך אַף אַ געפּעס־טעט סאָכריש זינגל.

מיכאָעל איז שוין מאַסקים צו גיין אין ציריק אַרײַן. איך קווענקל זיך. און פּלוצעם ווערט דער הימל באַלויכטן מיט אַ העלן פלאַם פון אַ נאָענטער סדייפע. דאָס ווײנענדיקע קלינגען פון עם גלאָק, וואָס צעשנײַדט די לופט, רופט צו הילף. מענטשן שפּרינגען גיך אַרויס פון זייערע הײַזער, אַרופוואַרפנדיק אַף זיך און פאַרשפּילענדיק אַפן וועג די פּידזשאַקעס, און לאָזן זיך לויפן צו דער סדייפע. די געפּײַגערטע פערדלעך פון די פײַערלעשער זינקען אין עם זאַמד פון אונדזער גאַס און, אופהייבנדיק אַ געדיכטן וואָלקן עסעריקן שטויב, באַוועגן זיי זיך קאַם, שלעפּנדיק נאָך זיך וועגענער מיט פעסלעך וואַסער.

מיר לויפן צום פײַער. ניט ווײַט פון אונדז, אַף דער אינוואַלידן־גאַס, ברענט, ווי אַ ליכט, גלוכאָווסקיס הילצערנע באָד. די פײַערלעשער טומלען זיך אַרום דעם ברענענדיקן הויז. זיי אַרבעטן מיט די העק, מיט די האַמערס, מיט די האָקן־שטאַנגעס און פּאָמפּעס און פאַרגיסן די ברענענדיקע באָד מיט וואַסער. אַף די דעכער פון די שכייניש הײַזער זיצן מענטשן און לעשן מיט נאַסע שמאַטעס, אָנגעוויקלט אַף שטעקנס, די פונקען, וואָס פאַרפליען אַפן דאַך. אַ גרויסער אוילעם ליידיקגייערס שטופּט זיך צום פײַער, שטערט די פײַערלעשער אַרבעטן. די גאָראָדאָוויעס שטופּן אָפּ דעם אוילעם, אָבער זיי קאָנען אים ניט אײַנהאַלטן.

באַטראַכטנדיק דעם אוילעם מיט אַ דערפאַרן אויג פון אַ געניטן מאַרעוויכער, דערפילט מאָטל אין אָטאָ דער שטופּעניש אַ רײַכן רויב.

— דאָ זײַנען פאַראַן אַסאַך פּריצן און פּרײַערס, — ווענדעט ער זיך צו אונדז, — זיי בעטן זיך אליין, מ'זאָל זיי וואַשן...

מיר שאָקלען מיטן קאָפּ אַלס צייכן פון אײַנשטימיקייט.

איך שטופּ זיך צווישן אוילעם, איך טאַפּ אָן, ווי ניט אומיסטן, פרעמדע קעשענעס און גיב צו וויסן מאָטלען וועגן מײַנע האַשאָרעס.

מאָטל מאכט א צייכן מיט די אויגן, און איך הייב אָן צו שטופּן מײַן קאָרבן, אָפּצײַענדיק די אויפמערקזאַמקײַט אפ זיך, און מאָטל ארבעט דערווײַל, ווי א ווירטואָז, אין יענעמס קעשענעס.

מיר האָבן אזויארום אָפּגעריײניקט די קעשענעס בא עטלעכע ליידיקגייערס און קערן זיך אום אהיים מיט א רײַכן רויב — מיט נײַן רובל און מיט א זילבערנעם זייגער. דעם זייגער האָט מי־כאָעל ארויסגעשלעפּט בא א באקאנטן ייִדן, א קרעמער. די אוועק־געגאַנוועטע בײַטעלעך און אלץ, וואָס דאָרטן געפינט זיך, אכוץ דעם געלט, צעווײַסן מיר אפ פּיצלעך און ווארפן עס ארויס אפ דער גאס.

מיר קערן זיך אום צו שאָלעמען אין גאָרטן ארײַן. ער ליגט אין בײַדל, א צוגעדעקטער מיט שמאטעס, און לייענט בא א פּיצל ליכט א ביכל. מיר וואלגערן זיך אינדרײַען צו אים ארײַן און הייבן אָן, אלע אינייעם, איבערשלאָגנדיק איינס ס'אנדערע, פריי־לעך צו דערציילן וועגן אונדזערע דערפאָלגן. שאָלעם איז מיט עפּעס ניט צופרידן, ער איז צערייצט, קאעסט זיך און וואָרטשעט.

שאָלעמען איז שוין לאנג נימעס אונדזער לעבן. פון צײַט צו צײַט פלעג זיך אים נאָך גרויסע אָנשטרענגונגען אײַנגעבן זיך ארויסצורײַסן אפ דער פרישער לופט. אָבער ער איז ניט געווען אימשטאנד לאנג צו שווימען קעגן דעם שטראָם און פלעג ווידער ארײַנפאלן אינעם ווירוואר פון דער פּאָליצייסקע גאס. דאָס לעבן און די אומשטענדן האָבן אפ פּיצלעך געבראָכן זײַנע ווונטשן און שטימונגען און אים אן אויסגעמוטשעטן געוואָרפן אין די אָרעמס פון אוראָם בײַטש.

דער פאל אפן מארק האָט, אפּאָנעם, געצווונגען שאָלעמען אסאך נאָכצוטראכטן. כאָטש ער באהאלט פון אונדז זאָרגזאַם אויס זײַנע איבערלעבונגען, באמערק איך דאָך, ווי זײַן דענערווירטקײַט פון אונדזער אופירונג וואקסט פון טאָג צו טאָג. דאָס האָט זיך מיר באזונדערס געוואָרפן אין די אויגן, ווען ער האָט געשפּילט אין קאָרטן מיט מיכאָעלן, און צעקריגנדיק זיך מיט אים דערפאר,

וואָס יענער האָט אַרײַנגעקוקט אין זײַנע קאָרטן, האָט ער אים געגומענע זידלען מיטן וואָרט „גאַנעוו".

— נעם אוועק דײַנע אומפאַרשעמטע אויגן, אַניט וועל איך זיי אוועקנעמען מיט די פויסטן. שפּיל אָרענטלעך, און ניט ווי קיין אַפּעריסט און גאַנעוו, — איז שאָלעם ביז געוואָרן.

א מאָדנע אומדערוואַרטעטע קעגנשטעלונג, וואָס שנײַדט דעם אויער, וואָס גייט זיך פאַנאַנדער מיט אַלע נאָרמעס פון דער געוויינלעכער עטיק אָפּ אונדזער גאַס. מיר קענען אָרנטלעכע און ניט קיין אָרנטלעכע גאַנאָווים, אָבער מיר האָבן קיינמאָל ניט געטראַכט, אַז אַלע גאַנאָווים זײַנען אומבאַדינגט ניטאָרנטלעך. און אָט דעם געדאַנק האָט דאָך שאָלעם אַרויסגעזאָגט, זידלענדיק מיכאָעלן.

מאָטל און מיכאָעל גייען גיך אוועק אַהיים. איך בלײַב נעכטיקן בא שאָלעמען אין בײַדל. מיר ליגן שווײַגנדיק. שאָלעם איז שלעכט געשטימט און שווײַגט. מיר קאָנען לאַנג ניט אײַנשלאָפן ווערן.

— אומזיסט טוסטו עס, — רײַסט שאָלעם איבער דאָס שווײַגן, ווענדנדיק זיך ניט באַוווסט צו וועמען — צו מיר צי צו דער נאַכט.

— זאָגסט עפּעס? — מאַך איך זיך, אַז איך פאַרשטיי קלוי־מערשט ניט, אין וואָס ס'גייט.

— עט, גאָרניט, — קוועטשט זיך שאָלעם.

— וואָס „גאָרניט"?

שטילשווײַגן.

— רעד קלאָר. דריי ניט קיין לירע.

— וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט? לאָז מיך צורו, לאָז שלאָפן, — שלאָגט מיך שאָלעם שאַרף איבער און דרייט זיך אויס צו מיר מיטן רוקן.

איך בין אַ גאַנצע נאַכט שלעכט געשלאָפן.

די טאָגטעגלעכע באַגעגענישן און די אַלגעמיינע זאָרגן וועגן

שאָלעמענ בײס זײַנ קראַנקײַט דערנעענטערנ מיכ מיט מיכאָעל פּינכאַסיק. א פאַרוואָרלאָזט גאסנ־קינד, דרייט ער זיכ, פּונקט ווי מיר, גאַנצע טעג אַרום אפ זײַנע לאַנגע פיס איבער די פּלעצער, איבערנ בייסוילעם, איבער פרעמדע סעדער אונ גערטנער אונ קריכט מיט די לאַנגע הענט זײַנע פאַרבײַגייענדיק אַרײַנ אינ פרעמדע קעשענעס. פונ פינפ ביז אכט יאָר לערנט ער זיכ אינ טאַלמעדטוירע. פונ אכט יאָר אָנ פירט ער איבער די הויפּנ זײַנ באַבע, א בלינדע בעטלערנ, שטייט מיט איר אונטער די פענצטער מיט אנ אראָפּגעלאָזטנ קאָפּ אונ מיט א האַנט, וואָס איז אויסגעשטרעקט נאָכ א נעדאָווע. ער הייבט פרי אָנ צו באַגאַנווענענ זײַנ באַבע, גיט אויס געלט אפ פּאַפּיראָסנ, צוקערקעס אונ קאָרטנ. די באַבע שלאָגט אימ דערפאַר מיטנ שטעקנ, אָבער פונ דעמ קומט קיינ גוטס נימ אַרויס. מיכאָעל באַגאַנוועט זי אויכ ווײַטער.

אינ איינ שיינעמ טאָג, ווענ מיכאָעל איז אַלט געווענ בא די צוועלפ יאָר, איז די באַבע געשטאָרבנ. אונ ער איז, א פרײַער אונ א פריידיקער, אוועק אפ דער גאַס.

צוויי אנטקעגנדיקע כוואַליעס פונ דער גאַס שטויסנ אונדז צונויפ, אונ מיר ווערנ כאַווײרים.

מיכאָעלנ האָבנ מיר אָנגערופנ אַקטיאָר. ער האָט א קלינגענדיק אונ אנ אַנגענעמ קאָל, זינגט קלאָר אונ גוט. יעדנ האַרבסט פאַר די יאָנטויווימ פאַרדינגט ער זיכ פאַר א זינגער אינ כאָר צומ כאַזנ פונ דער בייסוילעמ־שול, ווו ער זינגט אָפּט סאָלאָ. ער לייענט אויכ זייער גוט הומאָריסטישע דערציילונגענ מיט מימיק, מיט אינטאָנאַציע, מיט דער געהעריקער זשעסטיקוליאַציע אונ כאַראַקטעריסטישע באַוועגונגענ מיטנ גאַנצנ קערפּער. ער מאַכט קונציק נאָכ באַקאַנטע, טאַנצט גוט אונ שפּילט אפ א מאַנדאָלינע, אינ די מאַרק־טעג גייט ער אוועק צוזאַמענ מיט מענדל דעמ קאַטערינשטשיק פונעמ קאַרוסעלנ־געסל אונ מיטנ גרינעמ פּאָפּוגײַ וואַסיליסע אפנ מאַרק, ווו ער שרײַט א גאַנצנ טאָג אפנ גאָרגל אונטערנ סקריפּענדיקנ אַקאָמפּאַנעמענט פונ דער כריפּענדיקער קאַטע־

רינקע און נעמט צונויף אין היטל אריַין גראָשנס באַם ווייכ־
הארציקן אוילעם.

אָפּט שיקן מיר מיכאָעלן „דרייען די ראָד", אוועקשלעפּן פאַר
אונדזער ווארעמער קאָמפּאניע עטלעכע מעדיאַקעס. מיר שפּירן
פונוויַיטנס נאָך נאָך זיַין „ארבעט", וועלכע ער פילט געוויינ־
לעך אויס גלענצנדיק. באמערקנדיק א דורכגייער, וואָס דערנעענ־
טערט זיך, נעמט מיכאָעל אָן אזא פּאָזע, זיַין פּאָנעם באקומט
אזא אומגליקלעכן אויסזען, אז דאָס סאמע הארטע און פאַרדאַר־
בענע הארץ צעגייט פאַר ראכמאָנעס.

— האָט ראכמאָנעס, גוטער מענטש, אף א קיַילעכדיקן יאָסעם.
איך האָב דריַי טאָג גאָרנישט ניט געגעסן, — בעט עפּעס באזונ־
דערס אינטים און ווארעם מיכאָעל.

און די דורכגייער האָבן אף אים טאקע ראכמאָנעס און גיבן
אים א קופּערנע מאטבייע. און מיר שטייען ניט וויַיט און לאַכן
פונעם נאַיִווּן מענטשן, וואָס גלייבט אים.

אמאָל פאַרפאַס איך פאַר מיכאָעלן א טרויעריק לידל. מיכאָעל
קליַיבט צו דעם אונטער א מאָטיוו, גייט אין צענטראַלן ראַיאָן
פון שטאָט, שטעלט זיך אוועק אין א ווינקל, זינגט עס שטיל
און נעמט צונויף באַ די דורכגייערס גראָשנס. און פאַרנאַכט און
באנאַכט שפּילן מיר פאַר דעם געלט אין קאָרטן.

מיכאָעל טרעפט זיך אָפט מיט מאָטלען. זיי גייען ניטזעלטן
צוזאמען אף „ארבעט", ליידיקן אויס אין די געזעלשאַפטלעכע
ערטער די קעשענעס פון די אומפאַרזיכטיקע בירגער, און דאָס
באקומענע געלט פאַרשפּילט ער אין קאָרטן, אָדער פאַרהוליעט
עס מיט גוטע־ברידער. דאָס באליבטע אָרט פאַר זייער „ארבעט"
איז די צירק־גאַליאָרקע, ווו דער אוילעם ווערט פאַרכאַפּט פונעם
ביליקן שוישפּיל פון דער פּאָשעטער קונסט. אופרעגנדיק זיך און
שטופּנדיק איינס ס'אנדערע, לעבט דאָ איבער דער אוילעם
טיף און דירעקט עפּעס א פּראָנצויזישן גראַנגל צווישן דעם
וועלט־טשעמפּיאָן מיטן אָרטיקן ראַנגלער פון לײַכטער וואָג

בינ‏יאָמינ סאָלאָוויטשיק. יעדע מינוט איז דער אוילעם זיך גרייט צו ווארפּנ אפ דער ארענע, ראטעווענ זײַנ העלד און אים זיכער'נ דעם זיג. בייס אָט די טיפע איבערלעבונגענ פּאָמפּענ איבער אונדזערע פּרײַנט די לעצטע גראָשנס פונ די פּארכאפּטע צושויערס טאשנ אינ די אייגענע קעשענעס.

די בילעטיאָרנ אפ דער גאליאָרקע קענענ גוט מאָטלענ און מיכאָעלנ און באקומענ א באשטימטע באלוינונג, פארלײַכטערנ־דיק זיי אפ א פארשיידענעם אויפנ די „ארבעט“, און העלפנ זיי מיט אינ א שווערער מינוט צו פארשווינדנ אָדער צו פארווישנ די שפורנ.

איך און שאָלעמ נעמענ אָפּט אויך אנ אָנטייל אינ אָט אזא „אר־בעט“.

איינמאָל באנאכט, ווענ שאָלעמ איז שוינ אינגאנצנ געקומענ צו זיך פונ די קלעפּ, וואָס ער האָט באקומענ אפנ מארק, האָבנ מיר אינפירנ זיך געדרייט איבער פּאָליצייסקע גאס. מאָטל און מיכאָעל האָבנ זיך נאָרוואָס אומגעקערט פונעם צירק מיט אסאך געלט און האָבנ אונדז דערציילט די איינצלהײַטנ פונ זייערע מײַסים אפ דער גאליאָרקע. עס האָט זיך ניט געגלוסט שלאָפנ.

— עס וואָלט ניט געשאט עפּעס א קײַע טונ, יאטנ, — זאָגט שאָלעמ.

— ריכטיק, לאָמיר גייג צו איציקנ פארבײַסנ,—לייגט מיכאָעל פאָר.

— בא איציקנ איז אומעטיק, בעסער אפנ אלטנ שליאכ, דאָרט איז פריילעכער, ס'איז דאָ אסאך אוילעם, מירנ א הוליע טונ, ווי ס'דארפ צו זײַנ, — זאָגט מאָטל.

מאָטלס פאָרשלאג זעט מיר אויס צו זײַנ זייער צוציִענדיק. איך טראָג זיך שוינ פונ לאנג ארומ מיט א געדאנק ארײַנדרינגענ אינ די סוידעס פונעם הויז מיטנ לאמטערנ אפנ אלטנ שליאכ, אָבער עס קומט עפּעס ניט אויס. דערצו שטערט דעריקער מײַנ עלטער— איך בינ ערשט אלט פערצנ יאָר. אז מיר זײַנען שוינ לאנג רײַפ

געוואָרן און אין אסאך היגזיכטן שוין לאנג אַלטע—דאָס זעט דאָך קיינער ניט. וועגן אונדז אורטיילט מען לויטן אויסערלעכן אויסזען, לויטן קאָל, לויטן וווּקס.

— לאָמיר פארקערעווען אפן שליאכ, איכ האָב דאָרט באַקאַנטע מיידלעך, שוין איינמאָל מיידלעך. מירן א הוליע טון, ווי ס'באדארף צו זײַן, — האלט מאָטל אונדז אין איין איבערצײַגן.

— הוליען איז הוליען, מיט בראָנפן און מיט מיידלעך. קום אפן שליאכ, — איז מיכאָעל מאסקים.

— קום אפן שליאכ, — האלט איכ אונטער מאָטלען און מיכאָלן.

שאָלעם שווײַגט, אָבער ער גייט נאָך אונדז.

איכ גיי מיט א געוויסער צערודערטקײַט און מיט שרעק. פאר מיר עפנט זיכ אוף די לעצטע טיר פונעם לעצטן, פאר מיר נאָך אומבאקאנטן סאָד, וואָס די גערדאנקען וועגן אים לאָזן מיכ שוין ניט שלאָפן. איכ טרעט דאָס ערשטע מאָל אריבער די שוועל פון א שאנד־הויז.

— הורא, די שנעקלעך זײַנען געקומען, — באגעגענען אונדז שיקערע קוילעס, ווי נאָר מיר עפענען אוף די טיר.

— מיידן, באגעגנט די שנעקעס.

— גרישא, שפיל א טוש.

— ס'ארא טײַערינקע, ס'ארא פופסיקעס! מאקעס אײַכ אין די זײַטן! ווער פון אײַכ וועט גיין מיט מיר שלאָפן? — שרײַט די הייליקע מאגדאלינע.

— טומל ניט, הייליקע מויד, פארמאכ דײַן שפײַקעסטל, וועסט פאטערן די בעסטע ציין, — רײַסט מאגדאלינען איבער א יונגער צעשויבערטער באָכער, וואָס אפ זײַן קני זיצט זי.

מאגדאלינע שפרינגט אראָפּ פון דעם באָכערס קני, צעפּאָכעט זיכ מיט דער ברייטער האנט און דערלאנגט אים איבער דער פיזיאָנאָמיע.

— זאָלסט, סמארק, ניט איבערייַסן קיין עלטערן,— שרייַט זי.— ווען דו ביסט נאָך אפּ דער וועלט ניט געווען, בין איך שוין געשלאָפן מיט דייַן טאטן.

דער אוילעם לאכט. איר איז פריילעך.

דער זאל, וווהין מיר זייַנען אריינגעקומען, שטעלט מיט זיך פּאָר א לאנגן צימער, אָפּגעפּארבט אין א גרויען קאָליר, מיט א נידעריקער סטעליע און ניט קיין גרויסע פענצטער, וואָס זייַנען שטייף פארמאכט מיט אויסערלעכע לאָדנס. דער דיל איז א הילצערנער, ניט קיין געפארבטער, מיט ברייטע שפאלטן צווישן באזונדערע ברעטער. בא די פענצטער שטייט אפּ דער גאנצער לענג פון דער וואנט א הילצערנע באנק, אפּ וועלכער עס זיצן באשיידן אָנגעטאָנענע פרויען און באָכערים. זיי אמוזירן זיך מיט עפּעס, שמועסן און לאכן. באם טיש, בא דער אנטקעגנאיבערדיקער זייַט, איז א טומל, דאָ פּארגיט דעם טאָן די הייליקע מאגדאלינע, כאנע די געלע, כייַע די רעבעצן און ראָזע זשוק. איבערן צימער גייען ארום פּאָרלעך, שמועסן. אין א ווינקל, אנטקעגן דעם אריינגאנג, שטייט ניט קיין גרויס טישל, אפּ וועלכן עס ליגט א פידל מיט א סמיטשיק.

מיר זעצן זיך אנידער אפּ א באנק באם פענצטער. צו אונדז גייען צו פרויען, זעצן זיך לעם אונדז, און עס פארקניפּט זיך א שמועס וועגן די סאמע געווייַנלעכע זאכן. מאָטל איז דאָ אן אייגענער מענטש, אלע קענען אים, און ער קען אלעמען. ער רופט צו זיך צו גרישקע דעם קאָסאָקן, דעם אָרטיקן פידלער, און לייגט אים פאָר אָפּצושפּילן א פּאָלקע.

— שפּיל א פּאָלקע, ניט קיין קראקאָוויאק, דו הערסט, קאָסאָקער...

— פאראנ,— ענטפערט גרישקע און לאָזט זיך גיין צו זייַן טישל.

דער פידל האָט אָנגעהויבן הייזעריק כריפּען, ווי א קראנקע פּראָסטיטוטקע. מאָטל האָט זיך געלאָזט אין א טאנץ מיט כאנען, נאָך אים זייַנען אוועק נאָך פּאָרלעך, און דער גאנצער „זאל“

האָט זיך אָנגעהויבן דרייען אינעם רוישיקן ווירוואר פון אַן אייגנאַרטיקער פּאָלקע. די מענער דריקן פעסט צו זייערע דאַמעס, זיי קלאַפּן הילכיק מיט די פיס צום טאַקט, שאָקלען מיט די קעפּ, ווי מיד געוואָרענע פערד. עס רינט פון זיי דער שווייס, זיי אָטעמען שווער, אָבער דער טאַנץ הערט לאַנג ניט אויף.

מיך אינטערעסירט ניט אָט די זייַט פונעם שאַנד־הויז, נאָר אַן אַנדערע, אַן אינטימערע. דאָ איז אַלץ פּאָשעט און געוויינ־לעך. מייַנע נעפּלהאַפטע און צעשוווּמענע פאָרשטעלונגען וועגן דעם שאַנד־הויז פאַלן ניט צונויף מיט דעם רעאַלן וואָכעדיקן בילד, וואָס איך האָב דערזען פאַר מייַנע אויגן. איך בין אַנטוישט און זאָג וועגן דעם מאָטלען. מאָטל לאַכט:

— מאַלע וועגן וואָס דו פאַנטאַזירסט. גיי מיט כאַנען. זי וועט דיר ווייַזן אַן אַפּינער נאַכט.

מיכאָעל זינגט און קלאַפּט צו אין טאַקט אַ טשעטשאָטקע:

איך בין מיכל דער בלאַטער,
פיר ברידער זייַנען מיר:
איינער אַ הונגעריקער, איינער אַ זאַטער,
אָבער בלאַטע זייַנען מיר אַלע פיר.

איינער איז אַ מאַרעוויכער,
דער צווייטער — אַן אַלפאָנס, אַ שיינער יונג;
איינער אַ פּאָטאָטשניק, אַ פּעקל־זוכער,
און איך אַליין ניי אַפּנ־שפּרונג. 1)

חילסטו זייַן אַ בלאַטער,
זייַ־זשע אַ קלוגער יונג:
לויף אַרום פאַרדינען —
דאָס הייסט אַפּנ־שפּרונג.

מיכאָעל געפעלט דעם אוילעם. מ׳רינגלט אים אַרום, מ׳לאַכט,

1) „אַפּנ שפּרונג״ — שטוב־גנייווע.

מ׳קלאפּט בראוואָ, מ׳זינגט אונטער, ער איז אין צענטער פון אויפמערקזאמקייט. ער כאפּט גראָב ראָזע זשוקס האנט.

— קום, ראָזע, איניינעם....

— לאָז אָפּ, טײַוול, מיט דיר קאָן זיך דען עמעצער גלײַכן?

און דאָך גייט זי מיט מיכאָעלן טאנצן, מאכנדיק אויסערגעוויינלעכע קונצן מיט די הענט און מיט די פיס.

וואָס ביסטו, קעצעלע, באַרויגעז?
וואָס האלטסטו אראָפּגעלאָזט די נאָז?
און עפּשער ווילסטו וויסן ווער דײַן יִחוס,
וועל איך דיר זאָגן, ווער דו ביסט און וואָס.
— — — — — — — —
— — — — — — — —
דײַן טאטע איז א שמאראוואָזניק,
די מאמע גאנוועט פיש אין מארק,
דער ברודער איז דאָך אן אָסטראָזשניק,
די שוועסטער לעבט מיט א קאָזאק...

— נו, א זשוק, טאנצט, ווי א...!

אן אופגערעגטער פונעם טאנצן, גייט דער אוילעם פאַרגוויין ארויס פונעם צימער, פארשווינדט אפּ א צײַט און באַווײַזט זיך נאָכדעם נאָכאמאָל. אלע ווייסן, וווהין און נאָכוואָס די דאָזיקע פּאָרלעך גייען אוועק, און אלעמען זעט עס אויס אינגאנצן נאַטירלעך. מיכאָעל און ראָזע זשוק שווימען אויך ארויס אינעם געהיימניספולן קאָרידאָר, וואָס שלינגט דורשטיק אײַן אפּ א צײַט באזונדערע פּאָרלעך. אינגיכן קערן זיי זיך אום. מיכאָעל שמייכלט גיטנאטירלעך צו מיר און צו שאָלעמען.

— וואָס מאכט אײַער טײַער געזונט, מיכאָעל? — שפּאסט מאָטל.

אין צוויי שאָ ארום וואלגערט זיך ארײַן אין צימער א נײַע גרופּע הוליענדיקע יוגנט. דאָס זײַנען די זינדלעך פון די אָרטיקע

שטאָט־פארזאָרגערס, די סאָכרים און וואלד־הענדלער. אייניקע פון זיי זײַנען אין א גימנאזיסטישער פאָרמע. גלײַך באווײַזט זיך די פעטע באַנדערשע, ריווע מיטן שווערן גוף. זי גריסט זיך מיט יעדן פון זיי בא דער האנט, פרעגט זיי וועגן עפּעס, און אָטאָ די גאנצע יוגנט לאָזט זיך נאָך איר ערגעץ־וווהין אין קאָרידאָר. אינגיכן גייט אהין אוועק א טייל פרויען. מאָטל פארשווינדט אויך מיט זיי.

— די פריצישע זינדלעך האָט מען אָפּגעגעבן א באזונדער קאבינעט, — שושקעט מיר אין אויער ארײַן מיט קינע א געשטופּלט מיידל, וואָס זיצט לעם מיר, — דאָרט וועט זײַן אָן א שיר ווײַן, און די מיידלעך וועלן גוט צופארדינען...

שאָלעם פירט א שמועס מיט כײַע דער רעבעצן, און מיכאָעלן וועלכן עס האָט איבערגעלאָזט ראָזע זשוק, וואָס איז אוועקגעשווומען צו די פריצישע זינדלעך, דרייט זיך ארום אן אומעטיקער איבערן צימער און געפינט זיך ניט קיין אָרט.

— זינג עפּעס, מיכאָעל. וואָס האָסטו אראָפּגעלאָזט די נאָז? טאנץ, — זאָגט גרישקע.

אין צימער ארײַן קערט זיך אום מאָטל, ער פירט מיך און מיכאָעלן אָפּ אין א זײַט, ווײַזט דעם זייגער, וועלכן ער האָט דאָרט נאָרוואָס אין א באזונדער קאבינעט ארויסגעשלעפּט פונעם קאמזויל־קעשענע בא א האלב־שיקער סאָכריש זינדל, און פארקויפט אים דאָ גלײַך אפּן אָרט גרישקע דעם קאָסאָקן פאר דרײַ רובל.

— לאָמיר אויך א הוליע טון אין א באזונדערן קאבינעט. מיט וואָס זײַנען מיר ערגער פון די פריצישע זינדלעך? טוט א רוף שאָלעמען. איך האָב שוין אָפּגערעדט מיט ריוון... מיר מאכן אן אפינער נאכט, — האָט מיר כיטרע א ווונק געטאָן מאָטל.

דער „באזונדערער קאבינעט”, וווהין ריווע די באַנדערשע פירט אונדז דורך, איז ארומגעשטעלט מיט שטולן און מיט א דיוואן. אינמיטן צימער שטייט א טיש, צוגעדעקט מיט א טישטעך, אפּן

טיש — בראָנפּן, וויַין און פאַרשיידנערליי גוטע מאכאָלים. מאָטל פאַרבעט כייַע די רעבעצן, כאַנע די געלע, די קרומע קאַטיע און די הייליקע מאַגדאַלינע.

— יעדערן אַ מיידל, קערייַ איר זאָלט זיך ניט צעפּאַטשן, — זאָגט ער. — קלייַבט זיך אויס, כעוורע. און דו, מיכאָעל, האָב ניט קיין גרויסע אויגן, נעם בלויז איינע. מיר לאָז אויך איבער איינע...

מיר זעצן זיך צום טיש. נאָך מיר „אוכאַזשעוועט" כאַנע די געלע. זי טרינקט ווילד, זידלט זיך מיט גאַסן־ווערטער און צווינגט מיך אויסטרינקען יעדעס מאָל, ווען זי טרינקט אויס. איך שטאַרק זיך און טרינק. דער קאָפּ דרייט זיך, עס ווערט קאַלאַמוטנע אין די אויגן, די פיס ווערן שווער.

דער צום אָנהייב רויִקער שמועס ווערט אַלץ היציקער. שאַ־לעם גייט זיך אויך פאַנאַנדער, ער שפּאַסט און דערציילט אַנעק־דאָטן, מיכאָעל זינגט און טאַנצט.

איך לייען מייַנע לידער און דערצייל, וויִאַזוי מיכאָעל זינגט זיי אַפ די ראָגן, נאַרנדיק דעם נאַיִוון עוילעם.

די שיקערע קאַטיע איז פאַר עפּעס אין קאַס אַפ מאָטלען און, אָפּגיסנדיק אים מיט הייסע אויסגעלאַסענע זידלערייַען, שלוקער־צנדיק און וויינענדיק, קריכט זי זיך שלאָגן.

— ניין, דו לאָז מיך נאָר... איך וועל אָט דעם מיקראָב צע־קוועטשן. איך וועל קיין נאַס אָרט ניט איבערלאָזן, — רייַסט זיך קאַטיע פון שאָלעמס הענט, וואָס האַלטן זי.

— סקאַנדאַלעווע ניט, קאַטיע, — באַרויִקן זי די מיידלעך.

— לאָז מיך, שאָלעם, איך וועל זיך ניט שלאָגן, טו אַ טויווע. איך וועל נאָר איין מאָל אַ פּאָר טון איבער אָט דעם פאַרשיוון פּראָפיל.

מ'באַרויִקט זי, און אין אַ מינוט אַרום זיצט זי שוין נאָכאַמאָל בא מאָטלען אַפ די קני, קושט אים און זאָגט צערטלעך:

— מאָטעלע מייַנס, לאָמיר אויסטרינקען פאַר דייַן געזונט... שלאָג מיך... איך בין אַ סוואָלאָטש, אַ סטערווע, זעץ גלייַך אין

פאָרטרעט אריין... פארוואָס האָב איך דיך באליידיקט? זאָג, פאר־וואָס?

און די שיקערע קאַטקע רעוועט, ווי א קינד.

— זאָג נאָר, פארוואָס האָב איך דיך באליידיקט... שפּיי מיר אָן, מאָטקע, אין צורע אריין...

— גענוג צו סלינען מיט די אויגן... וואָס האָסטו זיך צע־לאָזט... האָסט אויסגעטרונקען עפּשער אַף א גראָשן, און שטיק מאכסטו, מאמע מיינע טייערע,— בייזערט זיך כאנע.

— הערט זיך אוף צו זידלען. לאָמיר בעסער טאנצן,— לייגט פאָר מיכאָעל.

— יאָסקע טרוימט וועגן אן אפינער נאכט. ווייזט אים, מייד־לעך, אן אפינער נאכט,— שרייט מאָטל.

— גיט אהער אן אפינער נאכט,— איז מיכאָעל מאסקים.

מיר רוקן צו דעם טיש צו דער וואנט, צעשטעלן די שטולן בא די זייטן און פארלעשן די שיין. דער פרימאָרגן דרינגט גלייך אריין אין צימער אריין מיט זיינע ערשטע רויכיק־גרויע שטראַלן. די מיידלעך טוען זיך אויס נאקעט, איבערלאָזנדיק אפן האלדז דעם שארף, און די שיך—אף די פיס. זיי דרייען זיך ווילד אין אן אויסגעלאסענעם טאנץ, וועלכער הייסט בא זיי „ליבע־עקסטאז”. שיקערע, קויקלען זיי זיך אפן דיל, זיי אָטעמען שווער, ברעכן און זידלען זיך עקלהאפטיק. דערנאָך ווארפן זיי זיך אף אונדז, זעצן זיך אונדז אף די קני, נעמען אונדז פעסט ארום מיט די הענט—דריקן צו צום לייב, א נאסן פונעם שווייס, קושן אין די ליפּן און טרינקען בראָנפן און וויין. מיר מוזן מיט זיי מיטטרינקען.

— טרינק, יאָסקע, טרינק ביזן דנאָ, כאָסן מיינער,— שרייט כאנע,— לאָמיר נאָכאמאָל טרינקען פאר דיין געזונט.

— טרינק, יאָסקע, פון דיר וועט זיין א מענטש, דו וועסט זיין אן אויסגעצייכנטער שיקער און א מארעוויכער... פאר דיין געזונט...

און איך טרינק...

אין צימער איז אומדערטרעגלעך הייס. עס אווערט מיט זוי־ערקייט און מיט שווייס. איך בין אינגאנצן שיקער.

— לאָמיר אויסטרינקען, שאָלעם, פאר כאנען. דער רועך זאָל זי נעמען, — שריי איך.

— גענוג, יאָסקע, דו ביסט טויט שיקער, —זאָגט שאָלעם און נעמט צו די גלאָז פון מיינע הענט.

איך וויל זיך אויסזידלען, אָבער איך קאָן ניט. די ווער־טער בלייבן מיר שטעקן אפן צונג. פון אינעווייניק טרעט צו צום האַלדז א שווערער קנויל, עס נודעט מיך. שאָלעם פירט מיך ארויס אין הויף ארײַן צו כאפן פרישע לופט. איך פארליר די פייִקייט צו ריידן, ווי א מענטש, און מעקע עפּעס.

— לייג ארײַן צוויי פינגער אין מויל, — אייצעט מיר שאָלעם.

איך ברעך אָן דעם אויך. איך לאָז זיך הילפלאָז אראָפּ אפּ דער ערד און פארליר גיך יעדער מין אָריענטירונג און פאר־בינדונג מיט דער אויסערלעכער וועלט.

וועגן אָט דער נאכט געדענק איך מער גאָרניט.

אופגעכאפּט האָב איך זיך אין שאָלעמס בײַדל מיט א שווערן קראנקן קאָפּ, מיט א צעבראָכן לײַב, ווי מ׳וואָלט מיך ערעוו דעם געשלאָגן מיט שטעקנס. לעם מיר איז שווײַגנדיק געלעגן שאָלעם און האָט פארטראכט געקוקט אין דער אָפענער טיר פונעם בײַדל.

פינפט קאפיטל

א פרישער ווינט אפ דער גאס.

א צונויפגעדריקטער דורכ די ברעגעס, ציט זיכ אפ דער אנדערער זײַט שטאָט א ברייטער גרינער טײַכ.

הונדערטער און טויזנטער יאָרנ האָט ער געקײַקלט זײַנע רײַכע וואסערנ איבער דעם אײַנגעשטעלטנ וועג, צעשטויבנדיק צוועקלאָז ריזיקע קויכעס און מעגלעכקײַטנ. און קיינעם איז ניט געקומענ קיינ געדאנק אינ קאָפ ארײַנ ארײַנצוטרעטנ מיט אים אינ א קאמפ, אויסנוצנ זײַנ אומויסשעפלעכע ענערגיע און אים צווינגענ צו ארבעטנ פארנ מענטשנס־וועגנ. מ׳האָט זיכ נאָכ ווי ניט איז געקאָנט אנטשליסנ פארוווארפנ א ווענטקע אָדער א נעצ אינ זײַנע דרעמלענדיקע וואסערנ און פאָרזיכטיק, ווי א גאנעוול, ארויסשלעפנ פונ זײַנ עלאסטישער קעשענע עפעס א קלייניקײַט, אָבער אפ סאָלידערע זאכנ האָט ניט געסטײַעט ניט קיינ פאנטאזיע, ניט קיינ קויכעס.

אינ דער נאטור האָט עקזיסטירט אנ אומאָרדענונג, און דער מענטש איז נאָכ געווענ שוואכ און ניט זיכער אינ זיכ.

אָבער אָט באווײַזט זיכ אפנ ברעג דער אונטערנעמערישער קאצענעלנסאָנ, א געיאָגטער פונ גיריקײַט און פונ א גוואלדיקנ דורשט נאָכ געלט.

ער האָט אהער אָנגעיאָגט מענטשנ פונ די שטאָטישע הינטערגעסלעכ און פונ די נאָענט־ליגנדיקע דערפער, האָט אָנגעפירט אײַזנ, שטאָל, בעטאָנ, האָט אָנגעבויט ריזיקע קאָרפוסנ, האָט

אויסגעשריבנ פונ אויסלאנד מאשינעס אונ האָט געצווונגענ די וואסער, זי זאָל טרײַבנ זייערע רעדער. אפנ ברעג טײַכ זײַנענ אויסגעוואקסנ ריזיקע קוימענס, עס האָבנ א פײַפ געטאָנ די זאוואָד־ אונ פאבריק־סירענעס. הויכ איבערנ טײַכ איז דורכגע־לייגט געוואָרנ א גרויסער אײַזערנער בריק, אפ וועלכנ עס האָבנ אָנגעהויבנ לויפנ סאפענדיקע לאָקאָמאָטיווג, אונ עס האָבנ זיכ דונערדיק גענומענ קויקלענ די רעדער פונ די אָנגעלאָדענע קא־ראוואנענ וואגאָנעס.

דער ברעג איז פארוואנדלט געוואָרנ אינ א מענטשלעכנ מילבנ־נעסט, ווו מענטשנ, געיאָגטע פונ הונגער אונ פונ נויט, האָבנ זיכ געפײַניקט בא די מאשינעס, האָבנ געבויגנ דעמ רוקנ אונטער דער פולפודיקער לאסט, האָבנ געלאָדנ אונ אויסגעלאָדנ בארזשעס, שיפנ אונ וואגאָנעס, האָבנ געטריבנ פליטנ, אופגע־שטעלט געבײַדעס.

די שטומע מאשינעס אונ די קאָלעקטיווע ארבעט האָבנ די מענטשנ אָרגאניזירט, צוגעוווינט צו פינקטלעכקײַט אונ צו דיס־ציפלינ, אונ די געמיינזאמע ניטגעזיכערטקײַט אונ דער אלגעמיינער פײַנט האָבנ געשאפנ אלגעמיינע אינטערעסנ. אונטערנ דונער פונ די מאשינעס, אונטערנ קלאפ פונ די העק אונ לאָפּעטעס איז פארשוווּנדנ די געוועזענע באגרענעצטקײַט, האָבנ זיכ אויסגע־שמידט נײַע געדאנקענ, איז פארהארטעוועט געוואָרנ דער ווילנ, איז געשאפנ געוואָרנ דער נײַער מענטש. דער רויער פינצטערער דאָרפישער פויער אונ דער דערשלאָגענער שטאָטישער קליינ־בירגער איז אינ די שמועסנ מיט דער שטומער מאשינ אונ איי־נער מיטנ אנדערנ פארוואנדלט געוואָרנ אינ באוווּסטזיניקע ארבעטער, אינ צוקונפטיקע בויער פונ דער נײַער וועלט. באטאָג האָבנ די דאָזיקע מענטשנ געארבעט, אונ אינ די אָוונטנ אונ אינ די נעכט האָבנ זיי זיכ אינײנעמ צונויפגעזאמלט, האָבנ באהאנדלט וועלט־פראגעס, זוכנדיק א וועג, וויאזוי צו באפרײַענ זיכ. אָפטמאָל פלעגנ זיי ווארפנ די ארבעט אונ פלעגנ ארויסגיינ מאכנעסווײַז,

אפ די גאסנ, קרעפּטיקע אונ דראָענדיקע, גרייט צו שטארבנ פאר א נייַ לעבנ.

פונעמ ברעג האָט עס א טראָג געטאָנ מיט א נייַער כוואליע, מיט א פרישנ ווינט האָט עס א בלאָז געטאָנ פונ די פאבריק־קאָרפּוסנ אפ דער קליינער שטאָט פונעמ יִידישנ טכימ, ווו עס איז פארוואָרפנ אונדזער גאס. דורכ די טירנ, פענצטער אונ לעכער האָט זיכ דער ווינט אריַינגעריסנ אינ אונדזערע נידעריקע שטיבלעכ, האָט אָפּגעפרישט די שטיקנדיקע לופט, האָט געוועקט די איַינגעשלאָפענע, האָט צוגעגעבנ מוט די מיד־געוואָרענע, האָט באפליגלט מיט האָפענונגענ. מענטשנ האָבנ אָנגעהויבנ העכער ריידנ, דרייסטער דענקענ אונ ניט מוירע האָבנ פאר די אייגענע געדאנקענ. די ארבעטער האָבנ געשפּאנט מוטיק, דרייסט, זיכער אונ געקוקט אפ דער וועלט מיט א שמייכל. ארומקוקנדיק זיכ אינ די זייַטנ אונ ציטערנדיק, האָט דער קליינבירגער ארויסגערוקט די נאָז פונ דער נאָרע, מוירע האָבנדיק פאר זייַנ אייגענעמ שאָטנ. אָבער טוענדיק אנ אָטעמ א ביסל פרישע לופט, איז ער גלייַכ שיקער געוואָרנ פונ קאָפּ־שווינדל. וועגנ זיכ האָט ער ניט אנדערש גערעדט, ווי אינ מערצאָל:

— יאָ, בירגער, פארלאמענטאריזמ — דאָס קלינגט שטאָלצ... מיר האָבנ שטענדיק אזוי געטייַנעט... מיר האָבנ שטענדיק אזוי געזאָגט... אנדערש קאָנ עס גאָר ניט זייַנ... מ׳קאָנ דאָכ ניט אייביק האלטנ אפ דער קייט דעמ מענטשנס גייַסט...

די אונטערנעמער, די סאָכרימ אונ הענדלער האָבנ ארויפגעלאָזט די קעפּ, האָבנ געדראָט די ארבעטער, אז זיי וועלנ פארמאכנ די פאבריקנ, וועלנ אָפּשטעלנ די ארבעט אונ וועלנ זיי לאָזנ אָנ ברויט. זיי האָבנ זיכ נערווירט אונ האָבנ שטילערהייט אריבערגעפירט זייער געלט קיינ אויסלאנד, אָדער האָבנ עס געזאמלט אינ אייַזערנע קעסטלעכ אונ האָבנ עס פארגראָבנ טיפ אינ דער ערד. די פאטריאָטנ האָבנ גערעדט וועגנ דער ערע פונ „אונדזער גרויס לאנד“, האָבנ פראָפּאגאנדירט דעמ נאציאָנאליזמ אונ האָבנ זיכ

אָנגעשטאָפּט די קעשענעס אַפּ מעלוכישע פּאָדריאַדן און באַשטע־לונגען.

— א מענטש א מענטשן איז געוואָרן א וואָלף, און אַלע מענטשן זיינען דאָך ברידער,—האָבן זיי זיך געקלאָגט, עקספּלואַ־טירנדיק גרויסע מאַסן באַפעלקערונג און באַגאַנווענדיק די מע־לוכע קאַסע.

די פּאָליציי האָט נאָכגעקוקט נאָך דער אָרדענונג, זי פלעג באַרויקן די פּאַבריקאַנטן, וואָס האָבן זיך נערווירט, די אופגע־רעגטע פּאַטריאָטן און די קליינבירגער, וואָס האָבן געמאַכט אַן אָנשטעל פון דרייסטע, און האָט אַרויסגעגעבן די גאַראַדאָוואָיעס פּאַטראָנעס.

דער אָטריאַד קאָזאַקן, וואָס איז צייטווייליק געווען צע־שטעלט בא אונדז אין שטאָט, א באַוואָפנטער מיט ביקסן, פּיקעס און שווערדן, איז אַרומגעפאָרן רייטנדיק איבער די גאַסן, האָט געזונגען לידער, און אין די אָוונטן געמאַכט סקאַנדאַלן אין די שאַנד־הייזער. די סאָלדאַטן פונעם פּעכאָטע־פּאָלק, וואָס האָט זיך געפונען בא אונדז אין שטאָט, האָבן מאַרשירט איבער די גאַסן אין פולער אַמוניציע, ווייזנדיק זייער גלענצנדיקע האַלטונג און ניט־איבערגעשטיגענע דרייסטקייט.

דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט האָט אַריבערגעשפּאַנט די שוועל פון דער געשיכטע מיט זיינע ערשטע יוגנטלעכע יאָרן.

א פרישער ווינט האָט א בלאָז געטאָן, אונדזער גאַס האָט אופגעהויבן צו טאַט אַלעמען, אין וועמען עס האָט נאָר גע־קלאַפּט כאָטש דאָס קלענסטע פּיצעלע לעבן.

דער פּאָטער האָט אָנגעהויבן זעלטענער צו שפּילן אין קאָרטן. די אַרבעטער האָבן זיך אָפטער בא אונדז צונויפגעזאַמלט. די פּאָר־לעזונגען אינדערהייך פלעגן יעדעס מאָל פּאַרוואַנדלט ווערן אין הייסע פּאָליטישע דיספּוטן וועגן דער דעמאָקראַטישער רעפּובליק וועגן דעם אינדיווידועלן טעראָר, וועגן דער קולטורעל־נאַציאָנאַ־לער אַוטאָנאָמיע.

— ניין, ברודער, בלויז מיט קיין אגיטאציע, מיט ווער־טער און אפילו מיט א שטרייק וועסטו ווייט ניט אוועקגיין. מ'דארף אופרייסן מיט באָמבעס. מ'דארף שלאָגן יעדן פּאסקוד־ניאק, אנדערש וועסטו זיי ניט פארטרייבן, — האָט זיך געהיצט דער יונגער סטאָליער פראָים.

— עמעס, — האָט דער פאָטער דערווידערט, — די אלטע וועלט דארף אופגעריסן ווערן מיט דינאמיט. איך שפּאר זיך ניט... אָבער מיטן דערהארגענען א גענעראל אָדער א מיניסטער וועלן מיר די וועלט ניט אופרייסן, מיר וועלן בלויז ווייזן די אייגענע הילפ־לאָזיקייט און פארצווייפלונג. פּעראָווסקע און קיבאלטשיטש זיינען אומגעקומען, ווי די העלדן, דער קייסער אלעקסאנדער איז צע־ריסן געוואָרן אף שטיקלעך, אָבער דער צאריזם איז געבליבן... ניין, ב'זוואנעץ די ארבעטער־מאסן וועלן זיך אליין ניט נעמען פאר דער זאך, ביז זיי וועלן ניט אראָפּרייסן דעם קאָפּ דער זעלבסטהערשונג, די גענעראלן און די בורזשויעס, וועט קיינ דעכטס ניט ארויסקומען...

אין אָוונט נאָך דער ארבעט איז דער פאָטער געזעסן איבער דער צייטונג, לייענענדיק לויט דער געוווינהייט אינדערהייך, אפילו ווען קיינער האָט אים ניט געהערט. דערלאַנגענדיק דעם אָוונט־ברויט, שטעלט זיך מיין מוטער אָפּטמאָל אָפּ פארן פאָטער און פרעגט בא אים:

— עלי, וואָס הערט זיך עפּעס אף דער וועלט? מ'זאָגט, גיך וועט זיין א מילכאָמע...

א פרישער ווינט האָט זיך ארייַנגעריסן אויך אין קיטייטשיקס שטיבל. רעב באָרעך האָט די לעצטע צייט אויסגעשריבן א יידישע צייטונג, האָט איר אָפּגעגעבן זיין גאנצע פרייע צייט און איז געוואָרן א ציָעניסט, א הייסער אָנהענגער פונעם ווינער דאָקטער טעאָדאָר הערצל. ער האָט געטרוימט וועגן פּאלעסטינע, וועגן זיין אומקער פונעם גאָלעס אהינצו, אין דעם „היילינן לאנד פון אווראָם, איצכעק און יאנקעוו".

— וואָס וועסטו, טאַטע, טון אין ציִען? — פרעגט סלאָווע.

— איך וועל דעמ ייִדישנ קייסער ארופקלאַפּנ פּידמעטעקעס אפּ די שיך, — ענטפערט רעב באָרעך.

— קייסאָרים טראָגנ ניט קיינ פאַריכטע שיך. אונ קיינ נייַע קאָנסטו ניט נייען, וועסט זיצנ אָנ ארבעט אונ הונגערנ, — שפּאַסט סלאָווע פונעמ פאָטער.

באָרעך וואָרטשעט.

שאַבעס פאַרנאַכט, צווישנ מינכע אונ מײַרעוו, נעמענ זיך אינ בעסמעדרעש צונויפ ארומ קיטײַטשיקנ די אלטע ייִדנ, וועלכע ער דערקלערט אפּ זײַנ אויפנ די לויפנדיקע געשעענישנ אונ זײַנע טרוימענ וועגנ פּאַלעסטינע.

— דאָרט, אפּ די כורוועס פונעמ אלטנ בייסהאַמיקדעש, וועט פונ מאַרמער אופגעבויט ווערנ א נײַער טעמפּל. מיר וועלנ אימ באַפּוצנ מיט גאָלד אונ זילבער, אונ מיר וועלנ זיך ניט דאַרפנ שעמענ פאַר אנדערע פעלקער. דאָרט וועלנ מיר ריידנ אפּ אונדזער הייליקער שפּראַך, אפּ וועלכער עס זײַנען אָנגעשריבנ אונדזערע הייליקע ספאָרים, — טרוימט רעב באָרעך אינדערהייך.

די אלטע ייִדנ הערנ אימ אופמערקזאַמ, גלעטנדיק די לאַנגע בערד אונ צושאָקלענדיק מיט די קעפּ אלס א סימענ, אז זיי באַגיטיקנ עס.

ווענ עס איז אויסגעבראָכנ די רוסיש־יאַפּאַנישע מילכאָמע, איז באָרעך קיטײַטשיק געוואָרנ א הייסער רוסאָפיל אונ האָט קרענקלעך איבערגעלעבט די מאַפּאָלעס פונ דער צארישער ארמיי.

— נו, וואָס־זשע איז, אויב אונדזערע זײַנענ אָפּגעטראָטנ, — האָט ער זיך געשפּאַרט מיט די יאַפּאַנאָפילנ אינ בעסמעדרעש, — אָבער פּאָרט־ארטור האָבנ זיי ניט אָפּגעגעבנ. איינ סטעסעל וואָס איז ווערט... אונ גענעראַל לינעוויטש וועט דײַנע יאַפּאָנטשיקעס פאַרוואַרפנ מיט היטלענ, ער וועט זיי אינ יאַמ דערטרינקענ...

דער נײַער שטראָמ פרישע לופט האָט פאַרכאַפּט אויך שאָלעמען. אָנשטאָט די וונדערלעכע געשיכטעס האָט ער אונדז

דערציילט וועגן דעם שווערן יאָך פון די ארבעטער אין דער גאנצער וועלט, וועגן דעם רײַכן און זאטן לעבן פון די פאברי־קאנטן, סאָכרימ און באנקירן.

איך הער אופמערקזאמ שאָלעמען, קוק אים אין די אויגן ארײַן, און ער זעט בא מיר אויס אינגאנצן א גרויסער און א דערוואקסענער.

— און שולדיק אין דעם אלעמען איז דאָס פארשאָלטענע אייגנטומ, — רעדט ער ווײַטער. — עס לאָזט אראָפ א מענטשן אפן סאמע דעק, פארטרײַבט אים אפ קארוסעלנע געסל און הייבט אים אופ ביז צומ הימל. אויב דו האָסט געלט, ביסטו קלוג, קאָנסטו אָפן באגאנווענען, ווען דו ווילסט, מ׳קריכט פאר דיר אפ אלע פיר, דו ביסט באפעלער און קעניג. האָסטו ניט קיין געלט, ביסטו א דינער, א קנעכט און א גאנעוו. ווען עס וועט ניט זײַן קיין אייגנטומ, וועט אויך ניט זײַן קיין נויט, וועט ניט זײַן קיין גאנאָווימ, וועט ניט זײַן קיין קארוסעלנע געסלעך, וועט ניט זײַן קיין הייליקע מאגדאלינעס און קיין כײַע די רעבעצן...

— אלע וועלן זײַן אָרנטלעך און וועלן אָרנטלעך ארבעטן, — כאפ איך אונטער שאָלעמס געדאנק.

— יאָ, אלע וועלן זײַן אָרנטלעכע און גליקלעכע, — ענטפערט פארטראכט שאָלעמ.

— אָט וואָס, — זעצט ער פאָר נאָך א געוויסער צײַט שווײַגן, — הער אופ, יאָסעפ, צו האָבן צו טון מיט מאָטל בײַטש. ער איז א שלעכטער מענטש, ער וועט דיך אומברענגען. ער וועט דיך ארײַנשלעפן אין א בלאָטע, וועסט קיינמאָל ניט ארויסקריכן. ער איז א פארפאלענער גאנעוו. יאָג אים פון זיך ווײַטער, לאָז אים צו זיך נאָענט ניט צו...

נאָך דער טרויעריקער געשיכטע אפן מארק האָט שאָלעמ זיך אָנגעהויבן איבערקלײַבערישער און פאָרזיכטיקער באציִען צו מענטשן. ער האָט שוין לאנג פון זיך אָפגעטריבן מאָטלען און וורואָמען, ער האָט אָפט געזידלט מיכאָעלן, צו מיר אָבער האָט

ער זיך באצויגן גוט. בא אים האָבן זיך באוויזן נײַע פרײַנט, עלטערע פון אים. זיי פלעגן זיך איניינעם צונויפזאמלען, האָבן עפּעס געלייענט אָדער וועגן עפּעס גערעדט. זיי זײַנען געווען ערנסט און געוואלדיק פּאָרזיכטיק. ווען זיי פלעגן קומען אין סאָד אַרײַן, פלעגן זיי זיך פריִער ארומקוקן אין אלע זײַטן, צי שפּירט מען ניט נאָך זיי, צי קוקט מען ניט אויס, און פלעגן שטענדיק איבערלאָזן א וואך באם טירל פונעם סאָד. צווישן שאָלעמס נײַע כאווײרים איז געווען אויך סלאווע קיטײַטשיק.

איך האָב פארשטאנען, אז שאָלעם האָט זיך פארבונדן מיט עפּעס א סאָד. איך האָב זיך אויך צו דעם געצויגן, אָבער שאָלעם האָט מיך ניט צוגעלאָזט, ער האָט מיך געהאלטן פונדערווײַטנס...

— וואָס פאר א פארזאמלונגען קומען עס בא דיר פאָר, שאָלעם? וואָס לייענט איר און וועגן וואָס שמועסט איר? — פלעג איך אים פרעגן.

— דאָס איז א סאָד, — פלעג שאָלעם ענטפערן.

— איך וויל אויך נעמען אָנטייל אין דעם סאָד...

— דערווײַל איז נאָך פרי. איך האָב גערעדט מיט די כאווײרים וועגן דיר. — מ׳האָט באשלאָסן א ביסל צוווארטן. דו פלוידער נאָר ניט. האלט פעסט דעם צונג.

איך האָב א קוק געטאָן אף שאָלעמען מיט א פאָרוווּרף. ער האָט זיך דערפילט שלעכט.

— נו־נו... זײַ ניט אין קאס. איך שפּאס. איך ווייס, אז דו ביסט א ווילער יאט, אז דו וועסט קיינמאָל ניט לאָזן קיין לופט־באלאָנען [1]...

איינמאָל זײַנען שאָלעם, מיכאָעל, סלאווע און איך ארומגעגאנגען איבערן בייסוילעם. מיר האָבן זיך דאָ אלעמאָל אָנגעשטויסן אף גרופּקעס יינגלעך פון אונדזער גאס, וואָס האָבן

---

1) אז דו וועסט קיינמאָל ניט פלוידערן.

געשפּילט אין קנעפּלעך, אין פענעס, אין קאָרטן. די כעוורע האָבן אונדז פאַרוואָרפן מיט ניט קיין שטאַרק אַנגענעמענע פאַר אונדז כאָכמעס און גאַסן־ווערטלעך, באַזונדערס װעגן סלאַװעס. איינעם אַ יאָט האָט מיכאָעל אָנגעדרייט די אויערן. דעמלט האָט זיך אָפּ אונדז פון אַלע זײַטן אַ שאָט געטאָן אַ האָגל סאָסנע־שישקעס, דורכגעמישטע מיט פּעטע גאַסן־זידלערײַען. מיר האָבן זיך קאַם אַרויסגעכאַפּט אין פעלד אַרײַן.

— יאָ, עס וואַקסט אַ דאָר גאַנאָווים, כוליגאַנעס און פּאָ־גראָמשטשיקעס. עס איז ניטאָ, ווער עס זאָל זיך וועגן זיי זאָרגן, אַ טראַכט טון. אַ קינד איז אַזויווי וואַקס. פון אים קאָן מען קנעטן, וואָס מ'וויל... אונדזער גאַס קנעט מאָטלס בײַטשעס און מאַגדאַלינעס, און מיט גוטע הענט וואָלט מען געקאָנט אויס־קנעטן בעבעלס...

אָפּ מאָרגן איז שאָלעמען אַרײַן אין קאָפּ אַ געדאַנק אָרגאַניזירן פאַר די קינדער פון אונדזער גאַס אַ ביבליאָטעק אײַ־נעם אַלטן פאַרוואָרפענעם שטאַל אין אונדזער הויף. ער האָט זיך מיט אונדז געטיילט מיט אָט דעם געדאַנק זײַנעם. מיר האָבן אים באַגייטיקט.

שאָלעם, מיכאָעל, סלאַווע און איך האָבן דרײַ טעג נאָכאַנאַנד גערייניקט דעם שטאַל פונעם אַלטן קיִען־מיסט, דער איינציקער שפּור פון דער קו, וואָס מיר האָבן אַמאָל געהאַט, וועלכע איז געפאַלן פון עפּעס אַ קרענק צום גרויסן שרעק און אומגליק פון מײַנע עלטערן, באַזונדערס פון דער מאַמע. מיר האָבן פון דער גאַס געשלעפּט זאַמד אין אַ זאַק, אָנגעשיט אָנשטאָט דעם קיִען־מיסט און האָבן אײַנגעטאָפּטשעט די ערד מיט די פיס. אין די נעכט פלעגן מיר שלעפּן פון פרעמדע הויפן ברעטער, באַטאָג פלעגן מיר זיי הובליעווען אין שטאַל, האָבן געמאַכט אַ דיל און פּאָליצעס, האָבן געקריגן עטלעכע צענדליק ביכער, אָנגעקלעפּט נומערן אָפּ די רוקנס, צעשטעלט לויט דער אָרדענונג, צונויפגע־שטעלט אַ קאַטאַלאָג און געמאָלדן די כעוורע פון אונדזער גאַס,

אז יעדער פון זיי קאָן אין באַשטימטע שאָען פון טאָג זיך באַנוצן מיט דער „ביבליאָטעק". א גרויסע צאָל כעוורע האָבן אָנגענומען אונדזער פאָרשלאַג, אייניקע גערן, די אַנדערע מיט נײַגיר, און די דריטע מיט אומצוטרוי. אַרום דער ביבליאָטעק האָט זיך אפילע געשאַפן אַן אייגנאַרטיקער אַקטיוו, וועלכער האָט ניט בלויז וואָס ער האָט געלייענט אונדזערע ביכער, נאָר האָט גענישטערט אין אַלע ווינקלען און האָט פאַר אונדז געקראָגן נײַע ביכער.

שאָלעמען האָט די אַרבעט פון דער ביבליאָטעק אײַנגאַנצן פאַרכאַפט. ער האָט אופמערקזאַם אויסגעפרעגט די כעוורע וועגן די דורכגעלייענטע ביכער, האָט רעקאָמענדירט נײַע, האָט קלאָר געמאַכט די מיספאַרשטייענישן, האָט געגעבן אייצעס און האָט אָפט געשיקט נאָך דעם אָדער אַן אַנדערן בוך אין דער „גרויסער" ביבליאָטעק.

— לייען אומבאַדינגט איבער וויניטשעס „אָוואָד", א גוטער בוך, — האָט שאָלעם געייצעט. — אָבער בא אונדז איז ער ניט פאַראַן. ווענדע זיך אין דער „גרויסער" ביבליאָטעק, דאָרטן וועסטו עס קריגן.

שאָלעם האָט געהאַט עטלעכע ביכער, וועלכע ער האָט ניט אַרײַנגעטראָגן אין קאַטאַלאָג אַרײַן. ער האָט זיי געהאַלטן באַזונדער און פלעג זיי געבן בלויז אויסדערוויילטע, דעריקער זײַנע נײַע באַקאַנטע.

איינמאָל זײַנען שאָלעם, סלאַווע און איך געזעסן אין ביבליאָטעק און האָבן וועגן עפּעס גערעדט. אַפּן גאַס איז געגאַנגען א קליין רעגנדל. אין ביבליאָטעק איז פון דער כעוורע קיינער ניט געווען. מיכאָעל האָט זיך אויך ערגעציוו פאַרהאַלטן.

— שאַבעס צוויי אַזייגער וועט זיך בא אונדז אין סאָד צונויפנעמען אונדזער זעלבסטבילדונג־קרײַז. מיר האָבן באַשלאָסן דיך אהין צונעמען. מיר וועלן זיך לערנען און אופהייבן אונדזער קלאַסן־באַוווסטזײַן. מיר דאַרפן האָבן באַוווסטזיניקע קעמ־

פער פארב סאָציאַליזם. ביסט מסכים אַרײַנטרעטן צו אונדז אין קרײַזל?

— גוט, איך וויל. איך וויל זיך לערנען, — האָב איך נאָך א געוויסן שווײַגן געענטפערט.

צו פערצן יאָר האָב איך אונטער שאָלעמס ווירקונג צעריסן מיטן קארוסעלנע געסל און מיט זײַנע אײַנוווינער, האָב זיך אופגעהויבן פונעם דעק. בא מיר האָט זיך אָנגעהויבן א נײַער פאס לעבן.

— א קינד איז אזויווי וואקס. פון אים קאָן מען קנעטן, וואָס מ'וויל, — קלינגען מיר אין די אויערן שאָלעמס ווערטער.

שאבעס זײַנען אפ דער פארזאמלונג געקומען צוועלף כעוורע.

צווישן זיי האָט זיך באזונדערס אויסגעטיילט א בלאָנדער, מיט א גרויסער טשופרינע, דער שלאָסער פון קאצענעלנסאָנס זאַוואָד אנדריי דובינין. ער איז לויטן אויסזען אלט געווען א יאָר אכצן. ער האָט אסאך גערעדט, אויסגעפרעגט די כעווריע, געענטפערט אפ פראגעס. ער איז צוגעגאנגען צו מיר, דערלאנגט די האנט, א שמייכל געטאָן.

— א גוט־העלפ, יאָסעפ. איך האָב געהערט, דו האָסט בא זיך אפן הויף אײַנגעאָרדנט א גוטע ביבליאָטעק. די יאטן זײַנען זייער צופרידן, — האָט ער געזאָגט.

מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אפן גראָז אין א קרײַז. איך האָב זיך אנידערגעזעצט לעבן שאָלעמען און סלאווען. דובינין האָט ארויסגענומען פון דער זײַטיקער פידזשאק־קעשענע א קלײנינק ביכעלע מיט א גרוי שאר־בלעטל, אפ וועלכן ס'איז מיט גרויסן שריפט געווען אָפגעדרוקט: „דער מאניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי”. ער האָט אונדז אלעמען באטראכט מיט זײַנע גרויסע און קלוגע אויגן, האָט מיט דער האנט פאריכט די געדיכטע טשופרינע, זיך אוועקגעזעצט אין דער מיט פונעם קרײַז, האָט צעעפנט דעם בוך, א הוסט געטאָן און האָט זיכער אָנגעהויבן צו לייענען:

„א געשפענסט בלאָנדזשעט איבער אייראָפּע — דאָס געשפּענסט פונ קאָמוניזמ".

דובינינ האָט געלייענט פּאמעלעכ, אָפּשטעלנדיק זיכ אפ די שווערע ערטער, דערקלערנדיק זייער זינ. ער האָט געענדיקט דאָס ערשטע קאפּיטל „דער בורזשוא אונ דער פּראָלעטאריאט" אונ האָט געבעטנ די כאוויירימ זיכ ארויסזאָגנ. באזונדערס האָט זיכ מיר איינגעשניטנ אינ זיקאָרנ דער אבזאצ וועגנ דעמ לומפּנ־פּראָלעטאריאט:

„דער באַסיאַקישער פּראָלעטאריאט, אָט דער פּאסיווער פּראָדוקט פונ פוילונג פונ די אונטערשטע שיכטנ אינ דער אלטער געזעלשאפט, ווערט ערטערווייז ארייַנגעצויגנ אינ דער באוועגונג פונ דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע, אָבער צוליב זייַנע לעבנ־פאָרמעס ווייַזט ער ארויס מער גרייטקייַט זיכ צו פארקויפנ אינ דינסט צו דער רעאקציע".

דער ערשטער נעמט א וואָרט שאָלעמ. ער רעדט וועגנ אייגנטומ, וועגנ דעמ לעבנ פונ די ארבעטער, וועגנ דעמ דרוק, וואָס דריקט זיי, וועגנ דער אומדערטרעגלעכער לאגע פונ דער פרוי, וועגנ דעמ טעמפּנ ווינקל, אינ וועלכנ עס געפינט זיכ די הייַנטצייַטיקע געזעלשאפט. דערנאָכ רעדנ אנדערע. פלאָנטערנדיק אינ פארהאקנדיק זיכ, זאָג איכ עטלעכע ווערטער וועגנ דעמ לומפּנ־פּראָלעטאריאט.

— אָט נעמט דאָס קארוסעלנע געסל, — זאָג איכ, — עס איז אינגאנצנ דורכגעפוילט. אווראָמ אונ מאָטל זייַנענ אזוי צעפוילט, אז זיי האָבנ פארלאָרנ דעמ אָנבליק פונ א מענטשנ אונ וועלנ פאר עטלעכע קופּערנע מאטבייעס פארקויפנ די גאנצע וועלט, ווענ איר ווילט. מיכאָעלנ קאָנ מענ נאָכ ראטעווענ. אונ אָט, שאָלעמ האָט אינ זיכ געפונענ קראפט, האָט זיכ ארויסגעריסנ פונעמ זומפּ אונ האָט אויכ מיכ ארויסגעשלעפּט פונדאָרטנ. אונ איצט ווערנ מיר מיט אימ, ווי ער זאָגט, באוווסטזיניקע קעמפער פאר א בעסער לעבנ. מיר וועלנ ארייַנציִענ אויכ מיכאָעלנ. ער וועט אויכ קעמפנ מיט אונדז צוזאמענ.

קימאט אלע פארזאמלטע נעמען אן אקטיוון אָנטייל באַם באַהאנדלען די פראגעס, וואָס זײַנען באריִרט געוואָרן אינעם ערשטן קאפיטל פונעם מאניפעסט. דוביני פירט אונטער סאכאקלען צו אונדזערע ארויסזאָגונגען. ער בלײַבט מיט אונדז צופרידן.

— אפ הײַנט וועט קלעקן, — זאָגט ער צום סאָף פון זײַן שלום־וואָרט. — מיר זיצן שוין מער פון צוויי שעה. דאָס ערשטע קאפיטל האָבן מיר דורכגעארבעט, ווי ס'באדארף צו זײַן. דאָס צווייטע דארף מען אויך גוט דורכארבעטן, און אלע זײַנען שוין מיד. לאָמיר אָפּלייגן דאָס לייענען ביז צום צווייטן שאבעס.

זיי גייען זיך פאנאנדער איינציקווײַז, ווער מיטן פעלד, ווער מיט דער גאס; איך בלײַב ביז אָוונט אין סאָד.

— נו, יאָסעף, די בעוורע זײַנען דיר געפעלן? — פרעגט מיך שאָלעם, ווען מיר זײַנען געבליבן אינצווייען.

— אנדריי איז א ווילער יאט, א קלוגער אזא...

— יאָ, ער איז א מיטגליד פון אונדזער קאָמיטעט.

— פון וועלכן קאָמיטעט?

— פונעם שטאָטישן קאָמיטעט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פארטיי. אים איז אונטערגעוואָרפן אונדזער זעלבסטבילדונג־קרײַזל.

אינגיכן נאָך דעם האָט שאָלעם געזאָגט צו מיר און צו סלאַווען:

— די מאטעריעלע לאגע פון אונדזער אָרגאניזאציע איז ביז גאָר א שווערע. די בערשטל־ארבעטער שטרײַקן. זיי נייטיקן זיך אין הילף. עס איז גוואלדיק נייטיק א העקטאָגראאפ אפ צו דרוקן פראָקלאמאציעס. עס זײַנען נייטיק ביכער, און קיין געלט איז ניטאָ. מיר מוזן אומבאדינגט קריגן מיטלען...

— פונוואנען? — האָב איך געפרעגט.

— אָט אין דעם גייט עס דאָך טאקע, ס'איז ניטאָ פונוואנען צו קריגן... עפשער זאָלן מיר שטעלן עפּעס א ספּעקטאקל?

— דאָס איז א געדאנק, — האָט סלאווע געזאָגט, — קרעפטן וועלן מיר געפינען, איינ מיכאָעל וואָס איז ווערט.

— ריכטיק, — האָט געענטפערט שאָלעם, — דער ספעקטאקל וועט ברענגען ניט בלויז א מאטעריעלן נוצן, נאָר אויך א קולטורעלן. ער קאָן דינען אויך אלס אן אָרגאניזאציאָנעלער אָנהייב. מ׳דארף זיך דורכריידן מיט די כעוורע, אויסקלייבן א פיעסע, פאנאנדער־ארבעטן דעם פלאן פון שטעלן זי, אָרגאניזירן מענטשן, דינגען א דירע.

— באשליס, וואָס צו שטעלן, און דאָס איבעריקע וועט טון מיכאָעל. זאָג אים נאָר. ער האָט די דאָזיקע זאך ליב, נעכט וועט ער ניט שלאָפן, — האָט סלאווע געזאָגט.

איינ עטלעכע טעג ארום האָט אונדז שאָלעם געזאָגט, אז בע־סער פון אלץ איז שטעלן גאָרדינס פיעסע „אָן א היים”.

מיר האָבן געגעבן צו וויסן מיכאָעלן וועגן אונדזער באַ־שלוס און האָבן אים פאַרגעלייגט צו אָרגאניזירן די דאָזיקע זאך. וועגן די צוועקן פון דער אונטערנעמונג האָבן מיר אים ניט גע־זאָגט.

— ער איז ניט קיין פעסטער יאט און ניט זייער קיין זיכע־רער. ער קאָן א פלוידער טון דאָרט, ווו מ׳דארף ניט. מיט אים דארף מען נאָך אן ארבעט טון, — האָט אונדז שאָלעם געלערנט.

מיכאָעל האָט זיך זייער דערפרייט מיט אונדזער פאָרשלאג. ער האָט געטרוימט וועגן א טעאטראלער קאריער און פלעג אפי־לע אמאָל נעמען אן אָנטייל אלס סטאטיסט איינ א יידישער טרו־פע, וואָס פלעג צו אונדז קומען צו פאָרן אפ גאסטראָלן. ער האָט גוט געקענט דעם רעפערטואר פון אָט דעם פראָווינציעלן טעא־טער, האָט געוווסט איין וועלכע פיעסן עס פאָדערן זיך יינגלעך פאר סטאטיסטן, און פלעג געדולדיק שטיין בא די טירן פונעם טעאטער, ווארטנדיק אפן אופנאם פון סטאטיסטן. איין טעאטער האָט מען אים שוין געקענט, און מ׳פלעג אים קימאט שטענדיק נעמען.

מיכאָעל האָט זיך מיט גרויס ענטוזיאַזם פון זײַנע זעכצן יאָר געגומענע אָרגאַניזירן דעם ספּעקטאַקל, אָפּגעבנדיק אים זײַן גאַנצע צײַט, זײַנע קויכעס און זײַן ענערגיע. ער האָט צונויפגעשלאָגן א טרופּע, זיך צונויפגערעדט מיט דער אַדמיניסטראַציע פונעם טעאַטער, איבערגעשריבן די ראָלן. ער האָט געשפּילט מיכאָעלן, שאָלעם האָט גענומען די ראָל פון פרידנטאַלן, איך האָב געשפּילט סאַמוילן. די שווערסטע און פאַראַנטוואָרטלעכסטע ראָל איז אָנגעקומען סלאַוועק. זי האָט געשפּילט עסטערן. דער הויפּט־רעזשיסער איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געווען מיכאָעל.

— רעד פּאָשעט, ווי דו רעדסט געוויינלעך. שרײַ ניט, רויקער. ווערסט דורכוואַלגערן דעם גאַנצן ספּעקטאַקל, — האָט ער מיך מושטרירט אַף די רעפּעטיציעס.

— סלאַווע, עס איז דיר ניט די סלאַבאָדקע, ביסט אין טעאַטער. מ'דאַרף מער נעשאָמע, שפּילסט צו טרוקן. כאַזער איבער די רעפּליקע נאָכאַמאָל. ניט אַזוי. ניט אַזוי. רעד ווייכער.

— וויאַזוי שטייסטו, שאָלעם? נאָכוואָס האָסטו אַרויסגעשטעלט דעם פוס פאָרויס? שמײַכל ניט, באַ דיר אַפּן געזיכט דאַרף זײַן טרויער. דער מאָמענט איז דאָך אַ טראַגישער, — האָט זיך מיכאָעל געהיצט.

צום ספּעקטאַקל האָבן מיר זיך געגרייט באַ די דרײַ כאַדאָשים. ענדלעך, האָבן זיך אַף די פּאַרקנס באַוויזן געדרוקטע אַפישעס. די גרויסע אויסיעס האָבן געשריגן וועגן דעם פאָרשטייענדיקן ספּעקטאַקל, די עטוואָס קלענערע אויסיעס האָבן דערציילט וועגן די נײַ־געבאַקענע אַקטיאָרן, האָבן הויך גערופן דעם אויִלעם אין טעאַטער אַרײַן.

מיר זײַנען עטלעכע מאָל אין טאָג געלאָפן אין שטאָט אַרײַן לייענען די אַפישעס, דורכקאָנטראָלירן, צי האָט זיי ניט עפּעס אַ בייזע האַנט אַראָפּגעריסן, און האָבן זיי נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל איבערגעלייענט. מיר זײַנען געגאַנגען מיט אַן אויפגעהויבע־

נעם קאָפּ, און אונדז האָט זיך געדאכט, אז די גאנצע שטאָט, די גאנצע וועלט קוקט אפּ אונדז.

עס האָט זיך דערנענטערט דער טאָג פונעם ספּעקטאקל. מיר זיינען אלע געווען שטארק אופגערעגט. מער פון אלע מיכאָעל. ער האָט אונדז בוכשטעבלעך פּארמוטשעט. יעדן טאָג האָט ער געמאכט רעפּעטיציעס. מיר האָבן שוין רעפּעטירט אין טעאטער זעלבסט. ער האָט געשריגן, געטופּעט מיט די פיס, זיך געזידלט, און מיר האָבן געשוויגן.

— דריי כאדאָשים האָסטו זיך געגרייט, און שפּילסט, ווי א שטיק האָלץ. עס באקומט זיך ניט קיין ספּעקטאקל, נאָר אן עמעסער אנעקדאָט. כאזוערט איבער נאָכאמאָל, — האָט זיך מיכאָעל געהיצט.

ענדלעך איז אָנגעקומען דער לאנג־דערווארטעטער אָוונט. די פּאָליציייסקע גאס מיט איר גאנצער אומגעגנט, מיטן אלטן שליאך און קארוסעלנע געסל האָט זיך א ריר געטאָן אין טעאטער אריין, ווי דאָס איז אפּן טייך אין פרילינג. אָנגעטאָן יאָנטעוודיק, צוגע־קעמט, זיינען די איינוווינער פון אונדזער גאס דאָס ערשטע מאָל, קאָן זיין, אין לעבן געקומען אין טעאטער אריין און האָבן פיי־ערלעך פארנומען זייערע ערטער לויט די אָנווייזונגען פונעם קאָנ־טראָליאָר. זיי האָבן זיך נייגעריק אומגעקוקט אין אלע זייטן, דער־לערנענדיק מיט די אויגן און מיט די הענט יעדע קלייניקייט אינעם צושויער־זאל.

מיכאָעל שפּירט נאָך דורכן לעכל פונעם פּאָרהאנג נאָכן אוי־לעם און טיילט אונדז מיט וועגן יעדער קלייניקייט אין זאל.

— נו, אן אוילעם! דער טעאטער איז איבערגעפילט. זעט, כעוורע, פּירט ניט אונטער... מיר הייבן גיך אָן... אלע אפּ די ערטער... גיט דעם דריטן קלונג... דעם פּאָרהאנג! —באפעלט מיכאָעל.

מיר שפּילן מיט באגייסטערונג. באזונדערס גוט שפּילן מי־כאָעל און סלאווע. בייס די אנטראקטן גייט מיכאָעל צווישן אונדז ארום, פרעגט זיך אויס וועגן די איינדרוקן, דערמוטיקט אונדז און באגריסט מיט דער גוטער שפּיל.

— מיר שפּילן ניט ערגער פון עמעסע אַקטיאָרן. סלאַווע האָט אײנעם דריטן אַקט געשפּילט װוּנדערלעך. און דו, שאָלעם, ביסט פּאַשעט געווען באַצויבערנדיק.

צום סאָף פונעם דריטן אַקט מאַכט דער אוילעם אונדז אַן אָוואַציע, שרײַט אויס אונדזערע נעמען. האַלטנדיק זיך פאַר די הענט, גייען מיר אַרויס פון הינטער די קוליסן אַף דער סצענע, פאַרנייגן זיך און שמייכלען.

מײַן מאַמע זיצט אין דער ערשטער ריי, אין פּאַרטער, לעם כײַע קיטײַטשיק. ביידע פרויען וויינען, עפּשער דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן ניט בלויז פאַר צאָרעס, נאָר אויך פאַר פרייד. מײַן מאַמע פאַרגעדענקט אָט דעם אָוונט אַף שטענדיק און האָט אָפּטמאָל ליב זיך אין אים צו דערמאַנען. ער דינט לאַנג אַלס אָנהייב פון איר צײַט־כעזשבן.

— יאָ... יאָ... איך געדענק, — זאָגט זי, — דאָס איז געווען אין צען כאַדאָשים אַרום נאָכדעם, ווי איך בין געווען אין טעאַטער...

צום סאָף פונעם ספּעקטאַקל מאַכט מען אונדז נאָכאַמאָל אַן אָוואַציע. די יוגנט קריכט אַף דער סצענע. מ׳באַגריסט אונדז הייס און מ׳קאַטשעט אונדז לאַנג.

פונעם טעאַטער צעגייען מיר זיך פּאַמעלעך, גרופּקעסווײַז. שאָלעם גייט ערגעץ אַוועק מיט אַנדרייען. מיכאָעל פאַרשווינדט מיטן אוילעם. איך גיי מיט סלאַווען. מיר געפינען זיך די גאַנצע צײַט אונטערן אײַנדרוק פונעם ספּעקטאַקל און פון דעם אייגענעם דערפאָלג.

— דו פאַרשטייסט, — זאָגט סלאַווע, — איך האָב פאַרגעסן, אַז איך שפּיל, אַז איך בין אַף דער סצענע. איך האָב זיך געפילט אַף אַזויפיל נאַטירלעך, אַז איך האָב זיך ניט געקאָנט אָפּטיילן פון עסטערן... איך בין געווען ניט סלאַווע קיטײַטשיק, נאָר אַ רעאַלע, אַ לעבעדיקע עסטער. ווען איך האָב גערעדט, זײַנען די ווערטער זעלבסט געפלאָסן פון מײַן אינערן, אָן אַ שום אָנשטרענגונג. אַף די רעפּעטיציעס האָב איך ניט געוווּסט, וווּהין די הענט אַהינצו־

טוג, זיי זײַנען בא מיר געווען איבעריקע און האָבן מיר פאר־שאפט אסאך אומרו. איך האָב מער פאר אלץ מוירע געהאט פאר מײַנע הענט. אפ דער סצענע האָב איך פארגעסן, אז איך פארמאָג הענט, איך האָב זיי אינגאנצן ניט געפילט.

— איך האָב זיך אויך געפילט פרײַ, — שלאָג איך איבער סלאווען, — שרעקלעך איז נאָר געווען צום סאמע אָנהייב. איך בין געשטאנען הינטער דער סצענע און געכאזערט די ערשטע פראזע, מיט וועלכער איך האָב געדארפט אָנהייבן מײַן ראָל. איך האָב מוירע געהאט, אז איך וועל צוליב אופרעגונג אלץ פארגעסן. די הענט און די פיס האָבן בא מיר געציטערט, ווער ווייסט, וויאזוי ס'וועט זיך באקומען... „יאָסעפ, — האָב איך ניט ווײַט פון זיך דערהערט עמעצנס שטים, — זײַ גרייט. דו דארפסט גלײַך ארויס־גיין. הער די לעצטע פראזע אפ דער סצענע"... איך האָב זיך צוגעגרייט, האָב פאריכט מײַן אָנצוג, דעם פאריק. פונעם ניט געוויינלעכן גרים האָט געצויגן און געברענט דאָס פּאָנעם. „גיי, יאָסעפ" — האָב איך דערהערט. אינעווייניק אין מיר האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן. איך האָב זיך א וואָרפ געטאָן אפ דער סצענע, און די גאנצע אופרעגונג איז בא מיר גלײַך פארשוווּנדן.

— ס'א נאר דו ביסט, — האָט סלאווע געענטפערט און האָט זיך צעלאכט.

— איך האָב דאָס זעלבע איבערגעלעבט, — האָט זי אין עטלעכע ווײַלעס ארום געזאָגט, קאטשענדיק זיך פאר געלעכטער.

— ס'א שטיפערן דו ביסט, סלאווע.

— זאָגסט, דו האָסט געציטערט, די פיס האָבן זיך געזעצט, — האָט סלאווע געלאכט און האָט זיך געלאָזט לויפן פון מיר.

איך לויף איר נאָך.

— וועסט מיך ניט דעריאָגן, — רייצט זי זיך.

— ניין, איך וועל דעריאָגן...

— בא דיר ציטערן דאָך די הענט און די פיס.. — לאכט זי, סאפּענדיק פונעם גיכן לויפן.

זי לויפט פאר מיר. איך יאָג זיך נאָך איר, און מײַן הארץ זינגט פון פרייד, פון יוגנט, פון דער פאָרשיקערנדיקער נאכט און פון דער פרישקײַט, וואָס גייט פונעם צעהיצטן לײַב פון דער פריילעכער שטיפערן, וועלכע לויפט פאָרויס. איך שטרעק אָן אלע קויכעס, רײַס זיך פאָרויס, כאפ זי און דריק זי צונויף אין די אָרעמס, און זי לאכט. און איר געלעכטער גיסט זיך, ווי דער לײַכטער שרויט פונעם פויק, ווי די קלינגענדיקע טרעלן פונעם נאכטיגאל.

— מ'טאָר ניט, מ'טאָר ניט... דו ביסט ניט אף דער סצענע, — בלאָזט זי אומיסטן אָן די קאפריזע ליפן, אָפדרייענדיק דעם קאָפ פון מײַנע הייסע צערטלעכקײַטן. — זע נאָר, פארגעס עפעס ניט פאר אופרעגונג...

די פרישע לופט רײַסט זיך ארײַן ניט בלויז אף דער גאס, ניט בלויז אין מײַן הויז, נאָר אויך אין מײַן נעשאָמע, און ווארעמט זי אָן מיט איר הייסן אָטעם. אין מײַן נעשאָמע זינגט די ליד פון דער ערשטער ליבע.

א גאנצע נאכט טרינק איך די בלויקײַט פון סלאָוועס טיפע אויגן, דעם רוף פון אירע מיידלשע ליפן.

מיר צעשיידן זיך, ווען עס איז שוין אינגאנצן ליכטיק.

איך ליג מיט פארמאכטע אויגן אין פאָדערהויז אף די נארעס, אָבער איך קאָן ניט אנשלאָפן ווערן. אין נעשאָמע, אין קאָפ, אין די אויערן קלינגט דאָס ליד וועגן סלאָוועס.

זעקסטע קאפיטל

פרילינג אפנ הויפ.

סלאווע וואקסט פונקט אזא פארוואָרלאָזטע, ווי אלע קינדער אפ אונדזער גאס. אינ די זומערדיקע טעג טראָגט זי זיכ אנ אָפּגעריסענע איבערנ שטויביקנ וועג, שפּילנדיק אינ פערדלעכ, טורפּעט מיטנ שמוציקנ באָרוועסנ פיסל איבער די קאליוזשעס אונ דרייט זיכ ארום איבער די פּלעצער אונ אפנ בייסוילעם, נעמט צונויפ קאָרנבלימלעכ אונ גלעקעלעכ, פלעכט קרענצלעכ פונ פעלד־בלומענ אונ באפוצט מיט זיי איר קאָפּ. ווינטער גליטשט זי זיכ א פארוויקלטע אינ שמאטעס, א פארבונדענע מיט א גרויס דיק טיכל, אינ גרויסע גרויע וואלינקעס, אפ איינ פוס אפ א דינ שפּענדל איבערנ שניי, שטארק אונטערשטופּנדיק זיכ מיטנ אנדערנ פוס...

צו אכט יאָר טרעט זי אריינ אינ אָנפאנג־שול, ווו זי ווייזט גיט ארויס אינ מעשעכ פונ די פיר יאָר, וואָס זי לערנט דאָרט, קיינ שום באזונדערע פייִקייטנ אונ קיינ שום טאלאנטנ. זי הייבט פרי אָנ צו באגלייטנ אירע ברידער־מוזיקאנטנ אפ יידישע כאסענעס, ווו זי אקאָמפּאנירט זיי אפ דער בובנע, אונ דערפאר באקומט זי א פּאָרציע געפילטע פיש, א שטיקל כאלע, עטלעכע צוקערקעס...

די יאָרנ גייענ, סלאווע ציט זיכ אויס א שלאנקע אינדערהייכ, אונ אירע גאָלדענע לעקעלעכ — אראָפּצו, ביז זיי ווערנ ניט פארוואנדלט אינ צוויי דיקע צעפּ, וואָס ציִענ זיכ ביז צום פּאסעק, רייצנד אריבערגעוואָרפענע דורכ די פּלייצעס אפ דער ברוסט. אירע ברוסטנ

גיסנ זיכ אָנ, ווי רייַפֿווערנדע הענגלעכ ווייַנטרויבנ, אונ קוקנ ארויס, ווי צוויי בערגעלעכ, פֿונ אונטער דער שמאָלער סאטינענער שוואר־צער קאָסאָוואָראָטקע. צוויי שורעס ווייַסע ציינ, ווי פּערל, זעענ זיכ ארויס דורכ די דינע ליפּנ — צוויי העל־רויטע סטענגעס, וואָס ס׳שמעקט פֿונ זיי מיט פֿרישע עפּלביימער. צוויי גרויסע טיפֿע בלויע אויגנ קוקנ פֿריידיק אפֿ דער וועלט.

די קליינע סלאווע גיסט זיכ אָנ מיט זאפֿט פֿונ מיידלשער רייַפֿקייַט...

נאָכדעמ ווי סלאווע האָט פֿארענדיקט די שול אונ האָט נאָכ צוויי יאָר אָפּגעגעבנ דער גאס, קומט זי אָנ אפֿ דער לערע אינ א שנייַדער־ווארשטאט, ווו עס ארבעט שוינ זייַט עטלעכע יאָר מייַנ עלטערע שוועסטער.

דאָ, אינ דעמ פֿינצטערנ אונ פֿייַכטנ קעלער, קלאפּנ בא א דרייַ־צענדליק פֿרויענ גאנצע טעג אפֿ די מאשינעס, נייענ מיט דער נאָדל, פּרעסנ מיט די שווערע טשאדנדיקע פּרעסלעכ אונ זינגענ לידער. דער קאָפּ טוט ווייַ פֿונעמ טשאד אונ פֿונעמ קלאפּנ, די אויגנ ווערנ טונקל פֿונ דער פֿינצטערניש אונ פֿונ די דריבנע שטעכ, מ׳שפּייַט אויס די לונגענ פֿונ שטויב אונ פֿונ פֿייַכטקייַט, די פֿיס ווערנ געשוואָלנ פֿונ אָנגעשטרענגטער ארבעט, אָבער דאָס זינגענ הערט ניט אופֿ אפֿ קיינ מינוט. מיט א ליד ארבעט זיכ גרינגער. זינגענ איז נוצלעכ. פֿונעמ זינגענ אנטוויקלענ זיכ די לונגענ, אונ מענטשנ זייַנענ אייביק פֿריש אונ יונג. אונ אכוצדעמ, די ליד פֿארטויבט אמאָל דעמ קאָפּ־ווייטעק, דעמ האווקענדיקנ הוסט אונ די ציִענדיקע שווערקייַט אינ די פֿיס אונ אינ דער ברוסט. אונ פֿונעמ קעלער גיסנ זיכ גאנצע טעג אָנ אנ אופֿהער אפֿ דער גאס צוזאמענ מיט דער צונויפֿגעדריקטער לופֿט, מיטנ טשאד, מיטנ קלאפּנ פֿונ דער מאשינ אונ מיטנ הוסט די קלאנגענ פֿונ א ליד:

אָט אזוי נייט א שנייַדער,
אָט אזוי נייט ער דאָכ.

ער גייט אונ נייט א גאנצע וואָכ
אונ האָט א גילנ מיט א לאָכ...

סלאווע לערנט זיכ גיכ אויס זינגענ. מיט א ליד אינ מויל צעבלאָזט זי דאָס פרעסל, מיט א ליד קערט זי אונטער דעמ דיל, מיט א ליד גייט זי צומ ברונעמ נאָכ וואסער, מיט א ליד הייצט זי מיט די אָנגעגאנוועטע ברעטלעכ די אײַזערנע פליטקע אינ קעלער. סלאווע איז א גוטע זינגערנ, אונ אלע אכטנ זי אונ האָבנ זי ליב פאר די גוטע לידער.

באטאָג האָט זי קיינ צײַט ניט צו לערנענ זיכ נייענ. א שילערנ פונ א ניי־ווארשטאט האָט אסאכ זײַטיקע קלאָפּאָטנ. זיי נעמענ בא איר אָפּ דעמ גאנצנ טאָג. אונ סלאווע לערנט זיכ נייענ אינ די נעכט. די עלטערע כאוויירימ העלפנ איר גערנ בא דער ארבעט. זי קאָנ שוינ אָנדרייענ פעדעמלעכ אפּ דער ציווקע, פארזוימענ אפּ א מאשינ די ראנדנ פונ נאָז־טיכעלעכ אונ פונ פּאָשעטע העמדער. די נאָט גייט, עמעס, בא איר נאָכ ניט שטענדיק ארויס גלאט, אמאָל באקומענ זיכ אומגעבעטענע קנופּנ. אָבער בא וועמענ באקומט זיכ עס די נאָט גלײַכ, ווי ס'דארפ צו זײַנ? נייענ איז דאָכ ניט האקנ האָלצ, מע דארפ האָבנ איידעלע הענט אונ א גרויסע פראקטיק. פאר אירע הענט איז סלאווע רויִק, אונ פראקטיק קומט מיט דער צײַט. אונ סלאווע לערנט זיכ אינ די נעכט.

אָפּט פארהאלטנ זיכ נאָכ דער ארבעט אינ ווארשטאט צוויידרײַ ארבעטערנס, באהאנדלענ עפּעס געהיימניספולע פראגעס, רעדנ האלב־סוידענדיק זיכ. אמאָל קריגנ זיי פונ ערגעצוו ארויס קלייניקע ווײַסע בלעטלעכ, געדיכט־אָנגעזעצטע מיט דריבנע בלאָוולעכנ קסאוו, לייענענ ערנסט אונ אמפּערנ זיכ לאנג. אָפּטמאָל בלײַבט מער אוילעמ, ביז א צענדליק מענטשנ, זיי לייענענ ביכלעכ, וועלכע זיי באהאלטנ דערנאָכ ערגעצ ווײַט. צו סלאווענ דערגייענ באזונדערע אומפארשטענדלעכע ווערטער. זי האָט ניט קיינ צײַט זיכ ארײַנטראכטנ אינ זיי. זי וויל זיכ גיכער אויסלערנענ נייענ אונ ווערנ אנ עכטע ארבעטערנ. אונ סלאווע קלאפּט פלײַכיק

מיט דער מאשינ, פארטויבנדיק מיטנ קלאפנ די ווערטער, וואָס דערגייענ צו איר, אונ זינגט שטיל:

> אָט אזוי גייט א שנײַדער,
> אָט אזוי גייט ער דאָך...

אָבער די ווערטער קריכנ איר אײַנגעשפּארט אינ די אויערנ, פארקלײַבנ זיך מיט פארבאָרגענע וועגנ אינ די געהירנ אונ אינ דער נעשאָמע, לאָזנ ניט ארבעטנ. די נאָדל פארטשעפּעט זיך אינ אײַנעמ לײַוונט, אונ עס שפּרינגענ איינס נאָך ס'אנדערע ארויס פאר־פלאָנטערטע קניפּנ. סלאווע פארהאלט מיט דער דלאָניע די זיך דרייענדיקע ראָד פונ דער מאשינ, נעמט אראָפּ די פיס פונעמ פּיסל, לייגט אוועק די לײַוונט אינ א זײַט, קערעוועט אויס דאָס פּאָנעמ צו די כאַווערטעס, וואָס זיצנ אינ ווינקל, אונ הערט זיך צו צומ לייענענ. אמאָל הייבט זיך סלאווע אופּ פונעמ טאבורעט בא דער מאשינ, אליינ ניט באמערקנדיק עס, לאָזט זיך צומ ווינקל אונ זאפּט דורשטיק אינ זיך אײַנ יעדער וואָרט.

פאר סלאווענ אנטפּלעקט זיך א נײַע וועלט. די ניט־פאר־שטענדלעכע ווערטער ווערנ פארשטענדלעך, נאָענט, אייגנ, אונ סלאווע פארטויבט זיי שוינ מער קיינמאָל ניט מיטנ קלאפּנ פונ דער מאשינ. אונ ווענ עס הייבט זיך אָנ דאָס לייענענ פונ די זעלבע פארכאפּנדיקע ביכלעך, לויפט זי די ערשטע אינעמ באליבטנ ווינקל אונ באמיט זיך אזוי אײַנאָרדענענ, זי זאָל ניט אָנווערנ קיינ איינ וואָרט.

פארטײַענדיק דעמ אָטעמ, הערט סלאווע דאָס מאָנאָטאָנע לייע־נענ. וועגנ וואָס נאָר דערציילנ ניט אָט די פארכאפּנדיקע ביכלעך! פאר סלאווענ גייענ דורכ פארביקע בילדער פונעמ לעבנ פונ אנ־דערע פעלקער, העלע בילדער פונ אָנגעשטרענגטנ אונ שווערנ קאמפּ פונ די ארבעטער אינ דער גאנצער וועלט. זי דערוויסט זיך וועגנ די העלדישע קאָמונארנ אונ וועגנ זייער רומפולנ טויט בא דער גרויסער שטיינערנער וואנט אפ איינעמ פונ די בייסויללעמס

פונעם ווײַטנ פאריזש. ווי זי שטרענגט זיכ ניט אָנ, קאָנ זי זיכ ניט דערמאנענ דעמ נאָמענ פונ דעמ בייסוילעמ. שוינ צו ניט־פארשטענדלעכ קלינגט עס אפ דער פרעמדער שפראכ. עס איז אפילע שווער איבערצוזאָגנ. אָבער דערפאר ס׳אנ אייגענער ער איז, אָט דער בייסוילעמ! ס׳ארא נאָענטע זיי זײַנענ, אָט די אומבאקאַנטע מענטשנ, דערשאָסענע בא דער וואנט! ווי ציט עס סלאָוועג א קוק טונ אפ דער וואנט, בא וועלכער עס זײַנענ אזוי מוטיק אומגעקומענ אָט די טויזנטער אָנשרעקיקע העלדנ מיט אויסגעשרייענ:

„זאָל לעבנ די קאָמונע!”

סלאָווע שליסט צו די אויגנ. די פאנטאזיע טראָגט זי אוועק ווײַט־ווײַט. זי זעט זיכ אפ א ווײַטנ בייסוילעמ, בא דער קאָמונארנ־וואנט. איינער נאָכנ אנדערנ גייענ ארויס פונ די קוואָרימ די לעבעדיקע קעמפער פאר דער קאָמונע, זיי שטעלנ זיכ אויס אינ שטרענגע באטאליאָנענ. איבער זיי שוועבט א פאָנ, א העלרויטע, ווי זייער אייגנ בלוט, א ריזיקע, ווי די געהיימניספולע וואנט אפ דעמ געהיימניספולנ בייסוילעמ, א לאנגזאמע, ווי א יאמ, וואָס ברויזט מיט פלאמ — די באטאליאָנענ מארשירנ איבער די גאסנ. דאָס פאָלק באגעגנט זיי פריידיק אונ באווארפט זיי מיט בלומענ. פונ אלע זײַטנ טראָגנ זיכ אויסגעשרייענ:

— זאָלנ לעבנ די קאָמונארנ! זאָל לעבנ די קאָמונע!

סלאָווע עפנט אופ די אויגנ. ציטערט אופ. שמייכלט...

טלאָוועג קאָנ מענ זענ אומעטומ. זי איז דאָ סײַ אפ א פארטײַשער „סכאָדקע”, סײַ אינ א פיקעט בייס א שווערנ שטרײַק, סײַ אפ דער ווינונג בא אנ ארבעטלאָזנ, סײַ אינ א זעלבסטבילדונג־קרײַז. זי היט אָפ בא זיכ אינ גאָרטנ, אינ א גרוב, אונטער אלטע קלעצער אומלעגאלע ליטעראטור, אָט די וווּנדערלעכע ביכלעכ, וועלכע זי האָט אזוי ליב צו לייענענ אונ צו הערנ. באנאכט דרוקט זי צוזאמענ מיט מײַנ שוועסטער אפ אנ העקטאָגראפ פראָקלאמאציעס, לייגט זיי צונויפ אינ דער פאָרמ פונ קליינינקע

דרײַעקנ און ארומגײיענדיק איבער די שלאָפנדיקע שטיבער, רוקט זי זײ פּאָרזיכטיק ארײַנ אינ די שפּאלטנ פונ די פארמאכטע לאָדנס און די צוגעשלאָסענע טירנ און צעקלעפּט זײ אפ די פארקנס.

די פארטײ־ארבעט דערנעענטערט סלאוועג מיט מײַנ שוועסטער. זײ גײענ אָפט צוזאמענ, זײ שפּאצירנ, פירנ שמועסנ, אָפטמאָל העט ביז פארטאָג.

עס טרעפט אָפט, אז אינאָװנט, באזונדערס פרײַטיק און שאבעס, נעמענ זײ צונויפ אפ דער גאס לעמ אונדזער שטוב א גרויסע קאָמפאניע. פונ ערגעצווו באווײַזט זיכ סלאוועס ברודער, אָשער קיטײַטשיק, און פילט אָנ די גאס מיט זילבערנע קלאנגענ פונעם קאָרנעט. מיר זינגענ און טאנצנ. באזונדערס סטארעט זיכ מיכאָעל. מיט זײַנ סאמעטנ קאָל פארציט ער שטיל סאָלאָ:

אפנ בוידעמ שלאָפט דער דאכ,
צוגעדעקט מיט שינדעלעכ.
אינ דעמ וויגעלע ליגט דאָס קינד
נאקעט, הויל, אָנ ווינדעלעכ.
האָפּ, האָפּ, אָט אזוי
רײַסט די ציג פונ דאכ די שטרוי.

אָשער דיריזשירט מיטנ קאָרנעט. ווענ מיכאָעל פארענדיקט די סטראָפע, כאפּנ מיר אלע צוזאמענ אונטער:

האָפּ, האָפּ, אָט אזוי
רײַסט די ציג פונ דאכ די שטרוי.

און אָשער פארגיסט אונדז מיט די ווייכע קלאנגענ פונעם קאָרנעט, אינ וועלכע עס זינקענ אונדזערע שוואכע שטימענ.

ווענ מיר ענדיקנ די ליד, צעשטעלט אונדז אלעמענ מיכאָעל אינ א קרײַז לויט די שטימענ. אלײנ שטעלט ער זיכ צוזאמענ מיט אָשערנ אינ דער מיט קרײַז און, אָנצילענדיק מיטנ ווײַז־פינגער, ווי א קאפעלע־מײַסטער, הייבט ער אָנ א נײַע סאָלאָ:

הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן,
פרײַ באהערשט די וועלט.
רײַסט די לאָדנס פון די הײַזער,
טוט, וואָס אײַך געפעלט.

אָשער לייגט צו דעם קאָרנעט צו די ליפּן, מיכאָעל מאכט א שארפע באוועגונג מיט דער האנט, און מיר אלע כאפּן אונטער צוזאמען מיטן קאָרנעט:

רײַסט די לאָדנס פון די הײַזער,
טוט, וואָס אײַך געפעלט.

דערנאָך שפּילן מיר אין פאנדעס און מיר טאנצן.

אמאָל האלט דער אלטער קיטײַטשיק ניט אויס. ער הייבט זיך אָן דרייען אף דעם סקריפּענדיקן הילצערנעם בעט, זעצט זיך אוף, טוט א טראכט, שלעפּט אף זיך פאמעלעך ארוף די הויזן, כאפּט ארופ די שטעקשיך אף די באָרוועסע פיס, טוט אָן די יארמעלקע, קריכט ארויס פון זײַן לאָך, גייט צו צו אונדז, און קלוימערשט אין קאס, הייבט ער אָן בייז אף אונדז צו שרײַען:

— וואָס האָט איר זיך, שיידים, צערעוועט, ווי די טרומייטן פון יעריכן? איר לאָזט דאָך קיינעם ניט שלאָפן!

אָבער אין א ווײַלע ארום טוט ער א ברייטן שמייכל און זאָגט פריילעך:

— אָט אזוי טאנצט מען? איר קאָנט, מערדערס, ניט טאנצן. קום אהער, סלאַווע, לאָמיר ווײַזן אָטאָ די זויג־קינדער, וויאזוי מ׳פלעג אמאָל טאנצן און וויאזוי די קיטײַטשיקס קאָנען נאָך איצטער טאנצן! שפּיל, אָשער, א פריילעכס!

און דער אלטער שוסטער לאָזט זיך מיט זײַן טאָכטער טאנצן אינמיטן גאס אונטער די קלאנגען פונעם קאָרנעט און אונטערן אקאָמפּאנעמענט פון דער פריילעכער יוגנט. מיר פּאטשן אין די דלאָניעס, קלאפּן צום טאקט, און רעב באָרעך דרייט זיך לײַכט ארום זײַן טאָכטער מיט דער רעכטער האנט ארופ, צוקנאקנדיק

מיט די פינגער. מיר לאָזן זיך אויך טאַנצן. אַלץ אַרום שפּרינגט און דרייט זיך. די ערד דרייט זיך אין אַ ווילדן טאַנץ. דער הימל לאָזט זיך נאָכיאָגן די שיקערע ערד, און די שטערן פינקלען צו אונדז פריילעך, שפּרינגען, טאַנצן און לאַכן.

אָבער פּלוצעם שטעלט זיך רעב באָרעך אָפּ, טוט האָפּנונגלאָז אַ מאַך מיט דער האַנט אין אונדזער זײַט.

— איר קאָנט, רוכעס, ניט טאַנצן, — זאָגט ער און לויפט גיך צוריק אין זײַן לאָך.

אונדזערע לידער, טענץ און שפּילן ציִען זיך ביז פאַרטאָג.

אָבער גיך קומט אָן אַ סאָף צו אונדזער פרייד.

עס איז געווען פּרילינג. דער אוילעם האָט שוין לאַנג אין די שולן געהאַט אויסגעהערט די געשיכטע וועגן האָמאָן האָראָשע, וועגן דעם גאָטספאַרכטיקן מאָרדכע און וועגן דער שיינער עסטער־האַמאַלקע. די קינדער האָבן זיך שוין לאַנג צערעכנט מיט זייערע קנאַקנדיקע גראַגערס מיט אָט דעם אַלטן פּאַגראָמשטשיק האָמאָן, האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן דעם טאַם פון האָמענטאַשן און די מאָנדלעך, וועלכע זיי האָבן געהאַט באַקומען אָפּ פּורים, און האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אָפּ דעם פּרילינגדיקן איבערײַס — אָפּ פּייסעך.

דער פרייידיקער מײַ האָט זיך צו אונדז געײַלט דורך די פּלויטן פון די פעלדער, סעדער און בייסוילעמס. אַלץ אַרום האָט גע־זונגען און האָט באַגריסט זײַן דערנעענטערונג.

עסטער און סלאַווע האָבן אין פּאָדערהויז באַם טונקעלן שײַן פון אַ קליינעם קעראָסין־לאָמפּ העקטאָגראַפירט די ערשטמײַיִקע בלעטלעך. ווען זיי האָבן פאַרענדיקט די אַרבעט, האָבן זיי זיי פאַרוויקלט אין אַלטע צײַטונגען, האָבן זיי אוועקגעטראָגן צוזאַמען מיטן העקטאָגראַף אָפּן שכייניִשן פּוסטן פּלאַץ און עס פאַרגראָבן אין אַ הויפן שטיינער.

עס איז שוין געווען ליכטיק, ווען סלאַווע איז אוועקגעגאַנגען אַהיים, און די שוועסטער האָט זיך אוועקגעלייגט אָפּן דיל שלאָפן.

א שארפער קלאפּ אין טיר האָט אונדז אלעמען אופגעוועקט. די מוטער איז ארױסגעשפּרונגען פונעם בעט, האָט דורך א שפּאלט פון די לאָדנס א קוק געטאָן אפן הויף און איז פארשטאָרבן גע־וואָרן אפן אָרט, ווי זי זאָל צוּוואקסן צום דיל.

— וואָס איז? ווער קלאפּט עס דאָרט אזוי פרי? — פרעגט דער פּאָטער.

די מוטער שווײַגט. אויס אופרעגונג בלײַבן די ווערטער שטעקן בא איר אין האלדז.

— עפנט אוף, — דערהערט זיך פון יענער זײַט טיר צוזאמען מיט א נײַעם קלאפּ א גראָבּ קאָל אף רוסיש.

— אוי, אן אומגליק, פּאָליציי איז אין הויף, — רײַסט זיך בא דער מוטער ארויס א געשריי, און זי באגיסט זיך מיט טרערן.

— עפנט אוף, אניט וועלן מיר אופבּרעכן די טיר, — פאָדערט א שטים אין הויף.

דער פּאָטער גייט אראָפּ פונעם בעט, עפנט אוף די טיר, און אין הויז וואלגערן זיך ארײַן א מאן זעקס גאָראָדאָוויעס און צוויי ציווילע מיטן פּריסטאוו אין דער שפּיץ. די איבערגעשראָ־קענע קינדער רעווען. די מוטער לויפט איבערן צימער, ברעכט די הענט. דער פּאָטער קאָן ניט באַרויִקן ניט די קינדער, ניט זי.

— איר לאָזט זיך לאנג בעטן אופצועפענען די טיר, — זאָגט מיט כּעס דער פּריסטאוו אָנשטאָט א באגריסונג, ארײַנגייענדיק אין צימער.

מיר, די עלטערע קינדער, טוען זיך גיך אָן און שפּירן נאָך מיט נײַגיר, שרעק און פארבּאָרגענער סינע נאָכן פּאָגראָם, וועלכן עס אָרדענען אײַן אין שטוב די גאָראָדאָוויעס און די שפּיקעס אין ציווילן אין דער שפּיץ מיטן פּריסטאוו, וואָס האָט א פּאָר וואָנצעס, ווי א טאראקאן.

אין מעשעך פון צוויי שאָ טרייסלט א צענדליק מענטשן איבער אלע אונדזערע שמאטעס, דעם טאטנס ביכער, זיי רײַסן אוף די דילן, עפענען אוף די קישנס, קריכן ארײַן אין הינער־שטײַג, ניש־

טערן ארום די פּאַליצעס, די ווענט און די סטעליעס, זידלען זיך.

ווען זיי געפינען ניט גאָרניט אין שטוב, זוכן זיי אין פאָדער־הויז און אפן בוידעם. אָבער אויך דאָ ענדיקט זיך די אונטערזו־כונג, פונקט ווי אין שטוב אָן א רעזולטאַט.

— ווהין האָסטו באַהאַלטן דעם העקטאָגראַף און די פּראָ־קלאַמאַציעס? — ווענדט זיך דער פּריסטאַוו צו דער שוועסטער נאָך דער ניט־געלונגענער אונטערזוכונג.

— וואָס פאר א העקטאָגראַף און וואָס פאר א פּראָקלאַמאַצי־עס? איך האָב גאָרניט באַהאַלטן, — ענטפערט די שוועס־טער.

— און פאַרוואָס זיינען בא דיר די הענט אין פאַרב?

— דאָס איז ניט קיין פאַרב.

— וואָס דען איז עס?

— טינט...

— פאַרוואָס־זשע זיינען זיי אין טינט?

— איך האָב נעכטן צעגאָסן טינט אף די הענט, — טראַכט אויס די שוועסטער.

— אזוי... צעגאָסן, זאָגסטו, טינט אף די הענט... וויאזוי־זשע האָסטו עס צעגאָסן? — פרעגט דער פּריסטאַוו איראָניש.

— ניט־אומיסטע צעגאָסן...

— נו, לייגסטר־זשע כוצפּעדיק! איך ווייס אלצדינג. דו האָסט היינט געדאַרפט אָפּדרוקן אפן העקטאָגראַף ערשטמייִקע פּראָק־לאַמאַציעס... ווהין האָסטו אהינגעטאָן דעם העקטאָגראַף?

— אויב איר ווייסט אלץ, נאָכוואָס־זשע פרעגט איר מיך? געפינט אים און נעמט אים... איך זאָג דאָך אייך, איך האָב גאָר־ניט באַהאַלטן און האָב קיין העקטאָגראַף אין מיין לעבן ניט גע־זען, — ענטפערט פעסט די שוועסטער.

דער פּריסטאַוו רייסט איבער דעם אויספרעג. ער זעצט זיך צום טיש, שרייבט עפּעס לאַנג, דערנאָך לייענט ער דאָס אָנגע־

שריבענע אינדערהייך, לייגט פאַר דעם פאָטער און דער שוועס־טער אונטערשרײַבן דאָס פּאַפּיר.

זיי שרײַבן אונטער.

— טו זיך אָן, — זאָגט דער פּריסטאַוו צו דער שוועסטער, — דו וועסט גיין מיט אונדז...

די מוטער, וואָס פאַרשטייט שוואַך רוסיש, פילט דאָך, אַז עפּעס איז ניט אין אָרדענונג, זי כאַפּט אויף יעדער וואָרט דעם פּריסטאַווס, לייענט יעדער אויסדרוק אַף זײַן פּאָנעם, וואַרפט דורכדרינגענדי־קע בליקן אַפן טאַטן, אַף דער שוועסטער.

— וואָס שטייסטו? טו זיך אָן! — כאַזערט איבער דער פּרי־סטאַוו, זיך ווענדנדיק צו דער שוועסטער.

די מוטער ווערט פּלוצעם בלייך, פאַלט אַף די קני פאַרן פּרי־סטאַוו. זי בעט אים ניט טשעפּען די עלטערע שוועסטער, איר האָפענונג און שטאָלץ...

די קינדער וויינען דערשראָקן. דער פאָטער הייבט אויף די מוטער פונעם דיל און באַרויִקט זי.

— וואָס האָסטו זיך צעשריִען? — זאָגט ער צו איר מיט אַ פאָרוואורף. — האָסט דאָך איבערגעשראָקן די קינדער. באַרויִק זיך. נעם זיך אין די הענט... מ'וועט זי מאָרגן אַרויסלאָזן...

עסטער טוט זיך פּאַמעלעך אָן. זי האַלט קאַם אײַן די אויפרעגונג און באַמיט זיך כאָטש אויסערלעך צו זײַן רויִק.

דער פאָטער שנײַדט אָפּ אַ שטיקל ברויט, פאַרוויקלט עס אין אַן אַלטער צײַטונג, גיט עס איבער דער שוועסטער.

— נעם מיט מיט זיך. עס וועט זיך דיר גלוסטן עסן. אַף יעדן פאַל האָב מיט זיך ברויט. פאַל באַ זיך ניט.

— גענוג זיך פּאָרען, געגאַנגען! — באַפעלט דער פּריסטאַוו. באַ דער שוועסטער באַווײַזן זיך אין די אויגן טרערן.

— זײַט געזונט, — זאָגט זי און לאָזט זיך נאָכן פּריסטאַוו צום אַרויסגאַנג.

די מוטער וואַרפט זיך אַרוף אַף דער שוועסטער, כאַפּט זי

ארום מיט די הענט, דריקט זי פעסט צו זיך און שרייַט אויף גאַנצן הויז:

— ניין... איך וועל דיך ניט לאָזן... פאַרוואָס פירן זיי דיך אין טורמע אַרייַן? וואָס האָסטו באַ זיי אָוועקגעגאַנוועט? איך וועל דיך ניט לאָזן אין טורמע אַרייַן... אָרנטלעכע מענטשן פירט מען ניט אין טורמע.

— גענוג... געגאַנגען! — כאַזוערט איבער דער פּריסטאַוו, אָפּשטויסנדיק די מוטער פון דער שוועסטער.

— פּאַניע נאַטשאַלניק... ברענגט ניט אום מייַן טאָכטער, לאָזט זי איבער אינדערהיים. אוי, אַן אומגליק האָט מיך געטראָפן! — באַגיסט זיך די מוטער מיט טרערן.

ווען מ'פירט אַוועק די שוועסטער, פאַלט די מוטער אויפן דיל, רייַסט זיך די האָר, פאַלט אַרייַן אין אַ היסטעריקע און באַקלאָגט די שוועסטער, ווי זי זאָל זי באַגראָבן.

— זי איז געווען אַזאַ גוטע, אַזאַ קלוגע, אַזאַ שיינע. פאַר־וואָס האָט מען אומגעבראַכט אַ יונג לעבן? — באַוויינט די מוטער די אַרעסטירטע טאָכטער.

אויפן צווייטן טאָג האָט מען די שוועסטער אַריבערגעפירט פון דער פּאָליציי אין טורמע, און אין צוויי כאַדאָשים אַרום האָט מען זי אויף אַן אַדמיניסטראַטיוון אופן אַרויסגעשיקט מיטן עטאַפּ אין אַ פאַרוואָרפן דערפל אויפן ווייַטן צאָפן, וואָס איז געלעגן דרייַ הונדערט קילאָמעטער פון דער אייַזנבאַן.

דאָס איז געווען פרייַטיק, אַרום צוויי אַזייגער. פאַרסאָפּענדיק זיך, איז סלאַווע אַרייַנגעלאָפן צו אונדז.

— מ'פירט עסטערן אויפן וואָקזאַל מיטן עטאַפּ, — האָט זי אויסגעשריִען, — לויפט גיכער אין גאַס אַרייַן...

ניט דער טאַטע, ניט די מאַמע זייַנען אינדערהיים ניט געווען. מיר זייַנען אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס. אַ מענטשן צען אַרעס־טאַנטן מיט געלע בובנע־טייַז אויף דער פּלייצע זייַנען געגאַנגען, אַרומגערינגלט מיט סאָלדאַטן מיט די הוילע שווערדן. באַ יעדער

טראָט זייערן האָבן אָפּגעקלונגען צום טאַקט די שווערע קייטן, וואָס זײַנען געהאַנגען אױף זייערע פיס. זיי האָבן פּאַמעלעך מיט זעקלעך אויף די רוקנס געשפּאַנט אײנמיטן גאַס, אויפהייבנדיק אַ וואָלקן גרויען שטויב. הינטער זיי איז געפאָרן אַ ברישקע, אויף װעלכער עס איז געזעסן די שוועסטער און נאָך עפּעס אַ פרוי. רעכטס און לינקס האָבן די ברישקע באַוואַכט צוויי סאָלדאַטן מיט הוילע שווערדן.

— עסטער, אוי, עסטער, — האָט זיך צעוויינט מײַן ייִנגערע שוועסטער כאַסי.

פאַר די צוויי כאַדאָשים אַרעסט איז עסטער אַ ביסל אַראָפּ פונעם פּאָנעם און איז בלאַס געוואָרן. זי האָט צו אונדז שולדיק געשמייכלט...

— מ׳דאַרף ניט וויינען, כאַסי, — האָט זי געזאָגט, און באַ איר אַלײן האָבן זיך באַוויזן טרערן. — ווו איז די מאַמע?

די וואַך האָט אונדז מער ניט געלאָזט ריידן.

מיר זײַנען געגאַנגען נאָך דער ברישקע, ניט אַראָפּנעמענדיק קיין אויג פון דעם אַכצניאָריקן קאָרבן פון דער זעלבסטהערשונג.

אויפן וואָקזאַל האָט מען פאַר די אַרעסטירטע אָפּגעראַמט אַ ווינקל אין דריטן קלאַס, ווו די אַרעסטאַנטן האָבן געוואַרט, ביז עס וועט קומען דער צוג. זיי האָבן זיך אויסגעלייגט אויפן דיל. זיי האָבן געגעסן שוואַרץ ברויט און האָבן פאַרטרונקען מיט קאַלטער וואַסער פון בלעכענע קווערטלעך. די שוועסטער און איר באַגלייטערן זײַנען געזעסן אויף אַ הילצערנער באַנק, אַמאָל זיך דורכגעוואָרפן מיט צוויי־דרײַ ווערטער...

— וואָס מאַכסטו, סלאַוועַ? — האָט זיך די שוועסטער געווענדעט דורך דער פּלייצע פון דער וואַך.

— מיר לעבן גוט... ס׳איז דאָ אַסאַך אַרבעט... און וויאַזוי פילסטו זיך?

— גרויסאַרטיק, — האָט די שוועסטער געענטפערט, האַלב־ערנסט, האַלב־איראָניש.

— מיר רוען זיך אָפּ, ווי איר זעט, — האָט אונטערגעכאַפּט דער שוועסטערס אומבאַקאַנטע באַלייטערן...

די סאָלדאַטן האָבן איבערגעריסן דעם שמועס.

ביז צום אָנקומענ פונעם צוג איז געבליבן עטלעכע מינוט. אַפּן וואָקזאַל איז אַרײַנגעלאָפֿן מײַן מוטער. זי האָט ניט געוווּסט, וואָס מיט איר טוט זיך. זי איז געווען ענלעך אַפּ אַ מעשוגענער. מיט אויגן, וואָס קײַקלען זיך אַרויס פון די אויגן־לעכער, האָט זי זיך מיט אַ שרעקלעכן געוויין אַרופגעוואָרפן אַפּ עסטערן.

— אוי, טאָכטער מײַנע, טײַערע טאָכטער מײַנע... וווהין פירט מען דיך?

די וואַך שטויסט זי אָפּ צוריק. די מוטער גיט זיך ניט אונ־טער.

— דאָס איז דאָך מײַן עלטערע טאָכטער עסטער, — טײַנעט זי צו די סאָלדאַטן. — מײַן טײַער אומגליקלעך פייגעלע... לאָזט מיך צו איר. פאַרוואָס מוטשעט איר זי?

דער אײַזנבאַן־זשאַנדאַרם שטויסט אַרויס די מוטער פון דער וואָקזאַל־געבײַדע אַפּ דער גאַס.

די מאַמע וויל ניט גיין, זי שפּאַרט זיך אײַן, רײַסט זיך אַרויס פון זײַנע הענט, שרײַט. דער זשאַנדאַרם כאַפּט זי גראָב פאַר די הענט, שלעפּט זי איבערן דיל, שטויסט זי מיטן שטיוול. עסטער הייבט זיך אויף פונעם אָרט, שרײַט נערוועז אַפּן זשאַנדאַרם:

— וואַגט ניט אָנצורירן אַן אומבאַשיצטע פרוי, איר האָט ניט דאָס רעכט זי צו שלאָגן...

די סאָלדאַטן שטויסן צוריק אָפּ די שוועסטער.

די מוטער רײַסט זיך פונעם זשאַנדאַרמס הענט, זי שרײַט...

מיר טוט גוואַלדיק וויי. איך ווייס ניט, וואָס צו טון. די ייִנגערע שוועסטער כאַסי איז מיט אַ געוויין אַוועקגעלאָפן נאָך דער מוטער, איך און סלאַווע זײַנען געבליבן אַפּן אָרט.

דער צוג גייט צו צו דער סטאַנציע. די אַרעסטירטע פירט מען אַרויס פונעם וואָקזאַל צום צוג. די שוועסטער אַ בלייכע, ווי

דער זאַמד אַפֿ אונדזער גאַס, שלעפּט קאַם די פֿיס. זי שטאַרקט זיך, פּרוווט מיט אַלע קויכעס צוגעבן איר געזיכט אַ מער רויִקן אויסדרוק, אָבער עס באַקומט זיך בא איר ניט...

— זײַט געזונט, — האָט זי אַ פּאָכע געטאָן מיט דער האַנט און, אויסקערעווענדיק זיך גיך צו אונדז מיטן רוקן, איז זי אַרופּגעשפּרונגען אַפֿ די טרעפּלעך פֿונעם וואַגאָן מיט גראַטעס און איז פֿאַרשווונדן הינטער דער טיר. זי האָט ניט געוואָלט, מיר זאָלן זען אירע טרערן.

פּאַמעלעך איז דער צוג אָפּגעגאַנגען פֿון דער סטאַנציע...

מיר האָבן זיך שווײַגנדיק אומגעקערט אַהיים...

דעם צווייטן אָוונט נאָכן אַרעסט פֿון דער שוועסטער האָט סלאַווע צוזאַמען מיט אַנדרייען אַריבערגעטראָגן די פּראָקלאַמאַציעס, וואָס זײַנען נעכטן צוגעגרייט געוואָרן, צו שאָלעמען אין סאַד אַרײַן. אַהער האָבן זיי אויך אַריבערגעטראָגן דעם העקטאָגראַף. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי אינדרײַען געאַרבעט, און אַפֿ מאָרגן איז די גאַנצע שטאָט געווען פֿאַרפּלייצט מיט פּראָקלאַמאַציעס, וועלכע האָבן גערופֿן די אַרבעטנדיקע אין דעם טאָג פֿונעם ערשטן מײַ אַפֿ דער גאַס.

— עסטער זיצט, און די פֿלוג־בלעטלעך האָבן מיר דאָך אַרויסגעלאָזט! — האָט מיך געטרייסט סלאַווע.

דעם ערשטן מײַ האָט אונדזער גאַס געהאַט אַן אויסזען פֿון אַ שטאָט, וואָס איז אָקופּירט דורך פֿרעמד מיליטער. איבער די גאַסן זײַנען ווילײַנגעריש אַרומגעפֿאָרן קאָזאַקן אין פֿולער באַוואָפֿענונג, און אַפֿ די טראָטואַרן האָבן זיך אין פֿאַרשיידענע ריכטונגען געדרייט פֿאַרדעכטיקע פּאַרשוינען. אַפֿ די ראָגן זײַנען געשטאַנען פֿאַרשטאַרקטע פּאַטרולן — פּאָליציי־לײַט מיט באַצירקנאַדזיראַטעלעס אין דער שפּיץ. דער פּאָליצמייסטער איז אַפֿ אַ הייס פֿערדל אַרומגעפֿאָרן איבער די פּאָסטנס. צו אים זײַנען אײַליק אַלע מאָל צוגעלאָפֿן די נאַדזיראַטעלעס, זיך אויסגעצויגן, ווי אַ סטרונקע, צוגעלייגט די האַנט צום דאַשעק און האָבן לאַנג וועגן

עפּעס ראַפּאָרטירט. דער פּאָליצמייסטער האָט שווייַגנדיק אויסגע־הערט דעם ראַפּאָרט, האָט אָפּגעגעבן פּאַראָרדענונגען און איז אוועקגעפאָרן ווייַטער, צום צווייטן פּאָסטן.

די גאַס האָט געפיבערט. די אויפרעגונג איז געוואַקסן מיט יעדער מינוט. פון אַלע זייַטן שטאָט, פון זייַנע ווייַטסטע עקן זייַ־נען זיך צום צענטער צונויפגעקומען, איינציקווייַז אָדער אין ניט קיין גרויסע גרופּקעס, אַרבעטער, אָנגעטאָנענע יאָנטעוודיק. די פאַרלאָזטע אונטערנעמונגען האָבן עפּעס ניט־געוויינלעך געשוויגן, ווי שטומע. אָט בריקט אויס אַף איין אָרט, אָט אַף אַ צווייט אָרט אַ פלאַמיקער לאָזונג, אַ פלוצעמדיקער, ווי אַ בליץ, און קייַקלט זיך פאַנאַנ־דער, ווי אַ דונער. עפּעס אַ צעפּאַטלטער שרייַער קלעטערט פלינק ארויף אַף די פּלייצעס פון אַ צווייטן, נעמט אַראָפּ די היטל און טוט אַ וואָרף אינעם אוילעם אַ פייַערווערק פון פלאַמיקע לאָזונגען, וואָס צינדן אָן. די גאַס באַגריסט דעם באָכער, וואָס שרייַט, און ווערט פאַרטויבט פון די אויסגעשרייען:

— אור־ר־ראַ־ראַ... נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!

אַ מענגע פלוג־בלעטלעך טראָגן זיך אין דער לופט איבער די קעפּ, ווי פריילינגדיקע שמעטערלינגען, מינענדיק זיך אַף דער זון, ווי פאַרלמוטער. מענטשן שטופּן איינס ס'אַנדערע, כאַפּן פריידיק די פלוג־בלעטלעך, לאַכן.

די פּאָליציי און די קאָזאַקן פליען אַרום מעשוגענערווייַז. זיי זוכן דעם פאַרבריכער. אָבער דער קראַמאָלניק איז שוין לאַנג צווישן דעם אוילעם. ער איז דאָ, ווי הינטער אַ שטיינערנער וואַנט.

די אַרבעטער איזדעקעווען זיך איבער דער פּאָליציי:

— וועמען זוכט איר? דעם שרייַער, זאָגט איר? מ'האָט, טייַע־רינקע, ניט געדאַרפט גענעצן... איצט זוכט דעם ווינט אין פעלד...

— אָט גייט אום אַפּנ דאַך אַ וואָראָנע — אַ קראַמאָלניצע... שיט איר אָן זאַלץ אַפּן עק...

— נעמט אים...

— אָסאַדי נאַזאַד!..

די קאַזאַקן אַף די פערד שנײַדן זיך אַרײַן אינעם אױלעם. דער אױלעם צעפאַלט זיך אַף טײלן. די מענטשן לאָזן זיך אין אַן אומאָרדענונג לױפן אין פאַרשײדענע זײַטן, שטופּן אײנס ס'אַנדערע, פאַלן, באַהאַלטן זיך הינטערן טױער. די פערד שטױסן די מענטשן מיט זײערע הינטנס, טאָפּטשען די, װאָס פאַלן אום. די קאַזאַקן שלאָגן מיט די נאַהײַקעס, רײניקן אַף דעם טראָטואַר פונעם אױלעם. אין דער לופט הערט זיך אַ טומל, געשרײען און קרעכצן. עמעצער שרײַט אַן אופגערעגטער:

— כײַעס, ניט קײן מענטשן... פאַרװאָס ברענגט מען אום מענטשן?

— פאַנאַנדערגײן זיך! — פײַפן די נאַהײַקעס.

אַף דער שײנעסדיקער גאַס װאַקסט אױס אַ נײַער אױלעם, נאָך אַ מעכטיקערער, װי פריִער. איבער די קעפּ פלאַטערט אַ רױטע פאָן.

פון הונדערטער ברוסטן גיסט זיך אַ מוטיקע ליד און צעקלאַפּט זיך אין אַ פילפאַרביק װידערקאָל אין די פּלױטן און אין די הײַזער:

Вихри враждебные воют над нами,
Темные силы нас злобно гнетут...

די ליד װעקט די מענטשן, רופט צום קאַמף, באַפליגלט מיט ליכטיקע האָפענונגען. דער אױלעם װאַקסט גיך און ציט זיך אױס איבער דער גאַנצער גאַס, װי אַ ריזיקער מעכטיקער שטראָם. די ליד װערט אַלץ העכער און קרעפטיקער.

די פּאָליציי־לײַט לױפן נאָך די קלאַנגען פון דער ליד, װי יאַגדהינט נאָך רױב. אָן אַ שיר שטײנער באַגעגענען זײ מיט אַ פײַף. די פּאָליציי־לײַט כאַפּן זיך פאַר די קאָבורעס, שלעפן גיך אַרױס די רעװאָלװערן, עפענען אין אומאָרדענונג אױף אַ פײַער. עמעצער

פאלט, ערגעצוו׳ קרעכצט מען, דער אוילעם פארלירט זיך, שטעלט אפ א ווײַלע אָפּ זײַן באוועגונג, טוט זיך אין שרעק א רוק צו־ריק, אָבער א דערמוטיקטער דורך עמעצן, שטעלט ער זיך ווי־דעראמאָל אָפּ, טוט א שווערן קרעכץ און קערעווע׳ט זיך אויס מיטן פּאָנעם צו די פּאָליציי־לײַט.

— מ׳מעג דען אזוי, כאוויירים? פאָרויס, נאָך דער פאָן!

— רויִקער, כאוויירים, פאָרויס!

— פאָרויס...

און דער מענטשן־שטראָם האָט מוטיק און אָן אן אָפּהאלט זיך א רוק געטאָן פאָרויס. די אָפּגעריסענע ליד האָט נאָכאמאָל א קלונג געטאָן דראָענדיק און מעכטיק:

...Знамя великой борьбы всех народов
За лучший мир, за святую свободу...

די פּאָליציי־לײַט פארשטארקן דאָס פײַער, פרוּוונדיק זיך אין שרעק און אין ווילדן קאס אָפּצושטעלן מיט דער הילף פונעם טויט דעם שטאָלענעם דראנג פונעם נײַעם לעבן.

— פארוואָס הארגעט איר מענטשן, מערדערס?

— פארוואָס פארגיסט מען דאָס בלוט פונעם פאָלק?

— פארטיידיקט זיך, כאוויירים!

און דער גאנצער אוילעם, ווי איין מענטש, נעמט זיך פאר־טיידיקן זײַן לעבן, עס פלאצן פלויטן, טויערן, סלופּעס. עס פליִען פעסער, בענקלעך, טאבורעטן. און אומדערווארטעט און סטיכייִש וואקסט פון דער ערד אויס א באריקאדע.

איבער דער באריקאדע באווײַזט זיך א רויטע פאָן און, פלאַ־טערנדיק אפן ווינט, רופט זי דאָס ארבעטער־פאָלק צום קאמף פאר א נײַ לעבן.

אפן וועג באווײַזט זיך ניט קיין גרויס וואָלקנדל שטויב.

— קאזאקן...

— זײַט גרייט, כאַווײרים...

דאָס וואָלקנדל שטויב דערגרענטערט זיך און וואַקסט אויס אין א שווערן פינצטערן וואָלקן.

— טראַכ־טאַראַ־טאַכ, — עפּענען די קאַזאַקן אויף א פײַער.

— טאַכ־טאַכ־טאַכ, — ענטפערט די באַריקאַדע מיט א האָגל שטיינער און מיט שיטערע שאָסן.

די פערד רײַסן זיך דערשראָקן צוריק, הירזשען ווילד פאַר שרעק, שטעלן זיך אף די הינטערשטע פיס, ארויסשטעלנדיק זייערע לאַנגע בײַכער און ברוסטן אף צו צילעווען אין זיי. די קאַזאַקן פאַרקערעווען אפצוריק, לאָזן איבער די פערד הינטערן ראָג און לאָזן זיך צופוס צוריק צו דער באַריקאַדע.

— רויִק, כאַווײרים! זיך האַלטן צוזאַמען און פעסט... — דער מוטיקט עמעצער דעם אוילעם...

— הוראַ! — שרײַען די קאַזאַקן.

— טראַכ־טאַראַ־טאַכ! — זעצן זייערע ביקסן.

עפּעס א יונג מיידל בינדט איבער דעם קאָפּ א פאַרוווּנדעטן כאַווער.

— ס׳איז ניט צו שטײַף, בעני? — פרעגט דאָס מיידל מיט מיטגעפיל, מאַכנדיק א קנופּ אפן פאַרוווּנדעטנס האַלדז.

— אַדאַנק, סאָרע... ס׳איז זייער גוט, — ענטפערט דער פאַרוווּנדעטער און אײַלט צו זײַן אָרט אף דער באַריקאַדע.

— עפּשער ניט אזוי גיך, בעני, לייגט זיך א ביסל צו, — זאָגט דאָס מיידל, — איר האָט פאַרלוירן אסאַך בלוט.

אָבער בעני הערט ניט. ער איז שוין לאַנג אפן אָרט. און דאָס מיידל אײַלט אף אן אַנדער אָרט, וווּ עס איז נייטיק איר הילף.

די אַרבעטער שפּירן אופמערקזאַם נאָך נאָך דער באַוועגונג פון די קאַזאַקן. זיי ענטפערן זייער ווייניק אף די שאָסן. זיי האָבן ניט מיט וואָס צו שיסן. דער קאַמף איז ניט קיין גלײַכער. אָן געווער און פּאַטראָנעס זײַנען די אַרבעטער געצוווּנגען צו פאַרלאָזן די

באריקאדע. סלאווע נעמט שווײַגנדיק אראָפּ פֿון דער וואנט די פֿאָן, וואָס איז דורכגעקלאפּט פֿון די קוילן. עמעצער זינגט טרויעריק:

איך טראָג דיך ארויסעט, מײַן כאווער פֿון פֿײַער...

די ארבעטער טרעטן אָפּ.

זיבעט קאפיטל

דאָס ליד פונ די לידער.

נאָכנ צעשיסנ די דעמאָנסטראציע איז אינ שטאָט ניט געווענ קיינ איינ ארבעטער־הויז, ווו עס זאָל ניט הערשנ קיינ טיפער טרויער. עס איז געווענ אסאך דערהארגעטע, נאָך מער פארוונדעטע אונ ארעסטירטע. אינ שטאָטישנ שפיטאָל איז געווענ ענג, ווי אינ א טורמע. די פארוונדעטע האָבנ זיך געוואלגערט אפנ דיל, ווארטנדיק לאנגע שאָענ אפ הילף. דער אלטער דאָקטער פלעג פארנ טאָג ניט באווייזנ צו באטראכטנ אלע קראנקע, ער האָט זיך ארויסגעשלאָגנ פונ די קויכעס, האָט זיך געבייזערט אפ די שוועסטער אונ אפ דער פעלדשערקע, ווי זיי זאָלנ זיינ שולדיק אינ אָט דעם גרויסנ אומגליק. די פאָרשטאָט־איינוווינער האָבנ זיך גאנצע טעג געדרייט ארום די טויערנ פונ דער טורמע, אומזיסט פרווונדיק זיך עפעס צו דערוויסנ וועגנ דעם גוירל פונ זייערע אייגענע.

די גאס איז אויסגעגאנ פונ ווייטעק אונ פונ מאכטלאָזער סינע. אפילע אלטע מענטשנ האָבנ פארלוירנ די רו אונ האָבנ צערייצטע געשאָלטנ די טאליאָנים. די ארבעטער זיינענ שווייגנדיק געשטאנענ בא די ווארשטאטנ אונ האָבנ געאָטעמט מיט קאס אונ סינע. עס איז געווענ שווער זיך איינצוהאלטנ. אָבער וואָס האָט מענ געקאָנט טונ ? זיי זיינענ געווענ ניטבאוואָפנט אונ שלעכט אָרגאניזירט.

שאָלעמ, אנדריי, נאָכעמ אונ סלאווע שטעלנ אופ דעמ אונטערערד, דערקלערנ די ארבעטער די געשעענישנ, וועגנ זייער באוווסט־

זייַנ אונ צאָרנ אינ א באשטימטער ריכטונג. די פארטיי־אָרגאניזאציע וואקסט אונ פארפעסטיקט זיכ. עס וויקלט זיכ בּרייט פאנאנדער די ארבעט אפ די זאוואָדנ אונ אינ די ווארשטאטנ. עס סטייַענ ניט קיינ העגנס אפ צו אָרגאניזירנ אונ אָנצופירנ מיט דער ארבעט.

סלאווע גרייט פונ מיר ענערגיש אנ אקטיווע רעוואָליוציאָנער. זי דערקלערט מיר הייס די צילנ אונ די אופגאבנ פונ דער סאָציאל־דעמאָקראטיע, רעדט וועגנ דעם פאָרשטייענדיקנ קאמפ, מאָלט פארביקע בּילדער וועגנ דעם ליכטיקנ אונ פריידיקנ לעבּנ אונ דער צוקונפטיקער אָנקלאסעווער געזעלשאפט, אָפטמאָל ציט זי מיכ צו צו אווּעלכער ניט איז קאָנקרעטער פראקטישער ארבעט. באזונדערס אָפט דרוק איכ אונ פארשפּרייט צוואמענ מיט איר פלוג־בּלעטלעכ.

ס'איז נאָענט צו האלבער נאכט. די הייַזער פארזינקענ אינ א טיפנ שלאָפ, די גאסנ ווערנ פוסט. פּלויז זעלטנ ווערט די שטילקייַט געשטערט דורכ א שיקערער ליד פונ דער סלאָבאָדקע אונ א פייַפ פונעם פּאָליציאנט אפנ אלטנ שליאכ. מיר זיצנ בּא שאָלעמענ אינ בּייַדל. סלאווע שרייַבּט אופמערקזאמ מיט כעמישנ טינט געדרוקטע אויסיעס פונעם אופרופ צו די ארבעטער. איכ פּאָרע זיכ מיטנ קליי פארנ העקטאָגראפ, אָבער איכ קאָנ ניט אָפרייַסנ די אויגנ פונ דעמ מילדנ געזיכט פונ מייַנ געליבּט מיידל, ווי ניט א מענטש זאָל דאָס זיצנ באמ טיש, נאָר א ליכטנדיקע זונ זאָל האָבנ אראָפּגעגאנגענ פונעם הימל אונ זאָל פארגיסנ דאָס בּייַדל מיט העלער שייַנ.

— ליבּע סלאווע, — זאָג איכ אינדערהייכ, — ס'א ליכטיקע דו בּיסט...

— טייַערער מייַנער, — שמייכלט זי צוגעלאָזט צו מיר אונ שרייַבּט א פארטיפטע ווייַטער.

— דער קליי איז פארטיק, יאָסקע? — פרעגט זי. — מיר מוזנ נאָכ הייַנט באווייַזנ אָפּצודרוקנ אונ צו פארשפּרייטנ אָט דאָס בּלעטל. מאָרגנ מוז עס אומבּאדינגט זייַנ אפ די אונטערנעמונגענ.

— דער קליי איז פאַרטיק, מ'קאָן דרוקן...

— מיר וועלן באַלד אָנהייבן, עס איז אינגאַנצן געבליבן עטלעכע שורעס צוצושרײַבן, — ענטפערט סלאַווע און שרײַבט ווײַטער.

— עפּעס איז שאָלעם לאַנג ניטאָ. ווי האָט ער זיך געקאָנט אַזוי שפּעט פאַרהאַלטן?

— איך האָב אויך נאַרוואָס וועגן אים געטראַכט. ווי וואָלט ער געקאָנט זײַן? צי האָט זיך מיט אים עפּעס ניט געטראָפן?

— וואָס האָט זיך געקאָנט טרעפן? — פרעג איך נאַיִוו.

— אַלץ קאָן, יאַסקע, זיך טרעפן.

— דאָס איז ריכטיק, — ענטפער איך און פאַרשעם זיך.

מיר ווערן אַנשוויגן. ווי ענטפערנדיק אויף די אייגענע פאַר־באָרגענע געדאַנקען, זאָגט מיר סלאַווע שטיל:

— די קעסיידערדיקע ניט־זיכערקייט אינעם מאָרגנדיקן טאָג, די מוירע פאַר אַרעסט רופט אין מיר שטענדיק אַרויס אַ שטאַרקן ווילן צו אַרבעטן בעסער, אויפטאָן ווי ווײַט מעגלעך מער הײַנט און ניט אָפּלייגן אויף אַ צווייטן מאָל. מאָרגן קאָן מען דאָך בײַ אונדז צונעמען די מעגלעכקייט צו אַרבעטן...

עס קומט אָן שאָלעם.

— פאַרוואָס אַזוי שפּעט? ווי האָסטו זיך אַזוי לאַנג פאַר־האַלטן? — באַגעגנט אים סלאַווע.

— בײַ נאָכעם דעם טאָקער האָט הײַנט די מאַשין אָפּגעריסן די פינגער אויף דער רעכטער האַנט. איך בין אים אַרײַנגעגאַנגען מבקר־חולה זײַן. ער ליגט און וויינט: „וואָס וועל איך טאָן! פיר קינדער, אַ ווײַב...” פאַרן גאַנצן אָוונט האָט ער קיין איין וואָרט ניט געזאָגט וועגן דער צעקאַליעטשעטער האַנט. אים שרעקט מער די פּערספּעקטיוו פון אַ הונגער־טויט... מ'האָט אָפּגעריסן בײַ אַ מענטשן די האַנט, מ'האָט אים געמאַכט פאַר אַן אינוואַליד, און... גיי זיך, וווהין דו ווילסט, מיר דאַרפן דיך איצט ניט. גאָט וועט דיר העלפן, זײַן גנאָד האָט קיין גרענעצ ניט...

מיר פאַרענדיקן גיך דרוקן, און, אָנגעלאָדענע מיט פרישע בלעטלעך, גייען מיר ארויס פונעם סאָד אפ דער גאס. די שטאָט האָט זיך שוין לאַנג פאַרקליבן אין די דושנע הײַזער, האָט פאַרשלאָסן די טירן און די לאָדנס און זיך אנידערגעוואַלגערט שלאָפן. בלויז איין לעוואָנע איז געבליבן אפ דער גאס. זי קלעטערט איבער די ווענט פון די הײַזער און קוקט מיט נײַגיר ארײַן אין די שפּאַלטן פון די לאָדנס, וואָס האָבן פאַר אַלטקייט געפּלאַצט. מיר לאָזן זיך אין די ארבעטער־קוואַרטאַלן און דרייען זיך לאַנג ארום איבער די שלאָפנדיקע גאסן. דער הימל הייבט שוין אָן אפ מיזרעך בלאס צו ווערן, — דאָס קלײַבט זיך די זון אין וועג ארײַן. זי יאָגט נאָך די לעוואָנע, וואָס באהאַלט זיך. דער אַלטער טרעגער רעב שימשען פון אָסינאָווקע זיצט אפ דער פריזבע פון זײַן שטיבל איינעם אונטערשטן וועש און אין דער יאַרמעלקע. דער הוסט לאָזט אים ניט שלאָפן, און ער איז ארויסגעגאַנגען אפ דער גאס אָן אָטעם צו טון מיט פרישער פרימאָרגנדיקער לופט. א געלער מיט בלאַסע ליפּן און א צעשויבערטער באָרד פון אן אומבאַשטימטן קאָליר, איינעם אונטערשטן וועש, זעט ער אויס, ווי א מעס אין טאכריכים, וואָס איז דורך א נעס ארויסגעשפּרונגען פונעם קייווער.

— גוט מאָרגן, רעב שימשען...

— א גוט מאָרגן... וואָס דרייט איר זיך ארום די גאַנצע נאכט איבער די גאסן, ווי די מאַרעוויכערס? באנאכט דאַרף א מענטש שלאָפן. צוליב דעם באהאַלט גאָט אפ דער נאכט די זון, אז געזונטע מענטשן זאָלן קאָנען שלאָפן און זאָלן זיך ניט אומזיסט־און־אומניסט ארומשלעפּן איבער די גאסן, — ענטפערט דער טרעגער גוטמוטיק אפ דער באגריסונג.

א שווערער הוסט צווינגט רעב שימשענען איבערצורײַסן זײַן פילאָזאָפיע. ער כאַפּט זיך מיט דער רעכטער האַנט פאַר דער ברוסט, און מיט דער לינקער שפּאַרט ער זיך אָן אין דער פריזבע און פאַרדעכעט זיך פונעם הוסט.

— איר וועט עפשער אריינגיין אינ שטוב אריין, רעב שימ־שענ? — באמערקט שאָלעמ מיטפילנדיק: — אפ דער גאס איז פייכט.

— נישקאָשע, — ענטפערט דער אלטער טרעגער, בארויקנדיק זיך א ביסל פונעמ הוסט, — איכ בינ צוגעוווינט. אינדערפרי באומ־רויקט מיכ שטענדיק דער הוסט. איכ גיי ארויס אפ דער גאס, ווערט מיר גרינגער. ווענ ניט דער הונגער, בינ איכ אינגאנצנ געזונט.

— איר זייט דאָכ אנ עמעסער העלד, רעב שימשענ, וויניק פאראנ אזוינע געזונטע.

— אפ קאצענעלנסאָנענ אזא געזונט געזאָגט געוואָרנ. ער האָט אלע ווילטאָגנ, אימ פעלט בלויז מיינ אסטמע און מיינ הוסט, — שפאסט דער טרעגער.

— זייט געזונט, רעב שימשענ...

— ווארט נאָר צו... וואוהינ גייט איר? עס איז ניט גוט צו באליידיקנ אנ אלטנ פארנ סאמע טויט... דער אלטער קוקט שוינ אינ קיווער אריינ, און איר נעמט בא אימ אינ די לעצטע מי־נוט צו זיינ פרייד... דאָס גאנצע לעבנ געבידעוועט, קיינמאָל דעמ עמעס ניט געזענ, לאָזט כאָטש א לייענ טונ וועגנ דעמ עמעס, וויאזוי זעט ער אויס... ערשט ניט לאנג איז מיר אויסגעקומענ צו לייענענ א בלעטל. גוט ווערט דאָרטנ געזאָגט וועגנ דעמ לעבנ. איכ וועל עס קיינמאָל ניט פארגעסנ...

— וועגנ וואָס רעדט איר, רעב שימשענ? איכ פארשטיי ניט...

— וויאזוי שעמסטו זיכ ניט, שאָלעמ? מ'טאָר ניט זאָגנ קיינ ליגנ. אלע וויסנ, אז דו ביסט א מענטש אנ ערנסטער, און ריידנ רעדסטו מיט מיר, ווי א ייִנגל... און אויב דו האָסט אינ זינענ די צונג, איז זיי זיכער: שימשענ האָט קיינמאָל ניט געפלאפלט, דער צונג איז בא אימ שטענדיק פעסט צוגעבונדנ צו די ציינ... שימשענ ווייסט אסאכ, אָבער ער איז שטענדיק טויב און שטומ...

שאָלעמ טוט א שמייכל צומ אלטנ און גיט אימ א בלעטל.

רעב שימשענ דריקט מיט זײַנע ציטעריקע ביינערדיקע הענט שאָלעמס האנט, ער דאנקט אימ.

— א דאנק, שאָלעמ... ס'ארא יוגנט ס'איז איצט אוועק, א! זי שלאָפט ניט גאנצע נעכט, זי זוכט דעמ עמעס. אונ מיר זײַנענ געווענ נאראָנימ, האָבנ וועגנ גאָרניט ניט געטראכט, האָבנ זיכ פארנומענ מיט דריבנע געניייוועלעכ אונ מיט קאָרטנ. אונ וועגנ דער צונג זאָרגט ניט. זי איז בא מיר פונ קינדווײַז אָנ א פעסטע. אָט וועל איכ א לייענ טונ, וואָס איר זאָגט דאָרט וועגנ דעמ עמעס. איכ וועל עס אוועקטראָגנ אינ האפנ ארײַנ. זאָל מענ דאָרט וויסנ, וועגנ וואָס טראכטנ קלוגע מענטשנ.

רעב שימשענ האָט זיכ נאָכאמאָל פארהוסט.

— בארויִקט זיכ, רעב שימשענ, איר טאָרט זיכ ניט אופרעגנ. גייט ארײַנ אינ שטוב ארײַנ. אפ דער גאס איז קאלט.

— די קעלט פארמאָגט מער לופט אונ פרישקײַט. אפ דער קעלט איז מיר לײַכטער. איכ בינ צו איר צוגעווינט, איכ אָטעמ טיפער. בארויִק זיכ ניט, שאָלעמ. איכ רעד דאָ טאקע וועגנ דעמ עמעס. וויִאזוי האָבנ עס די קאזאקנ געשלאָגנ דעמ אוילעמ! וויפל בלוט האָבנ זיי פארגאָסנ! וויפל אוילעמ האָבנ זיי פאר־שלאָסנ הינטער די גראטעס! אונ פארוואָס? גאָט האָט באשאפנ די מענטשנ אפ פרייד אונ סימכע. לעבט, פרייט זיכ, האָט האנאָע פונעמ לעבנ!.. אונ אָט וויִאזוי זי זעט אינדערעמעסנ אויס, אָט די דאָזיקע גאָטס פרייד. אפ דער וועלט איז ניט פאראנ קיינ אָרדענונג. גאָט האָט ניט געגעבנ דעמ מענטשנ קיינ סייכל, וויִאזוי אָט די פרייד איינצושטעלנ. אונ דער מענטש לעבט אונ ווייסט ניט, ווו ס'געפינט זיכ דער עמעס, אונ ער איז בא אימ בא דער סאמע נאָז, אָבער ער איז בלינד אונ זעט ניט. מ'דארפ דעמ מענטשנ אופעפענענ די אויגנ. מ'דארפ העלפנ גאָט ארויסצופירנ די מענטשנ אפ א ריכטיקנ וועג. די מענטשנ האָבנ שטענדיק געהאָלפנ גאָט אָנצופירנ מיטנ פאָלק. גאָט טוט אלצ מיט די הענט פונ די גערעכטע.

א נײַער הוסט־אָנפֿאַל לאָזט ניט רעב שימשענען ווײַטער ריידן. מיר געזעגענען זיך גיך מיט אים און גייען אוועק.

— א גוטער אלטער, — זאָגט צו אונדז שאָלעם, — ער שטייט מיטביידע פֿיס אין קיוועך. און ווי ער בענקט נאָכן לעבנס־עמעס. דעם ערשטן מײַ איז ער אליין געקומען אף דער באריקאדע קעמפֿן פֿארן עמעס. און וועגן גאָט רעדט ער אויס אלט־קײַט, אויס פֿיזישער שוואכקײַט. זײַן גאָט איז, ווי ער אליין, א קראנקער און א שוואכער, א הוסטנדיקער, מיט אן אסטמע. קעדיי צו קעמפֿן מיטן בייז, איז זײַן גאָט נייטיק דעם מענטשנס הילף. אליין איז ער גאָרניט אימשטאנד צו טון.

מיר גייען נאָך לאנג אום איבער די גאסן, שטעקן ארײַן די בלעטלעך אין די לעכער פֿון די לאָדנס און טירן, פֿרייען זיך, ווי קליינע קינדער, מיט יעדער דערפֿאָלג, פֿלוידערן פֿריילעך. די זון האָט זיך שוין הויך אופגעהויבן. זי פֿארבט אין פֿארשיידענע קאָלירן די אינדערפֿרי׳ענדיקע ראָסע אפֿן גראָז, אף די בלעטער, פּלויטן און דעכער. מיר צעשיידן זיך מיט סלאַווען און גייען אוועק אין סאָד ארײַן אָפּרוען.

איך ליג באנאנד מיט שאָלעמען אין בײַדל און פֿיל דאָס קלאַפּן פֿון זײַן הארץ און זײַן שטיל אָטעמען. בא מיר שליסן זיך צו די אויגן. שטיקלעך געדאנקען און בילדער שווימען ארופֿ פֿון דער טיף פֿונעם געהירן, יאָגן אָן און דעריאָגן אין אומאָר־דענונג איינס ס׳אנדערע. אָט שטייט פֿאר מיר דער אלטער שימ־שען. ער דריקט פֿעסט צונויף אין האנט דאָס פֿלוג־בלעטל און רופֿט זײַן גאָט צו הילף. פֿון ערגעצוווּ וואקסט אויס דער וואָנ־ציקער פּריסטאַוו. מיט א גרויסן כאלעפּ, מיט וועלכן רעב מיכאָעל דער שויכעט קוילעט די פֿי אף דער בוינע, שנײַדט ער אויס בא רעב שימשענען די צונג. עס באַווײַזט זיך סלאַווע. זי איז אזא ליכטיקע און גוטע.

איך עפֿן אוף די אויגן. לעם מיר ליגט שאָלעם. פֿונעם סאָד דערהערט זיך סלאַוועס קלינגענדיק קאָל:

— שטייט אוף, פעפערס! געגוג אזוי שפעט צו שלאָפן!

איך קוק אפ שאָלעמען. מיר שמייכלען. מיר שלאָפן דען אזוי לאנג? מיר טוען זיך גיך אָן, גייען ארויס אין סאָד ארײַן און וואשן זיך אײַן מיט קאלטער וואסער.

סלאווע און אנדריי זײַנען געקומען מיט וויכטיקע יעדיעס. בעני קאזשדאן, וואָס איז ארעסטירט געוואָרן בײַס די ערשטמײַקע שלאכטן, האָט געגעבן זײַן הארסקאָמע צו אנטלויפן פון טורמע. מ׳דארף באטראכטן דעם פלאן, באהאנדלען די אייגנצלהײַטן. און אנדריי אנטוויקלט דעם פלאן, וואָס ער האָט פאנאנדערגעארבעט.

— אין טורמע־שפיטאָל איז ניט פאראן קיין ציינ־דאָקטער, — זאָגט ער. — מענטשן מיט קראנקע ציינ שיקט מען אונטער א וואך צום ציינ־דאָקטער מעלאמעד, וואָס וווינט אפ שאָסיינע גאס. בעניס אנטלויפן וועט מען לײַכטער פון אלץ קאָנען אײַנאָרדענען פון מעלאמעדס אָפטרעט.

— פונעם אָפטרעט?

— יאָ, פונעם אָפטרעט. מיר וועלן באנאכט אָפרײַסן די אונטערשטע שפיצן בא די ברעטלעך פון דער הינטערשטער וואנט באם אָפטרעט, איבערלאָזנדיק די ברעטלעך הענגען פונויבן אפ איין צוויאָק. בעני וועט זיך בעטן אפ דער גאס, ער וועט פארשליסן דאָס טירל אינעווייניק און, פאָרזיכטיק אָפרוקנדיק אינ א זײַט די ברעטלעך פונעם הינטערשטן ווענטל, וועט ער זיך דורככאפן אינעם שכייניש גאָרטן, און פונדאָרטן אפ דער גאס, ווו עס וועט אפ איםווארטן א ספעציעלע פור.

מיר האָבן לאנג באהאנדלט דוביניס פאָרשלאג, האָבן אים באגיטיקט און זײַנען באנאכט אוועק אפן ציינ־דאָקטערס הויף. מיר זײַנען פאָרזיכטיק, ווי די גאנאָווים, געגאנגען דורכן הויף, באטראכטנדיק יעדער קלייניקײַט, אָפשטעלנדיק זיך בא יעדער מעגלעכער שטערונג. דער אָפטרעט האָט זיך געפונען אפן סאמע עק הויף און האָט זיך מיט זײַן הינטערשטער וואנט אָנגעשפארט אינ

רעב טאנכעמס גאָרטן. מיר האָבן אויסגעפּרוּווט איר פּעסטקייַט. מע האָט זי לייַכט געקאָנט אָפּרייַסן אַז יעדער אָרט. מיר האָבן אופמערקזאַם אויסגעפאָרשט דעם גאָרטן אין אַלע ריכטונגען, און מיר זייַנען געקומען צום אויספיר, אַז בעסער פון אַלץ וועט זייַן, אויב בעני וועט אוועק פונעם גאָרטן אַף אינוואַלידנע גאַס. דאָ האָבן מיר אויך באַשלאָסן, אַז פאַרן סאַמע אַנטלויפן וועט זייַן נייטיק צו מאַכן אַפן גראָז טריט פון אַ מענטשן, וואָס אַנטלויפט אין דער פאַרקערטער זייַט, ווי די, וואָס איז אָנגעמערקט געוואָרן פאַר בענין. זאָל מען אים זוכן אין אַן אַנדער ריכטונג, אַף אַ צווייטער גאַס. אינעם טאָג פונעם אַנטלויפן האָט סלאַווע געדאַרפט דעזשורען אינעם ראַיאָן פונעם ציין־דאָקטערס הויז. דער גרויער שאַרף אַף איר קאָפּ וועט דינען פאַר אַ סיגנאַל, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג...

בעניס שוועסטער האָט אים בייס אַ זעונג איבערגעגעבן אַ געהיים צעטעלע. בעני האָט מסכּים געווען מיטן פּלאַן, און פון דעמלט אָן האָבן בא אים שטאַרק אָנגעהויבן וויי צו טון די ציין. ער איז ניט געשלאָפן גאַנצע נעכט, ער האָט געקרעכצט, זיך געקלאָגט אַף אומדערטרעגלעכע ווייטעקן, ביז מ'האָט אים סאָפּקאָלסאָפּ באַשטימט צו פירן צום ציין־דאָקטער.

יעדן טאָג עלף אַזייגער אינדערפרי פלעג מען אים ברענגען צו פירן צו מעלאַמעדן. ער פלעג עטלעכע מאָל אין דער באַגלייטונג פון דער וואַך אַרויסגיין אַפן הויף, געגאַנגען צום אָפּטרעט, האָט דורך די שפּאַרונעס אויסגעלערנט טאַנכעמס גאָרטן, האָט געפּרוּווט אָפּרוקן די ברעטלעך פונעם הינטערשטן ווענטל און פלעג גלייַך, ניט פאַרהאַלטנדיק זיך, אַרויסגיין צוריק.

ענדלעך האָט אונדז בעני געגעבן צו וויסן, אַז ער איז גרייט. עס איז באַשטימט געוואָרן אַ טאָג. פון אינדערפרי זייַנען מיר אַלע געווען אַף די ערטער. סלאַווע האָט אין אַ גרויען שאַרף אַרומגעשפּאַצירט אַף שאָסיינע גאַס. איך האָב אַן אופגערודערטער אַרומגעשפּאַצירט אַף פּושקינער גאַס, בא רעב טאַנכעמס פאַרקן,

צו וועלכע עס האָבן געפֿירט די טריט, וואָס מיר האָבן ספּעציעל געמאַכט אין גראָז, קעדיי צו פֿאַרבלענדן די סאָלדאַטן די אויגן. איך האָב געוואַרט אפֿ דער וואַך, קעדיי איר מיטצוטיילן, אַז איך האָב געזען, ווי עפּעס אַ מאַנצבל האָט, אַריבערשפּרינגענדיק איבערן פּאַרקן, זיך אופּגעזעצט אפֿ אַן איזוואָזטשיק און איז אַוועקגעפֿאָרן אין דער ריכטונג צום טײַך. שאָלעם און אַנדריי האָבן געוואַרט אפֿ בעניַן אפֿ אינוואַלידנע גאַס.

איך האָב לאַנג אַרומגעשפּאַצירט אַרום רעב טאַנכעמס גאָרטן. עס גייט דורך אַ שאָ, אַ צווייטע, אַ דריטע, אָבער מ׳זעט ניט קיין סימען פֿון קיין סאָלדאַטן, קיינער פֿרעגט מיך וועגן גאָרניט. איך ווייס ניט, וואָס צו טראַכטן.

— עס איז געוויס אַראָפּגעריסן געוואָרן, — בויערט מיר דעם מויעך אַ קלעפּיקער געדאַנק. — וואָס הערט זיך מיט בעניַן? ווו איז סלאַווע, שאָלעם און אַנדריי? וואָס איז געשען? צי זײַנען ניט אַלע אַרעסטירט?

ענדלעך, האָט זיך פֿונעם ראָג באַוויזן סלאַווע. איך בין איר אַנטקעגנגעלאָפֿן.

— וואָס איז געשען?

— ס׳איז קיין שום שרעקלעכס ניט געשען. באַרויִק זיך... בעני האָט געוויס אין דער לעצטער מינוט איבערגעטראַכט. איך האָב אַליין געזען, ווי׳אַזוי ער איז מיט דער וואַך געגאַנגען אין הויף אַרײַן. איך בין אין דערוואַרטונג פֿאַרשטאָרבן געוואָרן אפֿן אָרט.

„וואָס וועט דאָ זײַן? — האָב איך געטראַכט. — צי וועט זיך די זאַך אײַנגעבן?” אָבער אָנשטאָט דעם דערוואַרטעטן טומל האָב איך אין עטלעכע מינוט אַרום דערזען בעניַן און די וואַך, וועלכע האָט זיך פֿרידלעך אומגעקערט פֿונעם הויף אין שטוב אַרײַן. איך האָב ניט געגלויבט מײַנע אייגענע אויגן. אינגיכן איז בעני מיט אַ גרופּע אַרעסטאַנטן צוריק אָפּגעשיקט געוואָרן אונטער אַ וואַך אין טורמע אַרײַן...

— צי האָט מען היינט דורכגעקאָנטראָלירט דאָס הינטערשטע װעגטל? צי האָט עמעצער ניט צוגעקלאַפּט די ברעטלעך? — פרעג איך אומרויִק סלאָװען.

— אװאדע, מ׳האָט דורכגעקאָנטראָלירט. אלץ איז געװען אין אָרדענונג.

— איך פארשטיי גאָרנישט ניט.

טרויעריקע און אומעטיקע קערן מיר זיך אום אפ פּאָליצייסקע גאַס.

אין עטלעכע טעג ארום איז דאָס מיספארשטייעניש אויסגעקלאָרט געװאָרן. עס האָט זיך ארויסגעװיזן, אז מיט בעניען איז אפן הויף געשיקט געװאָרן א יונגער סאָלדאט, װעלכער איז דאָס ערשטע מאָל געװען אין װאך־קאָמאנדע. ער האָט אפ קיין פאל ניט דערלויבט בעניען צו פארמאכן די טיר פונעם אָפּטרעט.

— אן ארעסטאנט דארף לויטן אוסטאַװ גיין אפ דער גאַס... אן ארעסטאנט האָט ניט קיין שום רעכט צו פארמאכן די טיר פונעם אָפּטרעט...

בעניס רייד האָבן ניט געהאָלפן. עס איז געװען געפּערלעך דערופן צו באַשטיין און צו ריזיקירן מיטן גאנצן פּלאן, און בעני איז געװען געצװוּנגען זיך אומצוקערן מיט גאָרניט.

דאָס אנטלויפן איז פאָרגעקומען אין עטלעכע טעג ארום. איך בין ארומגעגאנגען הין און צוריק לעם רעב טאנכעמס פּאַרקן און האָב זיך אָנגעשטרענגט צוגעהערט צום קלענסטן רויש. די שארפע פייפן און געשרייען, װאָס האָבן זיך פּלוצעם אופגעהויבן, האָבן אָנגעפילט מיין נעשאָמע מיט א פריידיקן אומרו. א קאַלטער ציטער איז מיר דורכגעלאָפן איבערן לייב. איך בין גיך אריבערגעגאנגען אפ דער אקעגנאיבערדיקער זייט גאַס. דריי זעלנער מיט ביקסן זיינען אריבערגעשפרונגען איבערן פּארקן און האָבן זיך א װאָרף געטאָן צו מיר.

— צי האָט איר ניט באמערקט, װוהין ס׳איז געלאָפן אן ארעסטאנט אָן א היטל? אין װעלכער זייט? — האָבן זיך די אופגערעגטע זעלנער אלע איינעם געװענדעט צו מיר.

— עפּעס א באָכער אָן א היטל איז נאָרוואָס אריבערגע־שפּרונגען דורכן פּארקן, האָט זיך אופגעזעצט אפן אן איזוואָזטשיק און איז גיך אוועקגעפאָרן אין דער ריכטונג צום טײַך...

— האָט זיך אופגעזעצט אפן אן איזוואָזטשיק? — האָט מיך איבערגעפרעגט דער זעלנער מיט די דרײַ בענדלעך אפן די פּאָגאָנעס און, ניט דערווארטנדיק זיך אפן קיין ענטפער, האָט ער זיך געלאָזט לויפן אין דער זײַט, וואָס איך האָב אים אָנגעוויזן.

— ער האָט זיך אופגעזעצט אפן אן איזוואָזטשיק? — האָבן אומרויִק איבערגעכאזערט די איבעריקע און האָבן זיך געלאָזט גלײַך נאָך זייער כאווער.

אין עטלעכע שאָ ארום איז די גאנצע שטאָט געווען פול מיט קלאנגען און מיט שמועסן וועגן דעם דרייסטן אנטלויפן פונעם ארעסטאנט אינמיטן העלן טאָג.

— איך האָב אליין געזען. איינער אליין האָט ער זיך גע־וואָרפן אפן צען זעלנער, וועמען א זעץ מיטן מעסער, וועמען מיטן פויסט אין האלדז־און־נאקן — שוין איין מאָל א יאט.

— ער איז אין איינע גאטיעס פונעם אָפּטרעט אנטלאָפן. די הויזן האָט ער אומיסטן איבערגעלאָזט אפן בענקל. און דאָס נארישע סאָלדאטיקל שטייט זיך אפן דער וואך באם אָפּטרעט, קוקט דורכן לעכל אפן די הויזן און איז רויִק...

— געהערט? — פרעגט קיטײַטשיק געהיימניספול מענדל דעם קאטערינטשיק און קוקט זיך ארום אין אלע זײַטן. — בעני איז טאקע יאָ אנטלאָפן...

— מ׳זאָל אים קיין גוט־אויג ניט געבן, רעב באָרעך, מ׳קאָן אים נאָך כאפּן... זיי האָבן אלע שפּיקעס צעשיקט נאָך אים...

— אָט אזוי־אָ וועלן זיי אים כאפּן! — ענטפערט קיטײַטשיק און ווײַזט א פילבאדײַטנדיקע קאָמבינאציע פון פינגער. — ער וועט שוין טאקע יאָ זײַן גיך אין אמעריקע...

— האלעוויַי!

אינאָווענט זיצ איכ אונ סלאווע אפּנ בענקל באַ אונדזער הויז. זי פרייט זיכ, ווי א קינד, צוליבנ דערפאָלג, אונ פּלוידערט אסאַכ.

— אונ איכ האָב געמיינט, עס וועט ווידער ארונטערגעריסנ ווערנ. אונ ארויסגעקומענ איז עס גאַר אָט ווי?אזוי!

— ס'א קלוגע אונ גוטע דו ביסט, סלאווע, — זאָג איכ א באגײַסטערטער צו איר.

— ס'א נאַריש ייִנגל דו ביסט, יאָסעפ, — שמייכלט זי אונ דריקט מיר פעסט די האַנט.

איכ ענטפער איר מיטנ זעלבנ הייסנ האַנט־דרוק. דורכ אונד־זערע צונויפגעשלאָסענע הענט גיסט זיכ פונ איר איבער אינ מײַנ הארצ פארשיקערנדיקע היצ, זי ברענט דאָס לײַב, פּלאָנטערט די געדאנקענ, אונ מײַנע ליפּנ ציִענ זיכ אָנ אָפּהאלט צו אירע ליפּנ.

— איכ האָב דיכ ליב, טײַער מיידל...

סלאווע ענטפערט מיר מיט נאָכ א פעסטערנ האַנט־דרוק.
עס גייט דורכ דער בונדאָוועצ יוכבערג, ער גריסט זיכ.

— פײַנ אָפּגעמאכט, — זאָגט ער, — מאָלאָדצי.
סלאווע שמייכלט.

— ווי?אזוי מיר קאָנענ, אזוי ארבעטנ מיר, — שפּאסט זי. — באַם „בונד" האָבנ מיר זיכ ניט געלערנט.

— עס וואָלט ניט געשטערט זיכ א ביסל צולערנענ, — באַמערקט זעלבסטצופרידנ יוכבערג אונ גייט אוועק.

— ווי אײַנגעגלויבט אונ באגרענעצט די דאָזיקע מענטשנ זײַנענ! — זאָגט סלאווע וועגנ דעמ אוועקגעגאַנגענעמ בונדיסט. — מײַנ פאָטער רײַסט זיכ קיינ פּאלעסטינע. זײַנ טרוימ איז צוזאַ־שלאָגנ פּידמעטקעס א ייִדישנ קייסער. אימ אימפּאָנירט די ראָליע פונ א קעניגלעכנ שוסטער. וואָס פאר אנ אנדער שוווּנג פונ דער פאנטאזיע אונ פונ געדאנק קאָנ מענ פאָדערנ פונ אנ אלטנ דערשלאָ־גענעמ שוסטער פונ פּאָליצייסקע גאס? דער „בונד" אָבער וויל פירנ דעמ ארבעטער־קלאס, אונ א שוווּנג האָט ער פונקט אזא, ווי

מײַנ טאטע. די זעלבע פסיכאָלאָגיע פונ א דערשלאָגענעמ קלײנעמ ייִדישנ באַלמעלאָכע. מײַנ פאָטער זאָגט אלע וואָכ „שיר־השירימ" אונ פרײט זיכ, וואָס עס איז אָנגעשריבנ אפ דער „הײליקער" שפראכ פונ זײַנע ווײַטע אורעלטערנ, כאָטש ער אלײנ פארשטײט אינ דעמ קײנ וואָרט ניט. אימ איז ניט וויכטיק דער אינהאלט. אימ איז וויכטיק די פאָרמ. ער גלײבט אינ די ביבלישע מיפנ אונ איז טיפ איבערצײַגט אינ דעמ, אז אמאָל האָט גאָט ווירקלעכ גערעדט מיט מוישע ראבײנענ אונ גראָדע אפ אָט דער שפראכ. ער גלײבט, אז מאָשיעכ וועט קומענ, אונ איז איבערצײַגט, אז זײַנ שפראכ וועט זײַנ די שפראכ פונ אונדזערע מיפישע אורעלטערנ אווראָמ, איצכאָק אונ יאנקעוו... פארנ „בונד" ווערט פונקט ווי פאר מײַנ פאָטער, די פאָרמ פארוואנדלט אינ א זעלבסט־צוועק. זײַנ פאָדערונג אײַנצושטעלנ אלס א רו־טאָג פאר די ייִדישע ארבעטער שאבעס העלפט מיט דעמ אבערגלויבנ אונ דער פארגרעבטקײַט. נאָכ מער, זי ברענגט שאָדנ די ייִדישע ארבעטער. דעמ „בונד" גײט עס ניט אָנ, וואָס אָט דער נארישער פאָרורטײל טײלט זײ אָפ פונ די ארבעטער פונ אנדערע נאציאָנאליטעטנ אונ גיט דער ייִדישער בורזשואזיע א מעגלעכקײַט צו פלוידערנ וועגנ די אלגעמײנע אינטערעסנ פונעמ גאנצנ פאָלק.

— א קלוג מײדל...

— פונקט אזא נאציאָנאליסטישע פאָזיציע פארנעמט דער „בונד" אינ דער פראגע וועגנ דער שפראכ. פארנ „בונד" איז די שפראכ ניט קײנ מיטל פונ פארקער צווישנ מענטשנ, ניט קײנ פאָרמ פונ קולטור, ניט קײנ מיטל פונ קאמפ פאר דער באפרײַונג פונעמ ארבעטער־קלאס, נאָר א צוועק פונ אָט דעמ קאמפ. דער בונדישער נאציאָנאליסטישער לײט־מאָטיוו, פונקט ווי מײַנ פאָטערס „שיר־השירימ", קלינגט ניט ריכטיק. דאָס איז ניט קײנ פראָלעטארישע ליד! אונדזער „שיר־השירימ" איז אנ אנדערער. זײַנ גרונט־מאָטיוו — איז סאָציאליזמ.

— צי פארגעמט ליבע אַנ אָרט אינ אונדזער ליד? — רײַס איך פּלוצעמ איבער סלאווען.

— אָ, געוויס, ייִנגל מײַנס, אונ נאָך וואָס פאר א ליבע! דערמאנ זיך, — שפּאסט זי, — שלוימע האמעלעכס ווערטער פונ „שיר־השירים": „זאָל ער מיך קושנ מיט די קושנ פונ זײַנע ליפּנ, ווײַל זײַנע צערטלעכקײַטנ זײַנענ בעסער פונ ווײַנ".

— ליבע סלאווע.

סלאווע לאַכט. איך קוש זי אַלץ שטארקער אונ שטארקער.

— איך געדענק אָט די ווערטער, איך געדענק זיי גוט! — זאָג איך פרײדיק. — אונ איך געדענק נאָך: „לייג מיך אנידער, ווי א שטעמפּל אַפ דײַנ הארצ, ווי א רונג אַפ דײַנ האנט, ווײַל שטארק, ווי דער טויט, איז די ליבע".

— רעד באַנאַכט ניט וועגנ טויט, איך האָב מוירע, — דריקט זיך צו מיר סלאווע צו.

— ליבע מײַנע.

פונעמ הימל פאלט אראָפּ, ווי א גילדנ שנירעלע, א שטערנ אַפ דער ערד.

— זע, זע, עס פאלט א שטערנ, — זאָג איך צו סלאווענ.

ווי א בלויע כופּע, הענגט איבער אונדזערע קעפּ דער ווײַטער פרײדיקער הימל אונ שיט מיט פולע הויפנס אַפ דער ערד שטערנ, — שטיקער סמאראגד.

— הימל־שטויב, — באמערקט סלאווע פארטראכט, — ער ווערט פארברענט, ווי נאָר ער רירט זיך צו צו דער אטמאָספער פונ דער ערד, אזוי ווערנ אויך אונדזערע טרוימענ פארברענט, ווי נאָר זיי שטויסנ זיך צונויפ מיט דערווירקלעכקײַט. מ'דארפ פאר־ניכטנ די ווירקלעכקײַט, וואָס פארברענט די לעבנס־פרייד. אָט איז אונדזער „שיר־השירים". פארגעדענק עס, יאָסעפ, פעסט.

די בלויע נאכט צעשמעלצט אירע שווארצע פליגל אינ די העלע שטראלנ פונעמ פארטאָג, וואָס כאפּט זיך אופ.

עס קומט אָנ דער פרימאָרגנ.

אכט קאפּיטל

א שטורעמ איבער דער שטאָט.

די געשעענישנ זייַנעג גיכ רייַפ געוואָרנ.

דער פרישער ווינט וואקסט אריבער אינ א שטורעמ. אינ פייַער אונ אינ פלאמ ווערט געבוירנ א נייַ לעבנ.

די אלטע פארמישפּעטע וועלט האָט ניט געוואָלט אומקומענ אונ האָט זיכ פאראקשנט אנטקעגנגעשטעלט, פארניכטנדיק אומ־זיניק אלצ אפ איר וועג. זי האָט געשפּיגנ מיט א שווארצנ פלאמ, אָנצינדנדיק שטעט אונ דערפער, פארגיסנדיק מענטשנ מיט פייַער פונ בלייַ אונ אייַזנ, געזייט דעמ טויט.

פלאַטערנדיק, ווי די העלע בליצנ אפנ הימל, האָבנ די רויטע פאָנעג געשפּאלטנ די דראָענדיקע פינצטערניש אונ האָבנ הויכ גערופנ צומ אנטשיידענעמ קאמפ. דער שווערער וועג פונ די פאָנעג איז געווענ אויסגעשפּרייט מיט בערג טויטע קערפּערס. פאראכטנדיק דעמ טויט, פלעגנ די ארבעטער מוטיק אָפּגעבנ זייער לעבנ פאר א נייַער וועלט.

די פינצטערע קויכעס, וואָס האָבנ זיכ ניט געוואָלט אונטער־געבנ, האָבנ אָנגעהויבנ אנ אומזיניקע מילכאָמע אפנ מיזרעכ אונ האָבנ געצוווּנגענ דאָס ארבעטנדיקע פאָלק צו שטארבנ אפ די פעלדער פונ מאנדזשוריע, אונטער די ווענט פונ פּאָרט־ארטור אונ אינ די כוואַליעס פונ צוסימע. די טאלאנטלאָזיקע גענעראלנ פלעגנ פארשפּילנ איינ שלאכט נאָכ דער צווייטער אונ באשולדיקנ

אין זייערע מאפּאָלעס די סאָציאַליסטן, די אַרבעטער, די ייִדן און די רעוואָליוציע, וואָס האָט שוין געקלאַפּט אין טיר. נאָך יעדער פּאַרשפּילטער שלאַכט האָבן זיי פּיַיערלעך צוגעזאָגט צו ווערן קליגער, אָבער יעדעס מאָל פלעגן זיי איבערראַשאַנען זייערע מעג־לעכקייטן.

די געשרייען וועגן דער ערע פונעם פאָטערלאַנד האָבן שוין קיינעם ניט גערירט. קיינער האָט ניט געגלויבט אין אָט דער צווייפלהאַפטער ערע און וואָלט פאַר איר ניט געגעבן קיין צע־בראָכענעם דרייער. דאָס לאַנד איז געשטאַנען אַ געשענדעטס און אַ באַשפּיגנס, אַ שיקערס און אַ נאַקעטס, אַ הונגעריקס און אַ קאַלטס, צוגעשמידט מיט אַ שווערער קייט צום שאַנד־סלופּ. שי־קערע לייצים מיט גילדענע פּאָגאָנעס און מיט נאַהייַקעס אין די הענט האָבן עס געצווונגענע טאַנצן, זיך שלאָגן מיטן קאָפּ אין סלופּ, זיך נידעריק בוקן און שרייַען הויך: „הורא!"

די יונגע בורזשואַזיע איז ניט געווען צופרידן מיטן גאַנג פון די געשעענישן אינעווייניק און אויסער דעם לאַנד. זי פלעג זיך פאַרזאַמלען אַף באַנקעטן, פאָדערן, מ'זאָל פאַרבייַטן די טאַלאַנט־לאָזיקע גענעראַלן, מ'זאָל ערנסטער אָרגאַניזירן די שכיטע אַף מיז־רעך, און דעריקער מ'זאָל אָננעמען מער עפעקטיווע מיטלען קעגן דער רעוואָליוציע. זי האָט געשריבן ראַכמאָנעסדיקע בריוו און אַד־רעסן „צום געקרוינטן צאַר" און צו זייַנע הויכגעשטעלטע טשי־נאָווניקעס.

„צוליבן טראָן און פאָטערלאַנד, — האָט מען אין אָט די אַד־רעסן און בריוו געשריבן, — באַשטייען מיר, געשעפטלייַט, עס זאָל גיכער צונויפגערופן ווערן דער סאָבאָר. בלויז דער סאָבאָר קאָן דערפירן די מילכאָמע ביז צו אַ זיגרייַכן סאָף און מאַכן אַן ענדע צו דער קראַמאָלע אינעווייניק אין לאַנד. די ווייַטערדיקע פאַרלאַנג־זאַמונג וועט מאַכן פאַר אומפאַרמייַדלעך די שווערע קאַטאַסטראָ־פע, וואָס רוקט זיך אָן אַפן קאָפּ פון דער מאָנאַרכיע. די גע־שיכטע האָט אונדז געגעבן ווייניק צייַט אַף צו טראַכטן. די

פראגע דארף מען לייזן גלײַך, אנישט וועלן אנדערע זי לייזן פאר אונדז".

און צו די ארבעטער האָט זי געשריבן:

„ברידער ארבעטער! זין פונעם גרויסן פאָלק! איצט איז ניט קיין צײַט צו טראכטן וועגן פערזענלעכע אינטערעסן. לאָמיר צוליב דעם אלגעמיינעם סוינע, וואָס שטייט בא די טויערן פון אונדזער גרויס פאָטערלאנד, פארגעסן די אינערלעכע קליינע שטרײַטן, לאָמיר צונויפשליסן אונדזערע רייען, אָנשטרענגען אלע אונדזערע קויכעס און מיט איין געמיינזאמען מעכטיקן ווילן געבן א פארניכטנדיקן קלאפ דעם סוינע. לאָמיר מיט געמיינזאמער און פלײַסיקער ארבעט העלפן דעם זיג פון אונדזערע ברידער, וואָס פארגיסן זייער בלוט פאר רוסלאנד אפ די פעלדער פונעם ווײַטן מיזרעך. זאָל לעבן רוסלאנד! זאָל לעבן אונדזער זיג איבער דעם אלגעמיינעם פײַנט".

די ארבעטער האָבן אפ אָט דער זאך געקוקט אנדערש. זיי האָבן געזען זייערע סאָנים ניט דאָרט, וווהין די בורזשואזיע האָט געריכטעט זייער אופמערקזאמקײַט, און האָבן זיך געגרייט צו אן אנדער שלאכט און מיט אנדערע פײַנט.

א קלאס האָט זיך אָפן געשטעלט אנקעגן א קלאס מיט וואָפן אין די הענט, געבנדיק פון צײַט צו צײַט אוואנגארד־שלאכטן איינס ס'אנדערע. די ארבעטער האָבן אָנגעהויבן אריבערצוגיין פון פארטיידיקונג צום אָנגריף. באזונדערע שטרײַקן אפ די פאבריקן און זאוואָדן זײַנען זיך פאנאנדערגעוואָקסן אין פאָליטישע שלאכטן, האָבן זיך צונויפגעגאָסן צוזאמען און זײַנען אריבערגעוואקסן אין אן אלגעמיינעם פאָליטישן שטרײַק, וואָס צעטרייסלט די יעסוידעס פון דער זעלבסטהערשונג.

די אלטע וועלט האָט זיך דערשראָקן, האָט גענומען ציטערן פאר שרעק. דערפילנדיק א דירעקטע טויט־געפאר, האָט זי געמאכט א קונציקן מאנעווער, פארבאהאלטנדיק אפ א צײַט אין בוזעם דאָס אָנגעשארפטע מעסער! אָנשטאָט דער שפראך פון

אָנגעגליטן אײַזן, האָט זי מיטן מויל פון איר מאָנארכ אָנגעהויבן ריידן מיט דער בוימל־ווייכער שפראכ פונעם מאניפעסט.

אפ דער גאס זײַנען מיט קלויסטער־פאָנען און מיט פּאָרטרעטן פונעם צאר ארויסגעגאנגען איבערגעטאָנענע גאָראָדאָוואָיעס, שפּיאָנען, זשאנדארמען, באלעגופים און גאלאָכים. זיי האָבן געזונגען קאפּיטלעכ טילים און האָבן געריםט זייער געקרוינטן מאָנארכ, דעם „פרײַהײַט־ליבהאָבער".

א געריטער פון אָט דעם בילד, האָט דער קלײַנבירגער ארײַנגעשטעקט א ראָזעווע סטענגעלע אינעם לאצ און אפ אלע ראָגן אָנגעהויבן צו פלאפּלען וועגן דעם אָנגעקומענעם „פרילינג", וועגן „א נײַער ערע"...

די אדוואָקאטן זײַנען געגאנגען אהײַן און צוריק איבער די צימערן, האָבן געשלונגען די סלינע, האָבן באשטעלט נײַע סערדעטן און צילינדערס און האָבן זיכ געגרייט פאר מיניסטאָרן און פארלאמענט־דעפּוטאטן.

דער ארבעטער־קלאס האָט געקריצט מיט די ציינ, געאָטעמט מיט קאס און פעסטער צונויפגעדריקט די פויסטן. ער האָט גוט געזען אָט די גאנצע קאָמעדיע, האָט ניט ארויסגעלאָזט דאָס געווער פון די הענט און געזאמלט קויכעס פאר א נײַעם, מער פילבארן קלאפּ.

די געשעעניש האָבן זיכ דערקויקלט אויכ צו אונדזער שטאָט, האָבן זיכ געטראָגן, ווי א דערפרישנדיקער שטורעם־ווינט איבער די הײַזער, געריסן די דעכער, ברייט צעעפנט די טירן, געיאָגט מענטשן פון די הײַזער, אופגערודערט די גאס.

שאָלעם האָט שוין לאנג געארבעט אפ דעם זייפ־זאוואָד. יעדן פרימאָרגן פלעג ער צוזאמען מיטן פאָטער אוועקגיין אפן זאוואָד אין א פארסמאָלצעוועט און אויסגעשמירט היטל מיט פארקאטשעטע ארבל פונעם ציצענעם העמד, אין שמוציקע ניט פארשנירעוועטע שטעקשיכ אפ די באָרוועסע פיס. עס האָט פון אים געשמעקט מיט נעוויילע. א גאנצן טאָג האָט ער געמישט מיט א

לאָפּעטע די זייפ, וואָס האָט זיך געקאָכט אין שטארק גרויסע קעסלען. אינאָוונט נאָך דער ארבעט פלעג ער זיך בא זיך אפנ הויפ לאנג וואשנ פונ א הילצערנעמ עמער די הענט, דאָס פּאָ־נעמ, דעמ האלדז אונ דעמ קאָפּ, רייניקנ מיט א בערשטל, וואָס האָט געהאט א גרויסנ פליך אינדערמיט, די הויזנ, דעמ פּידזשאק אונ די בלויע סאטינעווע קאָסאָוואָראָטקע, דערנאָך פלעג ער זיך איבערטונ, זיך צוקעמענ אונ אוועקגיינ אפ דער „בירזשע".

„בירזשע" האָט מענ בא אונדז אָנגערופנ די גאס, ווו עס האָבנ שפּאצירט אונ זיך באגעגנט די מיטגלידער פונ דער פּארטיי־אָרגאניזאציע. אונדזער „בירזשע" איז געווענ די מוראוויאָווער גאס — דער נעווסקי פּראָספּעקט פונ אונדזער שטאָט, — פּינקט־לעכער, ניט די גאנצע גאס, נאָר דער טראָטואר אפ איינ זייט פונ דער גאס. דעמ צווייטנ טראָטואר האָט פארנומענ די בונדיס־טישע אָרגאניזאציע.

מיט יעדנ טאָג איז אפ אונדזער „בירזשע" געוואָרנ אלצ ענ־גער אונ ענגער. אונדזער אָרגאניזאציע איז גיך געוואקסנ אונ האָט אינ זיך איינגעזאפּט אלצ נייע אונ נייע ארבעטער. אפ אונ־דזערע פארזאמלונגענ האָבנ זיך אָנגעהויבנ צו ווייזנ היטלענ, אונ פּאָגאָנעס ניט בלויז פונ געוויינלעכע סאָלדאטנ פונעמ פּעכאָטע־פּאָלק, נאָר אויך פונ די אינגושנ פונ דער קאזאקישער מייע. מיר האָבנ זיך געלערנט אינ וואלד אונ אפנ בייסוילעמ שיסנ אינ ציל פונ די פארזשאווערטע בולדאָגנ אונ נאגאנענ. דער געהיימער סקלאד בא שאָלעמענ אינ גאָרטנ האָט זיך אלצ אָפטער אונ אָפטער אָנגעהויבנ אָנפילנ מיט געווער. מיר האָבנ זיך שטארק געגרייט צומ צוקונפטיקנ אנטשיידענעמ קאמפ.

אינ פארשיידענע ערטער האָבנ, ווי בייזע בליצנ אינ די נעכט, אופגעפלאקערט באזונדערע אוואנגארד־שלאכטנ. אָט פארשטרייקט א זאוואָד, אָט שטעלט זיך אָפּ א פאבריק, אָט גייענ די ארבעטער ניט ארויס צו דער ארבעט אינ א ווארשטאט. אונ אומעטומ איז די עקאָנאָמיק אריבערגעוואקסנ אינ פּאָליטיק מיטנ שטענדיקנ לאָזונג:

— נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!

באזונדערס שווער איז דורכגעגאנגען דער שטרײַק אפ קאַ־צענעלנסאָנס טארטעק און שוועבל־פאבריק. די ארבעטער האָבן געפאָדערט א קלײנע פארבעסערונג פון זײער הונגער־עקזיסטענץ. קאצענעלנסאָן איז ניט געגאנגען אפ קײן שום האנאָכעס און האָט אָנגענומען אפ דער ארבעט שטרײַקברעכערס פון די באָסיאקישע עלעמענטן פון דער שיקערער סלאָבאָדקע און פאָליצײסקע גאס. די ארבעטער האָבן לאנג און אײַנגעשפארט געקעמפט, געהונגערט, מ׳האָט זײ ארויסגעוואָרפן פון זײערע הײַזקעס, אָבער זײ האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן.

מיר האָבן צונויפגעזאמלט געלט לעטויוועס די שטרײַקנדיקע. אָבער דאָס אלץ איז געווען א טראָפן אין יאם. אנדרײ דוביגין, שאָלעם און סלאווע זײַנען דאָ אָפט געשטאנען אלס פיקעטן, האָבן אײַנגערעדט, האָבן אפעלירט, האָבן געדראָט די שטרײַק־ברעכער. אײניקע פון זײ פלעגן גלײַך אפן אָרט ווארפן די אר־בעט, אָבער אפ זײער אָרט פלעגן קומען אנדערע...

דער קאמף איז געווען ניט קײן גלײַכער.

די ארבעטער האָבן געקעמפט ביז צו די לעצטע קויכעס. אונטער דער ווירקונג פון די הונגעריקע ווײַבער און קינדער האָבן זיך בא די ווײניקער באוווסטזיניקע ארבעטער אָנגעהויבן רײד וועגן נאָכגעבן. אײניקע האָבן אפילע געפאָדערט, מ׳זאָל גלײַך אָפ־שטעלן דעם שטרײַק אפ וואָס פאר א באדינגונגען עס זאָל ניט זײַן.

— דער שטרײַק ברענגט אונדז בלויז שאָדן. קאצענעלנסאָן וועט בלײַבן קאצענעלנסאָן, און מיר אלע וועלן אויספײגערן פאר הונגער, — האָבן זײ געזאָגט.

קײן שום רײד האָט זײ ניט געקאָנט איבערצײַגן.

— מ׳דארף פארענדיקן דעם שטרײַק און אן עק...

— גענוג ציִען דעם שלײף! אָט ס׳א רעדנער ס׳האָט זיך אָפגעזוכט! זאָג בעסער, ווו קריגט מען ברויט, און גלאט פלוי־דערן קאָן יעדערער...

אפנ זאוואָד־הויפ האָבנ די ארבעטער הייס באהאנדלט די פראגע וועגנ דעמ ווײַטערדיקנ גורל פונעמ שטרײַק. די לײדנ־שאפטנ האָבנ זיכ שטארק צעפלאקערט. אפנ הויפ איז געשטאנענ א טומל אונ א געשריי. פּראָוואָקאטערס האָבנ זיכ ארומגעדרייט צווישנ די ארבעטער אונ האָבנ מיט פארשײדנערלײ שארפע באַמערקונגענ נאָכ מער אָנגעגליט די לײדנשאפטנ.

— אלײנ האָסטו הײַנט, מיסטאָמע, ניט אײנ מאָל געפרעסנ, אונ דעמ אוילעמ רײצסטו אופ! טוט אימ נאָר אנ עמעסנ זעצ איבערנ קארק.

— שלעפ אימ ארױפ פונעמ פעסל, גענוג צו קלאָגנ...

אונטערגעקויפטע, פארברעכערישע צינגער האָבנ איבער דער שטאָט פארשפרײט קלאנגענ וועגנ דעמ, אז די ארבעטער האָבנ זיכ צעבונטעוועט אפנ זאוואָד, אז זײ קלײַבנ זיכ אימ אונטער־צינדנ אונ גראָמירנ די מאגאזינעס אונ די רײַכע הײַזער. אנ אומרו האָט ארומגעכאפט די שטאָט. די גאסנ זײַנענ לײדיק געוואָרנ. מ׳האָט גיכ צוגעשלאָסנ די קלײטנ, פארקלאפט די לאָדנס אפ די פענצ־טער, אפ די גאכנ האָבנ זיכ באוויזנ אָפּטײלנ באוואָפנטע סאָלדאטנ.

די ארבעטער־פארזאמלונג איז ווײַטער געגאנגענ מיט דער זעלבער היצ: דאָ האָט קײנער ניט געהאט קײנ כשאד וועגנ דעמ אומרו, וואָס האָט ארומגעכאפט די שטאָט, אונ וועגנ דער טויט־געפאר, וואָס איז געהאנגענ איבער דער פארזאמלונג.

— ס׳איז א שאנד, כאוויידים, ארויסצוווײַזנ קלײנמוט. מיר האָבנ אזויפיל געליטנ, וועלנ מיר לײַדנ נאָכ א ביסל. זײַנ גײַצי־קײַט וועט ניט אויסהאלטנ.

— ס׳א ליגנ, — האָט מענ פונעמ אוילעמ געשריגנ, — בא אימ וועט סטײַענ קויכעס אונ מיטלענ זיכ צו האלטנ, וויפל ער וועט דארפנ, אונ מיר מיט דיר וועלנ פײגערנ, ווי די הונגעריקע הינט... מ׳דארפ פארענדיקנ דעמ שטרײַק...

— פארמאכ דעמ פיסק דײַנעמ! לאָז זיכ א מענטשנ ארויס־זאָגנ!

— מ׳האָט שוין געהערט, געהערט... גענוג... מ׳דאַרף אַרבעטן.

אין הויף פונעם זאַוואָד האָט מען אַרײַנגעטריבן קאָזאַקן מיט הוילע שווערדן. אין דער שפּיץ איז געריטן אַן אָפיצער, אַן אינגויש מיט אַ פּלאַטשיק פּאָנעם.

אָן אַ שום וואָרענונג האָבן זיי זיך, ווי די ווילדע, אַרײַנגעריסן אינעם האַמוין אַרבעטער, האָבן געשלאָגן מיט די נאַהײַקעס, געהאַקט מיט די שווערדן. די קרעכצן און די געשרייען האָבן זיך צונויפגעמישט מיטן צאָקען פון די קאָפּיטעס און מיט די זאַפטיקע זידלערײַען אויף אַ געבראָכענער רוסישער שפּראַך.

— איך וועל אײַך ווײַזן, וויאַזוי אונטערצינדן דעם זאַוואָד, זשידעס פּאַרשאָלטענע, — האָט ווילד געוויעט דער אָפיצער, זיך וואַרפנדיק מיט דער נאַהײַקע אויף די אַרבעטער.

צעשלאָגענע, פאַרוווּנדעטע, דושענדיק איינס ס׳אַנדערע, זײַנען די אַרבעטער אין אַן אומאָרדענונג געלאָפן צום טויער, אָבער דאָרט האָט זיי באַגעגנט אַ נײַע ווילדע מאַכנע קאָזאַקן.

דאָס שלאָגן די ניטבאַוואָפנטע אַרבעטער לויטן באַפעל פון קאַצענעלענסאָנען און דעם קאָזאַקישן אָפיצער האָט געדויערט באַ אַ שאָ. זעקס אַרבעטער האָבן זיי צעהאַקט אויף טויט, עטלעכע צענדליק — פאַרוווּנדעט, און די איבעריקע אַרעסטירט.

אויפן זאַוואָד־הויף האָט די רעאַקציע אָפּגעהאַלטן אַ זיג. אָבער דער זיג איז געווען ניט קיין דויערנדיקער.

אינאָוונט איז די „בירזשע" געווען אויפגערעגט און האָט געזאָטן. אונדזער קאָמיטעט האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג פון דער שטאָט, רופנדיק צו אַן אַלגעמיינעם סאָלידאַריטעט־שטרײַק מיט די שטרײַקנדיקע, צו אַ פּראָטעסט קעגן דעם אומזיניקן און ווילדן צערעכענען זיך מיט זיי און האָבן געפאָדערט גלײַך באַפרײַען די אַרבעטער. די פּראָקלאַמאַציע האָט גערופן אַלע אָרנטלעכע בירגער אויף דער לעווײַע, אָפּגעבן דעם לעצטן כּיבוד די כּאַוויירים, וואָס זײַנען געפאַלן אויפן רעוואָליוציאָנערן פּאָסטן.

די לעווייַע פונ די געהארגעטע איז פארוואנדלט געוואָרנ אינ א דעמאָנסטראציע פונ די קייכעס פונעמ ארבעטער־קלאס. אזא דעמאָנסטראציע האָט נאָכ אונדזער שטאָט ניט געזענ. עטלעכע טויזנט מענטשנ זייַנענ געגאנגענ נאָכ די טרונעס אונ האָבנ געזונגענ רעוואָליוציאָנערע לידער. דער ארבעטער איז געוואָרנ דער באלעבאָס פונ דער גאס.

די פאָליציי אונ די קאזאקנ האָבנ זיכ דערשראָקנ פארנ אל־געמיינעמ צאָרנ פונעמ פאָלק אונ האָבנ זיכ אינ פאכעד פארשטעקט הינטערנ טויער, באפרייַענדיק די גאס פאר דער לעווייַע־פראָצע־סיע. די גאָראָדאָוויעס אפ די פאָסטנ האָבנ אראָפגענומענ די היטלענ, האָבנ דורכגעלאָזט די דעמאָנסטראציע אונ האָבנ אומיסטנ מיטפילנדיק געזיפצט.

די ארבעטער האָבנ שווייַגנדיק פארנייגט די קעפ איבערנ אָפענעמ קייווער. אינ דער לופט האָט געפלאטערט די רויטע פאָנ אָנ ארומגעזוימטע מיט שווארצנ קרעפ. שאָלעמ האָט געהאלטנ א הייסע רעדע.

— ברידער־ארבעטער, מיר באגראָבנ הייַנט זעקס אונדזערע כאוויירימ, וואָס זייַנענ אומגעקומענ פונ די צארישע מערדערס הענט. פארוואָס זייַנענ זיי אומגעקומענ? זיי זייַנענ אומגעקומענ דערפאר, ווייַל זיי האָבנ געבעטנ ברויט פאר זייער קאטאָרזשנער ארבעט. ווער האָט זיי דערהארגעט? צארישע טאליאָנימ, אָנגע־רייצטע דורכנ פאראזיט קאצענעלנסאָנ, האָבנ זיי דערהארגעט. צא־רישע זשאנדארמענ אינ בונד מיטנ זאוואָדטשיק קאצענעלנסאָנ קעגנ די ייִדישע אונ די רוסישע ארבעטער — אָט האָט איר די עקאָ־נאָמישע, פאָליטישע אונ נאציאָנאלע פראָגראמ פונ דער בורזשוא־זיע. ווער וועט זאָגנ, ווו עס ענדיקט זיכ דאָ די עקאָנאָמיק אונ ווו עס הייבט זיכ אָנ די פאָליטיק? יעטווידער עקאָנאָמישער קאמפ איז אינ דער זעלבער צייַט אויכ א פאָליטישער קאמפ... קיינ איינ מענטש דארפ ניט ארויסגיינ אפ דער ארבעט, ביז מ'וועט ניט ארויסלאָזנ אונדזערע כאוויירימ פונ דער טורמע, ביז קאצענעלנ־

סאָנ װעט ניט באַפרידיקנ די פאָדערונגענ פונ די אַרבעטער... כאַװײרים! מיר האָבנ הײַנט באַהערשט די גאַס. מיר האָבנ זי געקויפט מיטנ בלוט פונ די געהאַרגעטע. לאָמיר בלײַבנ אָפ די אָפּגענעמענע קװאַרטאַלן... — ־ נײַ, לאָמיר בלײַבנ.

— אור־ר־א־א! — האָט געענטפערט א דונער פונ שטימענ.— מיר װעלנ די גאַס ניט אָפּגעבנ.

— נידער מיט דער זעלבסטהערשונג.

מ'האָט די דערהאַרגעטע אַראָפּגעלאָזט אינ די קװאָרימ. עס האָט טויב אָפּגעהילכט דער זאַמד, װאָס איז געפאַלנ פונ די לאָפּעטעס אָפ די ברעטלעכ פונ די טרונעס. די רויטע פאָנ מיטנ שװאַרצנ קרעפּ האָט זיכ אָנגעבויגנ איבער די קװאָרימ.

Вы жертвою пали в борьбе роковой...

האָבנ די אַרבעטער געזונגענ.

פונעמ בײסוילעמ האָט מענ זיכ אומגעקערט מוטיקע, פול מיט אַנטשלאָסנקײַט ביז צומ סאָפ צו קעמפנ פאַר דער פרײַהײַט.

א שטורעמ־װינט האָט זיכ געטראָגנ איבער דער שטאָט.

אינאָװנט האָט שאָלעמ אינ נאָמענ פונעמ שטרײַק־קאָמיטעט געשיקט דעמ פאָליצמײסטער אַנ אולטימאַטיװע פאָדערונג גלײַכ צו באַפרײַענ די אַרעסטירטע, דראָענדיק אינ פאַל פונ אַנ אָפּזאָג זײ צו באַפרײַענ מיט געװאַלט...

די פאָליצײ איז געװענ מאַכטלאָז אַרויסצוװײַזנ א װידערשטאַנד. די אַרבעטער זײַנענ אַרויסגעלאָזט געװאָרנ אָפ דער פרײַ.

פאַר די באַפרײַטע פונ דער צאַרישער געפאַנגענשאַפט איז אימפּראָוויזירט געוואָרנ א פײַערלעכע באַגעגעניש. מ׳האָט אײַנגעאָרדנט א נאַכט־מאַרש מיט שטורקאַצנ, מוזיק אונ רויטע פאָנעג... מענטשנ האָבנ פעסט געדריקט אײנער דעמ אנדערנ די הענט, באַגײַסנדיק מיטנ זיג.

אפ מאָרגנ איז קײנער ניט צוגעטראָטנ צו דער אַרבעט. די גאַנצע אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג פונ אונדזער שטאָט איז אפנ רופ פונעמ שטרײַק־קאָמיטעט אַרויסגעגאַנגענ אפ דער גאַס אונ האָט זיכ אײַנגעשלאָסנ אינ דער אַלגעמײנער באַוועגונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפט דאָס גאַנצע לאַנד.

אפ די פּלויטנ האָט זיכ באַוויזנ דעמ קײסערס מאַניפעסט:

„מיר, ניקאָלײַ דער צווייטער, זעלבסטהערשער פונ גאַנצ רוסלאַנד, קעניג פונ פּוילנ... אונ אזוי ווײַטער, אונ אזוי ווײַטער... האָבנ געפונענ פאַר גוט...“

דאָס פאָלק האָט כויזעק געמאַכט פונעמ מאַניפעסט:

— צווייפענעמדיקײַט...

— וועסט געפינענ פאַר גוט, ווענ אינ די אויערנ קלינגט פונ די פעטש אונ קולעקעס.

די מאַכט אינ שטאָט האָט זיכ נעבעכדיק געוואַלגערט אפ דער ערד. קײנער האָט זיכ מיט איר ערנסט ניט גערעכנט, אונ די שטאָט איז געווענ איבערגעלאָזט אפ איר אײגענעמ באַראָט. די שטאָט־רעגירער האָבנ פאַרלוירענע ניט געוווּסט, וואָס צו טונ, אונ זײַנענ געלאָפנ פונ זײערע ערטער, ווי שטשורעס פונ א שיפ, וואָס טרינקט זיכ.

נאַכמענ יוכבערג, דער פירער פונ די אָרטיקע בונדיסטנ, איז געוואָרנ דער פאַקטישער רעגירער איבער דער שטאָט. דער פאָליצמײַסטער זעלבסט האָט צו אימ אָפט געקלונגענ דורכנ טעלעפאָנ אונ האָט ניט אָנגענומענ קײנ אײנ באַשלוס „פונ העכער פּאָליטיק“ אינ אונדזער שטאָט אָנ זײַנ וויסנ.

דער „ייִדישער פּאָליצמײַסטער“, האָבנ די קלײנבירגער גערופנ

נאָכמענענ אונ פלעגנ זיכ צו אימ ווענדנ נאָכ יעדער קלייניקייט אונ נאָכ אייצעס...

זיי האָט אימפּאָנירט, וואָס א ייִד אונ נאָכ א גוטער באַקאַנטער שפּילט אזא ראָליע אינ שטאָט. העכער פונ קיינ פּאָליצמייסטער איז אינ זייער פאָרשטעלונג אפ דער וועלט קיינער ניט געווענ, עפשער נאָר ניקאָליַי, אָבער ער האָט זיכ געפונענ אינ פּעטערבורג, ווו קיינ ייִדנ האָבנ ניט געטאָרט וווינענ.

באָרעכ קיטיַיטשיק, וואָס האָט נאָכ אלצ געהאלטנ אינ איינ ריידנ וועגנ פאלעסטינע, פלעגנ באמ באגעגענענ זיכ מיט יוכבערגנ אראָפּנעמענ די היטל אונ זיכ פארנייגנ. נאכמענ פלעגנ אימ העפלעכ ענטפערנ אפ זיַינ גרוס, אונ דאָס פלעגנ אימ געפעלנ...

— אינ ציִענ וועט זיַינ נאָכ בעסער. די ייִדישע פּאָליצמייסטערס וועלנ טראָגנ פּאָגאָנעס אונ גילדענע קנעפּ מיט מאָגנ־דאָווידס, — פלעגנ זאָגנ רעב באָרעכ.

די שטאָט האָט געזאָטנ, ווי א זודיקער קעסל. מענטשנ האָבנ זיכ גאנצע טעג באוועגט איבער די גאסנ מיט פאָנענ, האָבנ איַינגעאָרדנט פארזאמלונגענ אונ מיטינגענ אינ שטאָט־גאָרטנ, אינ טעאטער, אינ די באָטעמעדראָשימ אונ אפ די פלעצער. מ׳האָט געהאלטנ הייסע רעדעס, מ׳האָט זיכ געזאמלט גרופּעסוויַיז אפ די ראָגנ אונ אפ די שיידוועגנ, אונ מ׳האָט איינס מיט ס׳אנדערע געפירט הייסע שטריַיטנ וועגנ פּאָליטיק.

— צומ טיַיוול די קאָנסטיטוציע... דער פּאסקודניאק וועט אָפּנארנ... נידער מיטנ קייסער!

— היצ זיכ ניט... אלצ וועט קומענ אינ זיַינ ציַיט... צומ אָנהייב לאָזט פארפעסטיקנ די קאָנסטיטוציע, דערנאָכ וועט קומענ די ריי פאר א רעפּובליק.

— מיר קענענ די דאָזיקע רייד. מירנ זיכ אליינ אָנשריַיבנ א קאָנסטיטוציע, מיר דארפנ ניט קיינ קייסער...

— וואָס־זשע דענ דארפסטו, באָרעכ? דאָס איז אנ עמע־

סע אנארכיע, דו דארפסט קײנעמ נישט. האָסט ליב צו כאפנ פיש אינ מוטנער װאסער.

— שרעק ניט מיט קײנ אנארכיע... יאָ... איכ דארפ קײנעמ ניט אונ דיכ אויכ ניט... טראָג זיכ אָפּ, קאָלומאנ די צײנ זײַנענ בא דיר גאנצ. צי ביסטו ניט אמאָל א צארישער שפּיאָנ?

— ביסט אלײנ א שפּיאָנ...

— טראָג זיכ אָפּ, זאָגט מענ דיר...

— נו, ס'ארא אומקולטורעלקײַט, ס'א אזיאטשינע. גיב זײ א רעפּובליק, װעלנ זײ דיר אפנ צװײטנ טאָג דעמ גאָרגל איבער־הריזענ, — זאָגט דער אָנהענגער פונ דער צארישער קאָנסטיטוציע. ער גיט א שפּײַ אונ גײט אװעק.

עס האָבנ אויכ אופגעלעבט די ייִדנ אינ די שולנ. זײ האָבנ אָנגעהויבנ װײניקער צו דאװנענ, פלעגנ זיכ צונויפנעמענ רעד־לעכװײַז אונ באהאנדלענ די געשעענישנ פונעמ טאָג.

— אָט א מאזל... אזא רײַכקײַט, אזא קאָװעד, אונ אינ אײנ נאכט אלצ פארלירנ, — האָבנ זײ גערעדט, אינזינענ האָבנדיק דעמ צאר.

— מ'זאָגט, דער קײסער האָט אזויפיל מיליאָנענ, װיפל שטערנ עס איז פאראנ אפנ הימל, מ'קאָנ זײ ניט איבערצײלנ, — האָט באמערקט רעב שימשענ דער מעלאמעד.

— דאָס איז ריכטיק, נאָר װענ איר, רעב שימשענ, זאָלט זײַנ א קײסער, װאָלט איר געװענ רײַכער פונ אלע קײסאָרימ אפ דער װעלט. אכוצ אײַער מעלוכע, װאָלט איר נאָכ א ביסל צוגעקנעלט, דאָס װאָלט אײַכ ארײַנגעבראכט נאָכ א ביסל פארנאָסע, — דאָס האָט ניט קײנ אײנ קײסער אינ דער װעלט. ניט עמעס, רעב שימשענ? — האָט קיטײַטשיק געשפּאסט.

— מ'זאָגט, מ'װעט ייִדנ גיבנ פּראװעס...

— כ'װײ, נאָכ װאָס דארפנ ייִדנ האָבנ פּראװעס? אינ גאָלעס װעט א ייִד שטענדיק בלײַבנ א קנעכט. פריִער איז ער געװענ א קנעכט אָנ פּראװעס, איצט װעט ער זײַנ א קנעכט מיט פּראװעס... אונדזער רעטונג איז ניט אינ גאָלעס, נאָר אינ ערעצ־ייִסראָעל.

— און נאכמען — אָט א יאט! אַ עמעסער ייִדישער קאָפּ!

— אַ עכטער פּאָליצמייסטער!

אינעם פײַער און פלאַם פונעם רעוואָליוציאָנערן שטורעם האָט זיך צוגעפוצט, זיך צוגעקעמט אויך די פּאָליצייסקע גאַס. עס איז געוואָרן ווייניקער געשלעגן, מ'פלעג באַגעגענען ווייניקער שיכורים. די גאַנאָווים און די פּראָסטיטוטקעס האָבן געוואַשן מיט הייסער וואַסער די פּענעמער און די הענט, האָבן זיך אָנגעטאָן באַשיידענער און זײַנען געגאַנגען אין די מיטינגען הערן, וואָס מ'רעדט אין דער וועלט. די קינדער זײַנען זעלטענער געלאָפן אין בייסוילעם און אין די פּלעצער, און האָבן זיך מיט נײַגיר געשטופּט צווישן די דערוואַקסענע אין די נײַע, פאר זיי ניט־געוויינלעכע אומשטענדן.

מיכאָעל איז אַרײַנגעטראָטן אין דער סאָציאַליסטישער ייִדישער אַרבעטער־פּאַרטיי, פלעג זיך מיט אונדז זעלטן באַגעגענען, האַלטנדיק אונדז אויפריכטיק פאר רענעגאַטן.

— איר ווילט דערטרינקען דאָס ייִדישע פאָלק און זײַן קולטור אינעם קריסטלעכן יאַם, — האָט ער מיט אַ פּאָרוואורף צו אונדז געזאָגט. — איר וועט דעם ייִדן געבן אַ פרעמדע שפּראַך, וועט אַ טייל מאַכן פון זײַן קולטור, וועט אים אויסליידיקן, אָבער זײַן נאַטור וועט איר ניט איבערמאַכן, און איר וועט אים פאַרורטיילן אויף נאָך טיפערע ליידן.

— מיכאָעל טרוימט וועגן דער ייִדישער סצענע, — האָט צו אונדז געזאָגט שאָלעם, — און ער האָט אינסטינקטיוו מוירע צו פאַרלירן דעם ייִדישן צושויער. אָט אַ טשודאַק! ער פאַרשטייט ניט, אַז גראָדע מיר פאַרטיידיקן די ייִדישע קולטור, פּונקט ווי יעדער אַנדערע. די בעטלערײַ, דאָס גיין איבער די הײַזער פון קליינוויַז אָן האָבן שמאָל געמאַכט זײַן באַנעם, האָבן דעם באַכער צעקאַלייטשעט אויף גאַנצן לעבן. אַ פאַרשאָלטענע קינדהייט!

די טעג זײַנען געגאַנגען. באַגריסנדיק מיטן מויל די „נײַע ערע" און פאַרטײַענדיק אויף אַ צײַט די סינע, האָט די רעאַקציע

אין דער שטיל מאַפּיליזירט קרעפטן פאר רעוואנש. דער נאַיוועד קליינבירגער האָט זיך ארומגעטראָגן מיטן קייסערס מאניפעסט און מיט די ראָזעווע רעדעס פון די הויפּטלײַט, ווי מיט א גוטער בשורה, און האָט וועגן גאָרניט ניט געוואָלט טראכטן. אָבער דערפאר האָבן אסאך געטראכט די שווארצע קויכעס און האָבן מיט פאר־גענינגן געריבן די הענט אין דערווארטונג אָפּ דער צײַט, ווען זיי וועלן זיך צערעכענען און וועלן נעמען נעקאָמע.

געקומען צו זיך נאָכן ערשטן קלאַפּ און צונויפגעזאמלט ארום זיך זייערע ווילדע מייעס, זײַנען די שווארצע קויכעס כוצפּעדיק איבערגעגאנגען אין אָנגריף.

די פינצטערע כמארעס האָבן זיך אָנגעהויבן פאמעלעך, אָבער זיכער צונויפצוזאמלען אויך איבער אונדזערע קעפּ. דער סוינע האָט געהאנדלט פּאָרזיכטיק. צום אָנהייב האָט ער געארבעט שטי־לערהייט, ארומכאפנדיק מיט דער הילף פון פּראָוואָקאַטערס און שפּיאָנען באזונדערע כאוויירים, ארײַנווארפנדיק זיי אין „שטיי־נערנע זעק" און פארשיקנדיק זיי אין דער ווילדער געפרווי־רענער טײַגע. ער האָט ניט געהאט קיין קרעפטן מיטאמאָל צו דערלאנגען און האָט מאנעווורירט. מ'האָט פארבאָטן פארזאמ־לונגען און מיטינגען. אונדזער אָרגאניזאציע איז ווידער אוועק אין אונטערערד.

איינמאָל איינאָוונט איז שאָלעם געקומען אָפּ דער „בירזשע" א שטארק באומרויִקטער. ער האָט אונדז דערציילט וועגן דעם דורכפאל פון דער אומלעגאלער דרוקערײַ, וואָס איז מיט אזוי־פיל מי אוועקגעשטעלט געוואָרן, און וועגן דעם ארעסט פון די כאוויירים, וואָס האָבן דאָרטן געארבעט.

— מיר מוזן אונטערנעמען וועלכע ניט איז מאָסמיטלען קעגן דעם דורכפאל, — האָט שאָלעם געזאָגט, — אזוי קאָנען מיר ווײַטער ניט ארבעטן. צווישן אונדז ארבעט א פּראָוואָקאַטער, וועלכער גיט אונדז ארויס דער אָכראַנקע.

— ריכטיק, — האָט סלאווע געזאָגט, — די דורכפאלן זײַנען בא

אונדז געוואָרן צו אָפּטע. די פּאָליציי דערלאַנגט אונדז טרעפּלעך איין קלאַפּ נאָכן צווייטן און יעדעס מאָל אינעם סאַמע פּילבאַרג אָרט. אָן דער הילף פון פּראָוואָקאַטערס וואָלט זי ניט געווען אימשטאַנד עס צו טון...

— איך מיין אויך אַזוי, — האָב איך געזאָגט.—עסטערס אַרעסט און פאַרשיקונג איז געוויס פאָרגעקומען לויט א מעסירע. די פּאָליציי איז צו אונדז געקומען גלייך נאָך די העקטאָגראַפן און נאָך די ערשטמייקע פּראָקלאַמאַציעס. דער פאַרעטער האָט זיך, אפּאָנעם, שוין פון לאַנג אַריינגעכאַפּט אין אונדזערע רייען.

— עס קאָן זיין, — האָט פאַרטראַכט באַמערקט שאָלעם.

— מ׳פּלוידערט בא אונדז צופיל. מיר זיינען צעלאָזט געוואָרן. מיר האָבן פאַרגעסן, אז ארום־און־ארום דרייען זיך אום פאַרשיידנערליי פּאַסקודניאַקעס מיט לאַנגע אויערן, וואָס זיינען גרייט אונטערצוכאַפּן יעדער קלאַנג אונדזערן און אונדז צו דערטרינקען אין א לעפל וואַסער, — האָב איך פאָרגעזעצט.

— ריכטיק, מ׳דאַרף אונטערציִען די כעוורע און זיך אַליין אונטערציִען, — האָט געזאָגט סלאַווע.

שאָלעם איז אַוועקגעגאַנגען זיך דערוויסן די איינצלהייטן פונעם דורכפאַל, איך בין געבליבן מיט סלאַווען.

— ווער קאָן צווישן אונדז זיין א פאַרעטער? ווי מיינסטו סלאַווע?

— איך ווייס ניט, איך קאָן עס ניט פאַרשטיין... בא מיר, יעדנפאַלס, וואָלט די האַנט ניט געטאָן קיין ציטער צו דערשיסן אָטאָ דעם פּאַסקודניאַק.

אַף דער בירזשע האָט מען געהאַלטן אין איין ריידן וועגן דעם דורכפאַל פון דער דרוקעריי און וועגן דעם אַרעסט פון די כאַווירים.

נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך דאָ עטלעכע שאָ אַרומגעדרייט, זיינען מיר אַוועקגעגאַנגען צו שאָלעמען נאָך גענויערער אינפאָרמאַ־

ציע וועגן די געשעענישן. מיר האָבן אים געפֿונען אין סאָד. ער איז געווען אין בודקע צוזאַמען מיט אַנדריייען. זיי זײַנען געזעסן אויף די נאַרעס און האָבן שטיל וועגן עפּעס געשמועסט. אין בודקע איז געווען טונקל, און מיר האָבן זיי קאַם געזען.

— וווּהין ביסטו עס, אַנדריי, פֿאַרפֿאַלן געוואָרן דעם גאַנצן אָוונט? מיר האָבן דיך די גאַנצע צײַט געזוכט און האָבן געמיינט, אַז דו ביסט אויך אַרײַנגעפֿאַלן צו די פֿאַראַגאָנעס אין די לאַפּעס אַרײַן און רוסט זיך שוין פֿרידלעך אויף הינטער די גראַטעס אין קאַזיאָנע קעסט, — האָט איין שפּאַס געזאָגט סלאַווע.

— הייסט עס, אַ קלייניקן פֿעלער געמאַכט, — האָט פֿון דער פֿינצטער געענטפֿערט אַנדריי, — עס איז ניט אַזוי פּאָשעט נעמען דעם יאָזש אין די לאַפּעס...

— גוט, — האָט שאָלעם געזאָגט, — לאָמיר בעסער אַ רעד טון וועגן דעם, וויאַזוי אָפּצוהיטן די אָרגאַניזאַציע פֿון ווײַטערדיקע דורכפֿאַלן.

איך און סלאַווע האָבן זיך אַנידערגעזעצט אויף די נאַרעס.

— פֿאַרשטייט איר מיך, כאַווײרים, — האָט אַנדריי געזאָגט, — די זשאַנדאַרמעריע און די אָכראַנקע אַרבעטן אין אונדזער אָרגאַניזאַציע אָנפֿעלערדיק. פֿאַר דער לעצטער צײַט קאָנען מיר ניט דורכפֿירן קיין איינע ערנסטע אַרבעט, עס גייען דורכפֿאַלן נאָך דורכפֿאַלן. מיר קאָנען בעשומאופֿן ניט אָוועקגיין פֿון דער אָכראַנקעס אויג. קיין שום אָפּט בײַטן די וווינונג העלפֿט ניט, צוזאַמען מיט אונדז קומט אַהין שוין דעם ערשטן טאָג אויך אַ פּראָוואָקאַטער. דאָס אַלץ רעדט וועגן דעם, אַז דער פֿאַרעטער, וואָס האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין אונדזערע רייען, איז אונדז אַ גענויג נאָענטער מענטש...

— ווער־זשע קאָן עס זײַן? — האָט זיך באַ מיר אַרויסגעריסן אַ פֿראַגע.

— איך האָב שוין געזאָגט שאָלעמען וועגן מײַן כשאַד, — האָט אַנדריי געענטפֿערט, — איך קאָן עס אײַך אויך איבערכאַזערן. איך

האָב אַ כשאַד, — ער האָט זיך אַ ביסל פאַרהאַקט... — איך בין כוי־שעד מיילעכן...

— וועלכן מיילעכן? בערעזניקאָוון? — האָט סלאַווע איבער־געפרעגט.

— יאָ, — האָט אַנדריי פעסט געענטפערט.

מ'האָט געשוויגן. עס איז געווען שווער און ווייטעקדיק צו טראַכטן, באַזונדערס נאָך צו ריידן וועגן פּאַראַט פון אַן אַק־טיווגן כאַווער. עס האָט זיך ניט געוואָלט גלייבן, אַז דער זעלבער מוליער מיילעך, וועלכער אַרבעט אַזוי אַקטיוו אין דער אָרגאַני־זאַציע, וועלכער האָט זיך אַזוי מוטיק אָפּגעשלאָגן פון די קאַזאַקן ביים דער ערשטמייַיקער דעמאָנסטראַציע, איז פייַק אַף אַזאַ ני־דערטרעכטיקייַט. עס קאָן ניט זייַן. דאָ איז עפּעס אַ שרעקלעכע מיספאַרשטייעניש. אָבער אַנדריי פלוידערט קיינמאָל ניט אומזיסט. ער איז צו אַן ערנסטער מענטש.

נאָך דוביניגעס האָט גערעדט שאָלעם. ער האָט אויך געהאַלטן, אַז דער לעצטער פּאַראַט איז מיילעכס אַרבעט.

סלאַווע האָט גערעדט וועגן דער נייטיקייַט אין דעם פאַל צו זייַן ביז גאָר פאָרזיכטיק.

— די זאַך איז זייער אַן ערנסטע, — האָט זי געזאָגט, — דער־מיט טאָר מען ניט שפּאַסן. אונדזערע אורטיילן דאַרפן זייַן באַ־גרינדעט אַף אַבסאָליוט ריכטיקן מאַטעריאַל.

מיר האָבן באַשלאָסן אָט דעם שמועס צו האַלטן שטאַרק געַ־היים און האָבן איבערגעגעבן שאָלעמען און אַנדרייען אייַנצור־שטעלן אַ גענויע נאָכשפּירונג נאָך מיילעכן.

אהיים זייַנען מיר זיך צעגאַנגען מיט אַ שווער האַרץ.

אין עטלעכע כאַדאָשים נאָך אָט דעם שמועס בין איך מיט סלאַווען איינמאָל געזעסן אַף אַ באַנק אַף איינער פון די גאַסן, וואָס זייַנען געווען נאָענט צו דער „בירזשע".

עס איז געווען אַרום עלף אַזייגער באַנאַכט. אַפן הויף און אין די הייַזער איז געשטאַנען אַן אומדערטרעגלעכע דושנעקייַט...

דעם הימל האָבן פֿון צײַט צו צײַט באַלויכטן ווײַטע בלאַסע בליצן.

— אנדריי און שאָלעם, — האָט סלאַווע געזאָגט, — האָבן נײַעם מאַטעריאַל קעגן מײלעכן. עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז דער שולדיקער אין אונדזערע דורכפֿאַלן איז ווירקלעך מײלעך. ער אַרבעט שוין ניט העכער אַ האַלב יאָר און לעבט גוט, טוט זיך אָן רײַך, וואַרפֿט זיך מיט געלט. פֿונוואַנען נעמט זיך צו אים געלט? איך האָב עפּעס פֿריִער וועגן דעם ניט געטראַכט. און איצט, צוקוקנדיק זיך צו אים, האָב איך דערזען, אַז ער לעבט ברייט, ניט לויט די מיטלען. ער איז עפּעס ניט קיין זויבערער, ניט קיין אונדזעריקער איז ער...

פֿון דער טיף גאַס איז אַרויסגעשווומען מײלעכס סילועט. ער האָט זיך געלאָזט צו דער „בירזשע". לעם אונדז האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, האָט אויסגעווישט מיטן טיכעלע דעם שווייס פֿונעם געזיכט, האָט פֿאַריכט די פּענסנע.

— אַ גוטן אָוונט, כעווריע, — האָט ער געזאָגט. — ס'אַ דושנעקײַט עס איז! עס איז אוממעגלעך צו זיצן אינדערהיים, מ'קאָן ניט אַרבעטן. עס קריכט גאָרניט אין קאָפּ אַרײַן...

— וווּהין גייסטו עס אַזוי שפּעט? — האָב איך געפֿרעגט.

— עס גלוסט זיך מיר שטאַרק טרינקען. איך וועל גיין אָפּ מוראַוויאָווסקע. אַ זויף טון ערגעץ קאַלט ביר... אַ גוטן.

— אַ גוטן...

מײלעך האָט פֿויל אַוועקגעשפּאַנט איבערן טראָטואַר.

סלאַווע האָט פֿאָרגעזעצט דעם איבערגעריסענעם שמועס.

— אַזויווי מ'וואָלט דערמאַנט מאַשינען, — האָט זי שפּאַסנדיק געזאָגט. — ער איז מיר קיינמאָל ניט געווען געפֿעלן. איך גלייב ניט אין דער אופֿריכטיקײַט פֿון זײַנע אַרויסטרעטונגען, זיי זײַנען עפּעס אָן האַרץ, אָן נעשאָמע. מיטן מויל איז ער שטענדיק „פּרינציפּיעלער" פֿון אַלע, ביז צו אַן אַבסורד, און אין טאָג...

ניט ווײַט פֿון אונדז האָט א שאָס דורכגעשניטן די לופֿט. נאָכ־דעם א צווייטער, א דריטער.

מיר האָבן אינסטינקטיוו אויסגעדרייט די קעפּ אין דער זײַט, פֿונוואַנען עס האָט זיך דערהערט דאָס שיסן.

„עמעצער האָט דערהארגעט מײלעכן", — האָט זיך, ווי א בליץ, דורכגעטראָגן אין קאָפּ א שרעקלעכער געדאנק. איך האָב וועגן דעם געזאָגט סלאווען. זי האָט גאָרניט ניט געענטפֿערט. מיר האָבן זיך א וואָרף געטאָן צום אָרט, ווו מ'האָט געשאָסן.

אף דער ערד באם סאמע טראָטואר איז מיטן פּאָנעם אראָפּ געלעגן מײלעך, ער האָט קאם געזיפֿט. פֿון די נאָזלעכער און פֿונעם אויסגעקרימטן מויל איז ארויסגעטראָטן א ראָזעווע שוים. די אויגן זײַנען בא אים געווען פֿארמאכט.

לעם אים האָט זיך אײַנגעבויגענערהייט געפּאָרעט א גאָראָדאָ־ווי און האָט אים אומזיסט וועגן עפּעס אויסגעפֿרעגט. פֿון אַלע זײַטן איז זיך צונויפֿגעלאָפֿן אוילעם. עמעצער איז געלאָפֿן נאָך אן איזוואָזטשיק, קעדיי אָפּצופֿירן מײלעכן אין שפּיטאָל.

— וואָס איז געשען? — האָבן מענטשן געפֿרעגט.

— מ'האָט געהארגעט א סטודענט.

— גיי דורך... שטופּ זיך ניט...

— ווער האָט אים דערהארגעט?

— דעם מערדער האָט מען פֿארהאלטן?

— ס'ארא מערדערײַען עס קומען איצט פֿאָר...

— כײַעס, ניט קיין מענטשן...

— פֿארוואָס האָט מען אים דערהארגעט?

קיינער האָט גאָרניט ניט געוווּסט. מענטשן האָבן געפֿרעגט איינס באם צווייטן, וואָס איז דאָ געשען.

מײלעך איז אפֿן וועג אין שפּיטאָל ארײַן געשטאָרבן.

מיר האָבן זיך שווײַגנדיק אומגעקערט אהיים. עס איז געווען שרעקלעך. מיר האָבן פֿאָרגעפֿילט נאָך שרעקלעכערע געשעענישן, און עס האָט זיך ניט געגלוסט ניט ריידן, ניט אויספֿרעגן. מיר

האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז דער דאָזיקער שאָס וועט ניט דורכגיין אומבאַשטראָפֿט.

— ווי מייִנסטו, שאָלעם צי אַנדריי? — האָב איך געפֿרעגט פֿלאַווען באַם געזעגענען זיך.

— איך ווייס ניט... איך ווייס גאָרניט... — האָט זי געענטפֿערט און איז גיך פֿאַרשוווּנדן הינטער דער טיר...

מײַלעכן האָט מען אין צוויי טעג אַרום באַגראָבן. אויף דער לעווייַע זײַנען געווען אָנוועזנד דעם טויטנס פֿאָטער, מוטער און שוועסטער, און אַ שפּיאָן, איבערגעטאָן אַלס ציווילער...

אויפֿן צווייטן טאָג האָבן די ייִנגלעך און די קינדער פֿון אונדזער גאַס, גייענדיק איבערן בייסוילעם, אָפּגעזוכט מײַלעכס קייווער און צעטראָטן און צעגראָבן דאָס בערגעלע אויפֿן קייווער, דאָרטן אָנגעפּאַסקודעט, אַרײַנגעקלאַפּט אַ שטעקן און האָבן צו דעם צוגעפּעסטיקט אַ ברעטעלע מיט אַן אויפֿשריפֿט:

— אַ הונט קומט אַ הינטישער טויט!

אַנדרייען האָט מען אַרעסטירט באַ אים אינדערהיים פֿאַרטאָג נאָכן דערמאָרדן מײַלעכן. די גאַנצע נאַכט האָט ער פֿאַרבראַכט אויף אַ כאַסענע פֿון זײַנעם עפּעס אַ ווײַטן קאָרעוו. אויף דער כאַסענע איז ער געקומען אַזייגער אַכט אינאָוונט, און אַוועקגעגאַנגען פֿונדאָרטן איז ער פֿינף אינדערפֿרי. אַזייגער צען איז ער אומבאַמערקט אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס, און עלף איז ער שוין צוריק געווען אויפֿן אָרט. קיינער האָט ניט באַמערקט זײַן אָפּוועזנהייט. די גאַנצע נאַכט איז ער געווען אין אַ געהויבענער שטימונג. ער האָט אַסאַך גערעדט, געשפּאַסט, דערציילט אַנעקדאָטן...

אויפֿן געריכט האָט אַנדריי קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט זײַן שײַכעס צום שאָס. די אַדרעס האָבן אויפֿריכטיק דערציילט, אַז אין דער נאַכט פֿונעם מאָרד איז ער געווען מיט זיי צוזאַמען אויף אַ כאַסענע. אָבער עס האָט גאָרניט געהאָלפֿן. אויפֿן געריכט האָבן פֿיגורירט עפּעס געהיימע ראַפּאָרטן, וואָס האָבן די זאַך אַנטשיידן.

אין נאָמען פון זיין קייסערלעכער „הויכהייט“, פון דער זעלבער ויכהייט“, וועלכע האָט מיט ניין כאדאָשים צוריק אין טויטשרעק אונטערגעשריבן דעם מאניפעסט וועגן דער קאָנסטיטוציע, איז אנדריי פארמישפעט געוואָרן צו אייביקער קאטאָרגע...

אן אָפּגעגאָלטער, ווי אן ארעסטאנט, א פארקאָוועטער אין שווערע קייטן, אין גרויען ארעסטאנטישן אָנטון איז דער נײַנצן־יעריקער אנדריי אוועקגעגאנגען מיטן עטאפּ איבער די טורמעס צווערשט אין אָרלאָווער צענטראל און דערנאָך קיין נערטשינסק.

אנדרייס ארעסט און פארשיקונג איז פאר אונדזער אָרגאניזאַציע געווען א שווערער פארלוסט. די לאגע איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן קאָמפּליצירטער. מענטשן איז געוואָרן אלץ ווייניקער. שאָלעם און סלאווע האָבן זיך ארויסגעשלאָגן פון די קויכעס, אָבער זיי האָבן ניט פארלוירן די האָפענונג אף בעסערע צייטן. זיי זיינען אוועק אין טיפן אונטערערד, זיי האָבן זיך פולשטענדיק אָפּגעגעבן דער ארבעט, האָבן געזאמלט נייע קויכעס פאר א נייעם שטורעם...

„מיר האָבן געליטן א צייטווייליקע מאפּאָלע, זאָל לעבן דער קומענדיקער זיג!“ האָט געקלונגען שאָלעמס און סלאוועס מוטיקע שטים פונעם אונטערערד אין הונדערטער העקטאָגראפירטע בלעטלעך וועלכע זיינען פארשפּרייט געוואָרן אף די זאוואָדן און ווארשטאטן פון אונדזער שטאָט.

נײַנט קאפיטל

דער פּאָגראָם.

עס זײַנען אָנגעקומען אומרויִקע טעג.

דער טויט האָט געפּלאַטערט איבער דעם לאַנד, זיך געדרייט אין אַן אומגעצוימטן, ווילדן טאַנץ און האָט אַלץ פאַרניכטעט אַף זײַן וועג.

— נעקאָמע! נעקאָמע! — האָבן די פינצטערע קויכעס געשריגן און האָבן פאַרגאָסן די ערד מיט אַ געדיכטן רעגן פון אײַזן, שוועבל און פײַער.

די שטראָף־עקספּעדיציעס האָבן גענישטערט איבער די שטעט און די דערפער, אויסוואָרצלענדיק מיט אָנגעגליטן אײַזן יעדער סימען פון לעבן. טליִעס, פּריש און פאַרגליווערט בלוט אַף די טראָטוארן און שאָסייען, כורוועס מיט הויכע קוימענס, וואָס סטאַרטשען איינזאַם, איבערגעפּילטע טורמעס, דער קלאַנג פון קייטן, די ענגשאַפט און שטופּעניש אַף די עטאַפּן — דאָס אַלץ האָט שטום איידעס געזאָגט וועגן דעם זיג פון דער „אָרדענונג" אין דעם דערשטיקטן לאַנד.

די שוואַכע אין גײַסט האָבן ניט אויסגעהאַלטן די אָנשטרענגונג און פלעגן זיך נעמען דאָס לעבן. פּסיכיש־וואַקלדיקע פלעגן פאַרלירן דעם גראַדן סייכל.

מענטשן זײַנען אומגעגאַנגען אַף די שפּיץ־פינגער, דערשלאָגענע, פינצטערע און האָבן זיך געהאַלטן אין איין אַרומקוקן אין

די זײַטן. בא באַגעגעניש איינס מיט ס׳אַנדערע פֿלעגן זיי שווײַגנדיק דורכגיין פֿאַרבײַ און שווער זיפֿצן.

דער קליינבירגער האָט אַרײַנגערוקט דעם האַלדז אין קאָלנער און האָט בא זיך, אינעם פֿאַמיליע־קרײַז הינטער די פֿעסט־פֿאַר־קלאַפּטע פֿענצטער און פֿאַרשלאָסענע טירן, באַלערנדיק גערעדט:

— מיר האָבן שטענדיק געזאָגט: קאָנסטיטוציע — דאָס איז א פּוסטע זאַך, פֿאַרלאַמענטאַריזם דאָס איז אַן אומנוצלעך שפּילעכל פֿאַר קינדער. אונדזער אַזיאַטיש לאַנד דאַרף האָבן א פֿעסטע מאַכט, אַן אַליינהערשערישע מאַכט און ניט קיין שפּילעכל.

אַף אונדזער שטאָט האָבן זיך אָנגערוקט שוואַרצע כמאַרעס.

די קאַזאַקן האָבן אָקופּירט די גאַסן, און אָפּהיטנדיק די גרויסע מאַגאַזינען, די האַנדל־אַנשטאַלטן און זאַוואָדן, האָבן זיי גראַמירט די שטעלעכלעך און די גראָשעדיקע קלייטלעך אין די פֿאָרשטעט, האָבן פֿאַרגעוואַלדיקט פֿרויען.

א האַמוינ קאַזאַקן האָט פֿאַרשלעפּט אַף טאַראַס קאָוואַלטשוקס פֿעלד גאָלדבערג דעם סטאָליערס נײַנצניעריקע טאָכטער, האָבן זי פֿאַרגוואַלדיקט, זי א גאַנצע נאַכט געפּײַניקט, ביז זיי האָבן זי ניט פֿאַרמוטשעט אַף טויט. אינדערפֿרי האָבן די ייִנגלעך פֿון פּאָלי־צייסקע גאַס זי געפֿונען אין קאָרן א טויטע, אין פֿאַרבלוטיקט וועש, מיט גרויסע בלוט־אויסגוסן אַף די פֿיס. אין שטאָט האָבן אַלע געקענט אין פּאָנעם די פֿאַרגוואַלדיקער און די מערדערס, מ׳האָט וועגן זיי שטילערהייט גערעדט אין אַלע ווינקעלעך, אָבער קיינער האָט ניט געוואַגט וועגן דעם צו ריידן אינדערהייך.

— וווּהין אַנטלויפֿט מען? — האָבן שטילערהייט איינס ס׳אַנ־דערע געפֿרעגט די אײַנוווינער פֿון פּאָליצייסקע גאַס.

— איך ווייס, וווּהין צו לויפֿן? איין וועג איז פֿאַראַן — אין קיִיווער אַרײַן....

זיי פֿלעגן אויספֿאַרקויפֿן זייער פֿאַרמעגן, פֿאַרלאָזן די אײַנ־געזעסענע ערטער, און ניט טראַכטנדיק וועגן גאָרניט, אַבי נאָר צו ראַטעווען זייער לעבן, פֿלעגן זיי פֿאַרפֿילן די אָקעאַן־שיפֿן

און פּעקלעכווײַז אַרויסגעוואָרפֿן ווערן אויף די גאַסן פֿון ניו־יאָרק, טשיקאַגאָ, סאַן־פֿראַנציסקאָ, בוענאָס־אײַרעס...

די שיקערע סלאָבאָדקע האָט אין אָט די טעג געלעבט מיט אַ באַזונדער לעבן. דאָס איז געווען דער איינציקער ראַיאָן אין אונדזער שטאָט, וווּ עס האָבן געוווינט קימאַט אויסשליסלעך קריסטן, דעריקער לומפּן־פּראָלעטאַריער. דאָ איז געגאַנגען אַ פֿיבערהאַפֿטע צוגרייטונג צו עפּעס שרעקלעכס, וואָס די איינוווינער פֿון אונדזער גאַס האָבן מוירע געהאַט אָנצורופֿן אינדערהייך, מיטן פֿולן נאָמען, אָבער וואָס האָט זיך פֿאַר אַלעמען אין די אויגן אײַנגעשפּאַרט מיט אומפֿאַרמײַדלעכקייט אָנגערוקט אויף אונדז.

דורך אונדזער גאַס זײַנען אַלעמאָל געגאַנגען אויף דער סלאָבאָדקע עפּעס געהיימניספֿולע אומבאַקאַנטע מענטשן. אויף אונדזערע הײַזער האָבן זיך אָפֿט אָנגעהויבן באַווײַזן באַליידיקנדיקע פּאָגראָם־אויפֿשריפֿטן מיט קרײַד און מיט קויל. אויף די פּלויטן האָט עמעצנס אַן אומזעבאַרע געהיימניספֿולע האַנט, פֿאַנאַנדערגעקלעפּט פּראָקלאַמאַציעס, וועלכע האָבן גערופֿן צו שלאָגן ייִדן און צו ראַטעווען דעם גלויבן, דעם קייסער און דאָס פֿאָטערלאַנד.

די גאַלאָכים האָבן פֿונעם אַמוואָן־אַראָפּ זיך געווענדעט מיט הייסע רעדעס צום פֿינצטערן המון און האָבן אים אין קריסטוסעס נאָמען גערופֿן זיך צו צערעכענען מיט די סאָנים פֿון פּראַוואָסלאַוויע, מיט די באַליידיקער פֿונעם מאָנאַרך און מיט די „פֿאַרעטער" פֿונעם פֿאָטערלאַנד.

„פּראַוואָסלאַוונע מענטשן, — האָבן זיי געזאָגט, — לאָמיר זיך געבן אַ קריסטלעך וואָרט, אַז מיר וועלן אויף קיין פֿאַל ניט דערלאָזן אַזאַ שאַנד, ווי די, אין וועלכער מיר האָבן זיך געפֿונען... לאָמיר אויסוואָרצלען מיט פֿײַער און מיט שווערד יעדער מין אומריינקייט פֿון אונדזער לאַנד. אין נאָמען פֿונעם פֿאָטער און זון און דעם הייליקן גײַסט. אָמיין..."

אויף דער סלאָבאָדקע האָט מען פּראָוואָקאַטאָריש פֿאַרשפּרייט

לעגענדעס וועגנ א „פּארמוטשעט" אונ „דערהארגעט" קריסטלעכ יינגל, פונ וועלכנ די ייִדנ האָבנ קלוימערשט אויסגעצאַפּט דאָס בלוט פאר זייערע מאצעס אפ פּייסעכ. פארשיידנערליי „לעבעדיקע איידעס" האָבנ מיט זייער אומפארשעמטנ איידעס־זאָגנ וועגנ דעמ קינדס שווערע ליידנ פארנ טויט, צעהיצט די ליידנשאפטנ, אופגערייצט די שטימונג אונ האָבנ אָנגערייצט דעמ פינצטערנ קליינבירגער צו צערעכענענ זיכ מיט די ייִדנ.

אפ דער פינצטערער סלאָבאָדקע איז אינעמ נייעמ הויז פונעמ פּי־הענדלער ארכיפ איגנאטאָוויטש פינטשוק אָרגאניזירט געוואָרנ א טיי־הויז פונעמ „פארבאנד פונעמ רוסישנ פאָלק". אינ אָט דעמ טיי־הויז פלעגנ זיכ צונויפקומענ פארשיידנערליי לומפּנ פונ דער סלאָבאָדקע, שטענדיקע באזוכער פונ די שענקענ, „מאלינעס" אונ שאנד־הייזער, סופּניקעס אונ פּראָסטיטוטקעס. דאָ האָבנ איבערגעטאָנענע שפּיקנ אונ גאָראָדאָװויעס די דאָזיקע לומפּנ אָנגעטרונקענ אונ האָבנ זיי אָנגערייצט אפנ „העלדנטאט" קעגנ די „זשידעס" אונ די סאָציאַליסטנ.

עס איז געוואָרנ א געוויינלעכע דערשיינונג אינ מיטנ העלנ טאָג צו שלאָגנ די איינוווינער פונ אונדזער גאס, אויסצושלאָגנ פענצטער אינ אונדזערע הייזער. עס איז ניט געווענ, פאר וועמענ זיכ צו קלאָגנ, עס איז ניט געווענ, ווו צו זוכנ קיינ שוצ.

די אטמאָספער האָט זיכ אָנגעגליט ביז גאָר. די מינדסטע קלייניקייט האָט געדראָט זיכ פאנאנדערצוּוואקסנ אינ א גרויסנ אומגליק. יעדע מינוט האָט געקאָנט אויסברעכנ א פּאָגראָמ. די פּאָליציייסקע גאס האָט זיכ פיינלעכ אָנגעשטרענגט צוליבנ שרעק פונ שטענדיקנ ווארטנ אפ א קאטאסטראָפע, אָבער זי האָט זיכ ניט געהאט וווהינ אהינצוטונ...

שאָלעמ אונ סלאווע האָבנ פונעמ אונטערערד גערופנ די ארבעטער צו ברידערלעכער סאָלידאריטעט. זיי האָבנ זיכ געווענדעט צו דער ארבעטנדיקער באפעלקערונג מיט א רופ צו אָרגאניזירנ א זעלבסטשוצ, צו געבנ א ווירדיקנ אָפּשטויס די פּאָגראָמשטשיקעס.

„ייִדישע און רוסישע ארבעטער, — האָבן זיי געשריבן פונעם אונטערערד, — ווייסט, אַז דעם פּאָגראָם גרייט פאַרברעכעריש צו די צארישע רעגירונג זעלבסט, איר פּאָליציי און אירע טשינאָווניקעס. אָן זייער אָנרייצן און הילף וואָלט דער דאָזיקער אָפּפאַל ניט געוואגט אופצוהייבן זײַן האנט קעגן די ייִדן. ווארט ניט אַף קיין הילף פון דער מאכט. זיי וועלן די ערשטע אײַך אליין גראָמירן. קיינער וועט אײַך ניט העלפן, אויב איר וועט אליין ניט אָרגאניזירן קיין זעלבסטשוץ. באוואָפנט זיך, מיט וואָס איר קאָנט, צעטיילט זיך אַף דרוזשינעס. קלײַבט זיך אויס זיכערע עלטסטע. זײַט וואכזאם. זײַט גרייט יעדע מינוט צו באגעגענען דעם סוינע. נידער מיט דער זעלבסטהערשונג, דעם אָרגאניזאטער פון די פּאָגראָמען! זאָל לעבן די איינִיקײַט פון די ארבעטער פון אלע נאַציאָנאליטעטן! פּראָלעטאריער פון אלע לענדער, פאראייניקט זיך!"

די פּאָליציי האָט זיך ארויסגעשלאָגן פון די קויכעס צו כאפּן די אויטאָרן פון די פּראָקלאמאציעס, אָבער זי האָט ניט שטענדיק געקאָנט פאלן אַף זייער שפּור. זיי זײַנען געזעסן טיף אין אונטערערד און זײַנען געווען גאָר פאָרזיכטיק און וואכזאם.

די וואָלקנס האָבן זיך אלץ געדיכטער געזאמלט איבער אונדז. עס האָט זיך אָנגערוקט א שוידערלעכער שטורעם. די גאס האָט אין מוירעדיקער שרעק געווארט אפן אומפארמײַדלעכן דונער. און דער דונער האָט א זעץ געטאָן הילכיק און פעסט.

אינעם שאנד־הויז אפן אלטן שליאכ איז די נאכט געווען אַן אומרויִקע. קאזאקן האָבן געווילדעוועט, און זייער שיכּורע שטימונג האָט קיין גוטס ניט פאָרויסגעזאָגט. כאנע די געלע, די היילִיקע מאגדאלינע און ראָזע זשוק האָבן זיך געטראָגן צווישן זיי, ווי בייזע טײַוולאָנים, און אָנרייצנדיק די שיכּורים איינס אַף ס'אנדערע און אַף צופעליקע באזוכער, זײַנען זיי זיך אליין געקוואָכן שלאָגן.

מענטשן האָבן איינס ס'אנדערע געזעצט מיט פויסטן, פלעשער

און שטעקנס אינ קאָפּ אַרײַנ, אינ רוקנ. עס האָבנ געקלונגענ פּעטש און שויבנ, מ'האָט שרעקלעכ געשריגנ, געוויעט, געריעוועט, ווי בעהיימעס פאַר דער בוינע.

— גיב אים אינ צורע אַרײַנ...

— צעקנאַק אים אפ פּיצלעכ.

— טו אים אָנ א האַלדזטיכל...

— מאַכ אים א לאָכ אינ פּופּיק...

— אפ יענער וועלט שיק אים אָפּ...

פאַרטאָג האָט זיכ דער אוילעם אַרויסגעוואַלגערט אפנ הויף, און מ'האָט פאַרגעזעצט דאָס געשלעג. מ'האָט איינס ס'אַנדערע צעריסנ דאָס אָנטונ. די הייליקע מאַגדאַלינע האָט אַרויסגעכאַפּט בא א שיקערנ קאָזאַק די שווערד פונעם שײדל און, שטאַרק צעפאָכנדיק זיכ, צעהאַקט א שיקערנ באָכער דעם קאָפּ. דער באָכער האָט אפילע קיינ קרעכצ ניט געטאָנ, האָט זיכ נעגעבנ א וואַקל און האָט זיכ, ווי א שטיינ, א וואַלגער געטאָנ אפ דער ערד.

פונ גאַנצפרי אָנ האָט אָנ אומרו אַרומגעכאַפּט די שטאָט. באַזונדערס אומרויִק איז געווענ די שיקערע סלאָבאָדקע. דער צענטער פונ די געשעענישנ איז געווענ אינ אַרכיפּ איגנאַטאָוויטשס שטוב, אפ וועלכער עס איז געהאַנגענ א שילד: „טײ־הויז פונעם פאַרבאַנד פונעם רוסישנ פאָלק”.

— א זשידאָווקע האָט דערהאַרגעט א קריסט, — האָט זיכ אָנ אָפּהאַלט געקויקלט א שוואַרצע כוואַליע פונ דעם טײ־הויז אינ שטאָט אַרײַנ.

— ביזוואַנענ וועלנ די קריסטנ לײַדנ די באַליידיקונגענ און דאָס איזדעקעוועונ זיכ פונ די ייִדנ? — האָט א צווייטע כוואַליע זי דעריאָגט.

— שלאָגט די ייִדנ! — האָט זיכ נאָכ איר געיאָגט א דריטע...

— נעמט נעקאָמע פאַר קריסטלעכ בלוט...

אינעם קליינעם הילצערנעם קלויסטער אפ דער סלאָבאָדקע איז

לויט א געהיימנ באפעל פונ דער פאָליציי איילִיק אָפגעמאכט גע־וואָרנ א פּאניכידע איבער „דעם דורכ יידנ דערהא־געטנ אונ פארפייניקטנ קריסט". דער גאלעכ אפאנאסי קירילאָוויטש פאָנאָ־מאריאָוו האָט זיכ נאָכ דער טפילע געווענדעט צו זיינע שאָפ מיט א דראָשע:

„קריסטוסעס קינדער... די יידנ האָבנ פארפייניקט גאָטס זונ. פארוואָס האָט מענ אימ געקרייצט אפנ ציילעמ? פאר אונטער־טעניקייט אונ פאר הייליקע מייסים! ווער האָט אימ געקרייצט?— יודע איסקאריאָט! פונ אָט דער צייט אָנ קרייצנ אונ הארגענע פארשיידנערליי יודעס אונ יידנ אָרנטלעכע קריסטנ, אונ מיר, דאָס לאנג־געדולדיקע פאָלק, שווייגנ. ביזוואנענ וועלנ זיי מיס־ברויכנ מיט אונדזער קריסטלעכנ געדולד? עס איז ניטאָ קיינ קויעכ מער צו שווייגנ. וועגנ דעמ שרייט אויכ דאָס קריסטלעכע בלוט, וואָס איז היינט פארגאָסנ געוואָרנ..."

דער אוילעמ איז אנ אופגערייצטער ארויסגעגאנגענ פונעמ קלויסטער. ווילד־פאנאטישע פרויענ האָבנ זיכ געוואָרפנ אינ א היסטעריק. פארדעכטיקע פארשוינענ, איבערגעטאָנענע גאָראָדאָ־וויעס, זשאנדארמענ אונ שפיקעס זיינענ ארומגעגאנגענ צווישנ דעמ אוילעמ אונ האָבנ אימ גערופנ צו א קרייצ־צוג אינ שטאָט אריינ.

פונ ערגעצוווּ האָט זיכ באוויזנ אנ איקאָנע. דער אוילעמ האָט ארומגערינגלט די איקאָנע אונ האָט זיכ געלאָזט אינ שטאָט אריינ, פארטויבנדיק די גאס מיט קלויסטער־געזאנג. באזונדערס האָט זיכ אויסגעטיילט דעמ פאָטער אפאנאסיעס הויכע שטימ.

— ראטעווע, גאָט, דיינע קינדער...

אפ אונדזער גאס האָבנ די יידנ גיכ פארמאכט די לאָדנס אפ די פענצטער, האָבנ פארשלאָגנ די טירנ אונ האָבנ באהאלטנ זייערע קינדער אונ ווייבער...

דער משוגענער פייוויש באראָנ, דער דאָזיקער שטאָלצער זונ פונ אלביאָנ פונ פאָליציייסקע גאס, איז איינער אליינ געבליבנ

אינדרויסן. ער איז ארומגעגאנגענ מיט אנ אופגעהויבענעם קאָפּ און האָט שטאָלצ דורכ זײַנ „מאָנאָקל“ געקוקט אפנ הימל. דער מארש־צוג האָט אימ אָנגעיאָגט אפנ ראָג פונ דער סלאָבאָדקע און פּאָליצײסקע גאס.

פּײַוויש האָט זיכ אפילע ניט אומגעקוקט און האָט פּאָרגע־זעצט זײַנ וועג פּונקט אזוי שטאָלצ, ווי פריִער.

— זשידאָווסקי באראָנ! לאָז אראָפּ דעמ קאָפּ און טו א קוק אפ דער ערד! — האָט א רעווע געטאָנ מיטקע דער האָרבאטער, וואָס האָט פרײלעכ געשפּאנט לעמ דעמ פּאָטער אפּאנאסי.

— בא פּײַווישנ בײגט זיכ ניט דער האלדז. לאָמיר אימ אײַנ־בײגנ, כעוורע...

— פּאָר אימ נאָר אַרײַנ אינ קארק אַרײַנ...

פּײַווישנ האָבנ אָט די אויסגעשרײענ ניט גערירט. ער איז זיכ געגאנגענ מיט זײַנ וועג מיט אנ אופגעהויבענעם קאָפּ און מיט אפ הינטנ פארלײגטע הענט. דער האמוינ איז אלצ מער און מער אופגערײצט געוואָרנ.

— זשיד, נעמ אראָפּ די היטל פאר דער איקאָנע! — האָט מענ פונעמ אוילעם געשריגנ.

— נעמ אראָפּ די היטל, אניט וועלנ מיר דיר דעמ קאָפּ אראָפּ־רײַסנ...

פּײַוויש האָט אלצ ניט געלײגט קײנ שומ אכט אפ די אופּ־גערײצטע געשרײענ.

מיטקע דער האָרבאטער האָט א וואָרפ געטאָנ א שטיק ציגל אינ פּײַווישנ. דער ציגל האָט אימ צעדרויבעט דעמ שלײפ. פּײַוויש איז אנידערגעפאלנ א פארבלוטיקטער.

דאָס בלוט און דער מעשוגענער פּײַוויש, וואָס האָט זיכ גע־וואָרפנ אינ אגאָניע, האָט נאָכ מער אופגערײצט דעם האמוינ.

— שלאָגט די זשידעס — קריסטוסעס מערדער! — האָט עמע־צער געשריגנ.

א צענדליק פּאָגראָמשטשיקעס האָבנ אופגעבראָכנ די טיר בא

קיטײַטשיקנ, זיכ ארײַנגעריסנ אינ שטוב ארײַנ. אונ אינ א ווײַלע ארומ זײַנענ זיכ מיט א קלאנג אפ פיצפיצלעכ צעפלויגנ די שויבנ אינ די פענצטער־ראמענ. פונ די צעעפנטע שווארצע לעכער האָבנ אָנגעהויבנ פליִענ אפ דער גאס טאבורעטנ, שוסטערשע אינסטרומענטנ, אלטע שיכ, קישנס, לאָמפנ, פידלענ. די איבער־געשראָקענע הינער זײַנענ מיט א קוואָקערײַ ארויסגעפלויגנ דורכ די אָפענע פענצטער. מ׳האָט זיי דאָ גלײַכ געכאפט אונ דערהאר־געט. די פאָגראָמשטשיקעס האָבנ געבראָכנ אלצ, וואָס ס׳איז ארויס־געוואָרפנ געוואָרנ אפ דער גאס, האָבנ געריסנ די קישנס, די פע־דערנ האָבנ זיכ, ווי א כמארע, געטראָגנ אינדערלופטנ. עפעס א פרוי האָט מעשוגענערהייט צעטראָטנ מיט די פ״ס א פידל...

דעמ אלטנ קיטײַטשיק האָט מענ ארויסגעשלעפט אפ דער גאס. מ׳האָט אימ מיט א טעמפ מעסער אָפגעשוירנ די באָרד, מ׳האָט פונ אימ אראָפגעריסנ דעמ אויסגעצוויטעטנ שמוציקנ סער־דעט אונ די לוסטרינענע היטל מיט דער יארמעלקע, מ׳האָט אימ געצוווּנגענ שטיינ אפ די קני אונ זיכ צײלעמענ, מ׳האָט אימ גע־שלאָגנ מיט די פויסטנ אונ שטעקנס.

— כריסטאָס וואָסקרעס! זאָג נאָכ, הינטישער זונ! — האָט אימ שטארק דערלאנגט איבערנ קאָפ עפעס א סוביעקט מיט גרוי־סע געלע וואָנסנ.

באָרעכנ איז פינצטער געוואָרנ אינ די אויגנ, אונ ס׳האָט זיכ אימ פארדרייט דער קאָפ.

— כריסטאָס וואָסקרעס, — האָט קיטײַטשיק, ווײגענדיק, קאמ געענטפערט.

— וואָיִסטינו וואָסקרעס, — האָבנ געפאָדערט די געלע וואָנסנ.

— וואָיִסטינו וואָסקרעס, — האָט איבערגעכאזערט דער אלטער באָרעכ.

— צײלעמ זיכ איבער.

אונ רעב באָרעכ האָט זיכ געצײלעמט.

דערנאָכ האָט מענ אימ ווידעראמאָל ־ווילד אונ טעמפ

געשלאָגן, אים געבונדן די הענט און די פיס און אַרײַנגעוואָרפן אין אַ הינער־שטײַג...

נאָכדעם ווי דער ווילדער האַמוין האָט צעגראָמירט קיטײַטשיקס שטיבל און זיך צערעכנט מיטן אַלטן, האָט ער זיך געוואָרפן אָפּ איטע דער בייגלמאַכערנס שכיינעסדיק הײַזל. שטופנדיק און שטויסנדיק איינס ס'אַנדערע, האָבן זיך די מענטשן אַ וואָרף געטאָן אָפּ די פרישע בייגל, אָנגעשטאָפּט מיט זיי די מײַלער און די קעשענעס. די אויסגעליידיקטע קוישן זײַנען דורך די צעבראָכענע פענצטער אַרויסגעפלויגן אָפּ דער גאַס. מיט אַ טראַסק זײַנען אָפּן דיל געפאַלן טעפּ און טעלערס. די לאַנגע הילצערנע לאָפּעטעס, מיט וועלכע איטע האָט אַזוי קונציק און הילכיק געשאַרט אָפּן דעק פונעם אויוון, אַראָפּוואַרפנדיק אָפּ די הייסע ציגל די געקאָכטע קרײַזן בייגל און בייגעלעך, זײַנען אין איין ווײַלע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שפּענדלעך. פרעמדע פלינקע הענט האָבן געשלעפּט פון שאַנק די אַלטע קישנס, דורכגעזאַפּטע מיט שמוץ, שוויס און שלעכטן רייעך. דער אַלטער מאַקאַר האָט אַרויסגעשאַרט פון הינטערן בעט צוויי קרומע פאַרזשאַווערטע גרינג־געוואָרענע לײַכטער און האָט זיי אַרײַנגערוקט אינעם בוזעם. דער פּי־הענדלער אַרכיפּ איגנאַטאָוויטש האָט אָנאַ שום זיך געהאַקט מיט דער האַק איטעס אַלט הילצערן בעט. פונעם אָפּן אויוון האָט מען פאַר די פיס אַראָפּגעצויגן דעם פּאָעט נויעך גורעוויטש, וואָס האָט זיך אין טויט־שרעק געטרייסלט. אין זײַנע הענט האָט געציטערט דער העפט, מיט וועלכן ער צעשיידט זיך קיינמאָל ניט.

— וואָס באַהאַלטסטו זיך? — האָט אַ געשריי געטאָן מאַקאַר און האָט אַ שטאַרקן זעץ געטאָן נויעכן מיטן לײַכטער איבערן קאָפּ.

נויעך האָט אַ קווישע געטאָן, האָט זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן איז אים דער העפט אַרויסגעפאַלן פון די הענט. די ציטערנדיקע פינגער האָבן זיך צוגעקלעפּט צו

די פארבלוטיקטע האָר. ער האָט זיך געבעטן באם אכזאָריעסדיקן מאקאר:

— מאקארעלע... טײַערינקער... מ׳דארפ ניט שלאָגנ...

— דו לײַגסט, זשידאָווסקע מאָרדע, איך וועל דיך קוילנ, ווי א כאזער. דו וועסט געדענקען מאקארנ אפ יענער וועלט...

— וואָס דינגסטו זיך מיט אים? שלאָג אים, דעם זשיד, קריסטוסעס מערדער! — האָבנ א געשריי געטאָנ די געלע וואָנסנ.

א נײַער קלאפ מיטנ לײַכטער אינ קאָפ ארײַנ האָט אומגעוואלגערט דעם פאָעט. נויעך איז געפאלנ מיט א צעקלאפטנ מויעך.

וואסקע דער קאָסאָקער האָט ארײַנגעיאָגט אינ שטאל ארײַנ נויעכס מוטער, די אלטע בוניע, האָט זיך איבער איר איזדעקעוועט, האָט זי שטארק אונ ווייטעקדיק געשלאָגנ. ער האָט אראָפּגעריסנ די שמוציקע שמאטעס, וואָס האָבנ צוגעדעקט איר אויסגעטריקנטע הויט אונ ביינער, אונ האָט געשענדעט די אלטע.

— ביסט א געשמאקע באבע. בונקע... א שאָדנ, וואָס ביסט א זשידאָווקע אונ אנ אלטע, — האָט וואסקע געשעפטשעט...

בוניעס אָפּגעניצעוועט שוואך הארצ האָט ניט אויסגעהאלטנ פונ דער נערוועזער אָנשטרענגונג אונ פונ שרעק אונ האָט אופגעהערט צו קלאפנ. באנאכט האָט מענ די אלטע געפונענ א טויטע אינ שטאל.

דערוויסנדיק זיך וועגנ דעם פאָגראָם, איז מיכאָעל פינכאסיק ארויסגעשפרונגענ אפ דער גאס מיט א רעוואָלווער אינ דער האנט. אָבער דערזעענדיק די ווילדע סטיכיע אונ דעם מעשוגענעם טויטנ־טאנצ, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, האָט אָפּגעטראָטנ אפּצוריק צו זיך אפנ הויפ אונ האָט זיך אינ שרעק א לאָז געטאָנ אפנ בוידעמ. דאָ איז ער אָפּגעלעגנ א גאנצנ מעסלעס, פארגראָבנדיק זיך אינעמ טעכלע שטרוי אונ אינ די היבלענקעס.

— ניט קיינ לעבנ, נאָר א שרעקלעכער גענעמ, קיינ שום נערווג, קיינ שום קראפט וועט ניט אויסהאלטנ אזא אָנשטרענגונג... מ׳דארפ לויפנ... גיכער לויפנ... וווהינ עס זאָל ניט זײַנ,

כאָטש אפּן דעק פונעם יאם, — האָט מיכאָעל גערעדט מיט זיך אליין אונטערן שטרוי, ציטערנדיק פאר שרעק.

די גאס איז מעשוגע געוואָרן. די ווילדע געשרייען און די געוויינען, די קלעפּ פון די העק, דאָס קלינגען פונעם גלאָז און דער טראסק פון די אויסגעדרייטע ראמען און טירן האָבן דערלאנגט אין די געהירן און האָבן געשטאָכן, ווי מיט שארפע קינזשאלן.

מײַן פאָטער האָט זיך געריסן אפּ דער גאס, אָבער ער האָט ניט געקאָנט איבערלאָזן די מוטער, וואָס איז שיר ניט אראָפּ פון זינען פאר שרעק און שוידער, און די אומבאשיצטע קינדער, און ער האָט זיך נערווירט און געליטן.

מײַן מוטער איז געלאָפן איבערן צימער, האָט פארבראָכן די הענט, האָט געקלאָגט, האָט ניט געוווסט, וואָס צו טון. די פענצטער און די טירן זײַנען בא אונדז געווען פארקלאפּט. אין שטוב איז מען געזעסן אין דער פינצטער...

אָט לייגט די מוטער ארײַן די קליינע קינדער אין בעט ארײַן, דעקט זיי צו מיט פארשיידענערליי שמאטעס איבער די קעפּ, אָט נעמט זי זיי אפּ די הענט, קושט זיי און באוויינט זיי, אָט באהאלט זי זיי אפּן אויוון צי אונטערן בעט, אָדער נאָך ערגעצווו.

די קינדער האָבן, ווי דערשראָקענע פייגעלעך, געעפנט די מײַלער, געפּישטשעט, האָבן זיך פּעסט אָנגעכאפּט פאר דער מוטערס האלדז און האָבן פון איר ניט געוואָלט אוועקגיין...

— מאמע, איך האָב מוירע אונטערן בעט... איך וויל צו דיר, — האָבן די קינדער געוויינט.

— שטילער, קינדער... מ'טאָר ניט וויינען... מ'וועט דערהערן אפּ דער גאס, — האָט די מוטער געזאָגט.

און די קליינע קינדער פלעגן אינסטינקטיוו פארשטיין די געפאר און אופהערן צו וויינען. זיי פלעגן נאָר אויסציִען זייערע הענטלעך פון אונטערן בעט.

— כ'האָב מוירע צו זײַן אונטערן בעט... איך וויל צו דיר, — האָבן די פּיצלעך שטילערהייט זיך געבעטן.

און די מוטער האָט זיך מיט זיי געטראָגן איבערן צימער, צוהערנדיק זיך צו יעדן רויש אפ דער גאַס.

— נערוויר זיך ניט ראָסי... מוטשע ניט די קינדער... זעצ זיך אנידער אפ איין אָרט... לויף ניט ארום... — האָט דער פּאָטער גערעדט מיט אן אומנאטירלעך קאָל, אליינ קאם אײַנהאלטנדיק די אופרעגונג.

ער האָט אנידערגעזעצט די ייִנגערע שוועסטער כאסיען און טעמען צו זיך אפ די קני און האָט זיי אָנגעהויבן דערציילן אן אראבישע מײַסע וועגן א יאם־כײַע, וואָס אפ איר רוקן איז, ווי אפ אן אינדזל, ארופגעקומען נאָך א שיפ־ברוך דער רײַזנדער סינדבעב. די קינדער האָבן שלעכט געהערט די מײַסע, האָבן זיך מער צוגעהערט צו דעם, וואָס עס טוט זיך אפ דער גאַס.

די מוטער האָט זיך אנידערגעזעצט באַם טיש. אפ די הענט האָט זי געהאלטן צוויי קלײנע קינדער — העניען און דווירען. דאָס עלטערע מיידעלע איז געווען אלט עטוואָס מער פון צוויי יאָר, דאָס ייִנגערע — עטלעכע כאדאָשים.

פון דער גאַס זײַנען אהער דערגאנגען שוידערלעכע געשרײַען. די מוטער האָט אופגעציטערט, האָט זיך אופגעהויבן פונעם אָרט, איז געלאָפן איבערן צימער און שווער געזיפצט.

— אוי, ווײ איז מיר, וואָס טוט זיך עס אפ דער וועלט...

— בארויִק זיך, ראָסי...

און די מוטער האָט זיך נאָכאמאָל אנידערגעזעצט מיט די קינדער באַם טיש.

א שטארקער זעץ אין לאָדן מיט עפּעס א שווער געצײַג — א לאָם צי א האַק — האָט פארטויבט אונדזער שטוב. די שויבן האָבן א קלונג געטאָן און האָבן זיך צעשאָטן אפן דיל. די קינדער זײַנען אין שרעק אראָפגעשפּרונגען פונעם פּאָטערס קני, האָבן זיך געכאפּט פאר די קעפּ און זײַנען מיט א געוויין ארויסגע־

לאָפֿנ נאָכ דער מוטער אינ קיכ אריַינ. דער פאָטער איז בלאס געוואָרנ, ווי ליַיווונט. ער האָט זיכ אופגעהויבנ פונעם בענקל, האָט מיט דער האנט אָנגעטאפּט דעמ רעוואָלווער, וואָס איז געווענ באהאלטנ בא אימ אינ קעשענע, האָט אימ ארויסגענומענ, א דריי געטאָנ דעמ ציַלינדער, באטראכט די קוילנ אונ האָט זיכ צוגעהערט צו דער באגעגעניש, צו פארטיידיקונג אונ צומ טויט...

— שטעלט זיכ דאָ ניט אָפּ... צו ראָגינסקינ קומט... דאָ וועט איר גאָרניט געפינענ... דאָרט איז געדיכטער... אונ עס איז פאַראנ וואָס אויסצוטרינקענ, — האָט פונ דרויסנ געשריִענ אונ געווילדעוועט דער האמוינ.

אונ די ווילדע מענטשנ האָבנ זיכ מיט א געשריי אונ א געפּילדער, אינ א מעשוגענער שטופּעניש אונ שפּרינגעניש געלאָזט פונ אונדזער הויז צו איציק ראָגינסקיס שענק. יעדערער האָט מוירע געהאט צו פארשפּעטיקנ אונ האָט געיַילט נאָכנ רויב, שטופּנדיק איינס ס'אנדערע, שטרעבנדיק צו קומענ דער ערשטער אפנ אָרט.

ראָגינסקיס שענק אונ ווינונג האָט מענ אפּ א ווילדנ אויפנ צעגראָמירט, — אסאכ האָבנ זיכ אָנגעטרונקענ אונ האָבנ זיכ טאַקע דאָ געוואלגערט שיקערערהייט. די לופט איז געווענ אָנגעזאפּט מיט געשרייענ אונ מיט זידלערײַענ. די סטיכיִע האָט זיכ אריבערגעטראָגנ אויכ אפּ אנדערע היַיזער. מ'האָט געבראָכנ שויבנ אונ שפּיגלענ. מ'האָט געריסנ איבערבעטנ אונ קישנס. מ'האָט געבראָכנ מעבל. די פרויענ האָבנ פאר אלעמענ אינ די אויגנ אָנבושע ארָאָפּגעוואָרפנ פונ זיכ די אלטע שמאטעס, האָבנ זיכ אויסגעטאָנ נאקעט אונ זיכ דאָ גליַיכ אפנ אָרט איבערגעטאָנ אינ בעסערע קליידער, זיכ פארפּוצט אינ מאָדישע היט. די מענער האָבנ געביטנ די צעריסענע שטיוול אפּ שיכ, האָבנ זיי אָנגעטאָנ אפּ די הוילע פיס. די מער־אויסגערעכנטע האָבנ צונויפגעבונדנ פארשיידנערליי זאכנ אינ גרויסע קלומקעס, האָבנ זיי ארופגעוואל־

גערט אפ די פלייצעס אונ רוקנס אונ געײַלט אהיימ, קעדיי צו
באוויַיזנ זיכ אומקערנ נאָכ נײַעמ רויב.

דער האלב־שיקערער ארכיפ איגנאטאָוויטש האָט נאָכ זיכ גע־
שלעפּט כאָנע דעמ באשלאָגלערס ציג, א צוגעבונדענע אפ א
שטריקל, אונ האָט וויינענדיק צו איר גערעדט:

— מײַנ טײַערע ציג, דאָס גאנצע לעבנ האָבנ דיכ די זשידעס
געשענדעט. איצט וועסטו שוינ זײַנ אנ אָרנטלעכע קריסטלעכע
ציג... דײַנ באלעבאָס רופט מענ ארכיפ איגנאטאָוויטש, לויטנ
צונאָמענ פינטשוק... דאָס בינ איכ דער זינדיקער... פארגעדענק...
אינ נאָמענ פונעמ פאָטער אונ דעמ זונ אונ דעמ הייליקנ גײַסט...
אָמיינ...

שאָלעמ אונ סלאווע האָבנ צונויפגעזאמלט אפנ בייסוילעמ
אפ אנ אָפגערעדט אָרט די ארבעטער־דרוזשינע פונ זעלבסטשוצ,
וועלכע זיי האָבנ מיט עטלעכע וואָכנ צוריק אָרגאניזירט. אינ דער דרו־
זשינע זײַנענ ארײַנגעגאנגענ א מענטשנ פינפ אונ צוואנציק זיכע־
רע ארבעטער, דערינטער עטלעכע רוסישע אונ איינ פוילישער.

מײַנ פאָטער איז אויכ געווענ אינ אָט דעמ אָטריאד.

ווענ פראָימ סטאָליער האָט זיכ צו אונדז דורכ די הינטערש־
טע הויפנ דורכגעכאפּט אָנצוזאָגנ וועגנ דער פארזאמלונג פונ דער
דרוזשינע, האָט זיכ די מוטער אנידערגעשטעלט מיט דער פליי־
צע צו דער טיר אונ האָט אויסגעשריגנ:

— איכ וועל דיכ ניט לאָזנ, עלי, אינערגעצ וועל איכ דיכ
ניט לאָזנ... אפ וועמענ לאָזסטו אונדז איבער אינ אזא שרעק־
לעכער צײַט? מ'קאָנ דענ איצט גיינ אפ דער גאס? זיי וועלנ דיכ
דערהארגענענ... זיי וועלנ דיכ געוויס דערהארגענענ...

דער פאָטער האָט געשוויגנ, ער האָט זיכ געקווענקלט אונ האָט
זיכ אפ קיינ פאל אפ גאָרניט ניט געקאָנט באשליסנ. אָבער דער
שרעקלעכער אויסזענ פונ דער מוטער אונ פונ די דערשראָקענע
קינדער, זייער ראכמאָנעסדיק, פארשטיקט כליפּענ האָט די זאכ
אנטשידנ. דער פאָטער איז געבליבנ אינדערהיימ. ער האָט ארויס־

גענומען פון דער קעשענע דעם רעוואָלווער און האָט זיך גע־ווענדעט צו מיר:

— גיי, יאָסעף, אפ מײַן אָרט... נעם מײַן נאגאן... ביסט דאָך שוין א דערוואקסענער...

דערזעענדיק דעם רעוואָלווער, האָט זיך די מוטער אין שרעק א כאפ געטאָן באם קאָפּ, האָט פארמאכט די אויגן און האָט א געשריי געטאָן:

— ביסט מעשוגע, עלי! מ'מעג דען געבן א קינד א פּיסטאָ־לעט! ער קאָן נאָך צופעליק עמעצן דערשיסן און עפּשער נאָך זיך זעלבסט... און וווהין שיקסטו אים אין אזא צײַט?.. מ'דאַרף ניט. אינערגעץ, זון מײַנער, גיי ניט... זיצ אינדערהיים... אויב אונדז איז באשערט צו שטארבן, איז לאָמיר שטארבן אלע אינאיינעם...

זי האָט אראָפּגעלאָזט די קינדער אפן דיל, האָט מיט געכאפּט פאר די הענט, צוגעצויגן צו זיך, געקושט אין שטערן, אין קאָפּ, אין די אויגן און האָט אלץ געשריגן:

— איך וועל דיך אינערגעץ ניט לאָזן, מײַן טײַערער זון... זיי וועלן דיך דאָרט דערהארגענען... אפ דער גאס איז א פּאָגראָם... מ'הארגעט יידן... פאָלג קיינעם ניט. גיי ניט אינערגעץ.

די קינדער האָבן געוויינט.

— קום צו זיך, ראָסי. גיב א קוק, וויאזוי די קינדער ציטערן. דו האָסט זיי דערשראָקן אפ טויט. האָב אפ זיי ראַכ־מאָנעס. לאָז צורו יאָסעפן. ער איז שוין א גרויסער און ווייסט אליין גוט, וואָס ער האָט צו טון.

די מאַמע האָט מיך צורו געלאָזט, האָט נאָכאמאָל גענומען אפ די הענט די קינדער און האָט זיי אָנגעהויבן צו בארויקן.

— נו, וואָס־זשע הײַעט איר זיך? — האָט דער פאָטער גע־זאָגט, זיך ווענדנדיק צו מיר און צו פראָימען, — מ'וואַרט אף אײַך, גייט גיכער. זײַט פאָרזיכטיק.

איך האָב ארײַנגערוקט דעם רעוואָלווער אין קעשענע ארײַן,

בינ מיט פראָימענ ארויסגעגאנגענ פונ דער היים, אונ מיר האָבנ־
זיכ מיט די הינטערשטע הויפנ דורכ די פּלויטנ דורכגעכאפּט אפנ
בייסוילעם. אינ די אויערנ האָט געקלונגענ דער מאמעס שארפער
געשריי:

— גיי ניט... איכ וועל דיכ ניט לאָזנ...

„אָרעמע אומגליקלעכע מוטער", — האָב איכ דעם גאנצנ וועג
געטראכט, — „ס'ארא ווילד אונ אומזיניק לעבנ דו האָסט".

אפנ בייסוילעם איז שוינ געווענ פארזאמלט קימאט די גאנ־
צע דרוזשינע. שאָלעם האָט געגעבנ די לעצטע אָנווייזונגענ:

— אינ מענטשנ זאָלט איר שיסנ נאָר אינ די סאמע נייטיקע
פאלנ... אונ בעסער איז איינגאנצנ אינ זיי ניט שיסנ... ניט פאר־
טערנ אומזיסט קיינ קוילנ. ניט צעגיינ זיכ אינ די זייטנ. ווי־
וויַיט מעגלעכ זיכ האלטנ אלע צוזאמענ. גייט אינ א קייט.

מיר זיַינענ ארויסגעגאנגענ אפ דער גאס אונ האָבנ זיכ שווייַגנ־
דיק געלאָזט גיינ אינ דער ריכטונג צו ראָגינסקיס שענק.
שאָלעם אונ סלאווע זיַינענ געגאנגענ פאָרויס.

די גאס האָט געווילדעוועט. דער שטויב, דורכגעמישט מיט
פעדערנ, מיט אנ אומענטשלעכ פארשיידנשטימיק וויענ אונ מיט
געדיכטע זידלערייַענ, האָט געסאמט די לופט. די ווילדע דורכ קיינעם
ניט איַינגעהאלטענע סטיכיע איז ארויסגעגאנגענ פונ די ברעגעס
אונ האָט זיכ מיט א טראסק אונ א טומל געקייַקלט איבער דער
גאס, ווארפנדיק א שרעק אונ א שוידער אפ יעדער לעבעדיק
באשעפעניש.

מיר האָבנ זיכ אָפּגעשטעלט באַם זייפ־זאוואָד. דער האמוינ,
א פארטאָגענער אינעמ ראבעוועג, האָט אונדז לאנג ניט באמערקט.
דערזעענדיק אונדז, האָט ער זיכ אפ אונדז א וואָרפ געטאָנ מיט
א ווילדנ געשריי אונ געהויל:

— די זשידעס זיַינענ געקומענ...

— שלאָג די זשידעס...

מיר האָבנ זיכ צעשאָטנ אינ א קייט. עס האָבנ א קנאל

געטאָן עטלעכע שאָסן. דער האַמוינ האָט זיך אַ רוק געטאָן צוריק. אַן אומבאַשרײַבלעכע פּאַניק האָט אים אַרומגעכאַפּט. וואַרפנדיק די אָנגעראַבעוועטע קלומקעס, קלאַמערנדיק זיך אין זיי, שטויסנ־דיק איינס ס'אַנדערע, פּאַלנדיק אַף דער ערד און אופהייבנדיק זיך, האָבן מענטשן, ווי די מעשוגאָים, מיט אַרויסגעקראָכענע אויגן, אָנגעגאָסענע מיט בלוט, זיך געוואָרפן דורך די פּאַרקאַנס, געבראָכן די טירלעך, געזוכט שוץ אַף די פוסטע פּלעצער און אין די הויפן פון די יידן, וואָס האָבן זיך אַליינ באַהאַלטן. קיינ שום זאַך האָט זיי ניט געקאָנט באַרויקן.

אופהייבנדיק די ברייטע פּאָלעס פון זייַנ לאַנגן גאַלעכ־ראָק און צוהאַלטנדיק זיי מיט דער האַנט, זיי זאָלן זיך ניט פּלאָנטערן פאַר די פיס, אַ נאַסער פון שווייס, איז דער פּאָטער אַפאַנאַסי געלאָפן אָן אַ היטל מיט האָר, צעפּאַטלטע פונעם ווינט, האָט שווער געאָטעמט, זיך געצייילעמט און דערביי געזעדט:

— פּאָטער אין הימל, יעזוס קריסטוס! ראַטעווע מיך, דעם זינדיקן!

אַפן ראָג פּאָליצייסקע און אינוואַלידנע גאַס האָבן זיך באַוויזן קאָזאַקן. זיי האָבן זיך געטראָגן מיט הוילע שווערדן גלײַך אַף אונדז. מיר האָבן אָנגעהויבן אָפּצוטרעטן אין דער ריכטונג צו קיטײַטשיקס הויז מיט דער האָפענונג צו געפינען אַ באַהעלטעניש בײַ אים אין גאָרטן...

די ביקסן האָבן געזומען קנאַקן, אַ יאַם קוילן האָט אונדז באַגעיאָגט, דורכשנײַדנדיק די לופט מיט זייער שרעקלעכן מע־טאַלענעם זשומזשען.

דז...דז...דז...— האָט אין די אויערן געזשומושעט אַ בלײַע־נער רעגן.

אייניקע זײַנען אומגעפאַלן, אָנכאַפּנדיק זיך באַם האַרצן אָדער באַם קאָפּ. אַנדערע זײַנען ווײַטער אָפּגעטראָטן, שיסנדיק אַפצו־ריק. די קאָזאַקן האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ קייט און האָבן אופגעעפנט אַ שטאַרק פײַער.

און פּלוצעם... אָ, ס'אַרא שרעק!.. סלאַווע האָט זיך אַפּ אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און איז אומגעפאַלן אַפּ דער ערד, ווי אונטערגעשניטן גראָז. פון איר רעכטן שלייף האָט אַ פּלייץ געטאָן אַ טונקל־רויט שטראָמעלע בלוט, דאָס פּאָנעם איז גלײַך בלוי געוואָרן. די שווערע אויגן־הײַטלעך האָבן זיך הילפלאָז אַראָפּגעלאָזט און האָבן אָפּשטענדיק צוגעדעקט אירע אויגן. אַפּ די ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל.

שאָלעם האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַפּ די קני. האָט געכאַפּט סלאַווען פאַר דער האַנט, האָט זי געטאָרקעט, געוועקט, אָבער סלאַווע איז געלעגן אומבאַוועגלעך. שאָלעם האָט צעריסן זײַן סאַטינענע העמדל, האָט עס מיט דער האַנט צונויפגעקנייטשט, האָט עס צוגעלייגט צו סלאַוועס דורכגעלעכערטן שלייף.

— סלאַווע, וואָס איז דיר? צי דען? — האָט זיך באַ שאָלעמען אַרויסגעריסן אַ שווערער זיפץ.

— שאָלעם, וואָס איז מיט סלאַווען? — האָב איך אַ געשריי געטאָן.

— שרײַ ניט! דער קאָפּ דרייט זיך אַזוי אויך, — האָט מיך שאָלעם מיט קאַס איבערגעריסן.

— זאָג, וואָס איז מיט סלאַווען? זי לעבט? — האָב איך איבערגעכאַזערט די פראַגע.

— ניין...

— ביסט אַראָפּ פון זינען, שאָלעם...

באַ מיר האָט זיך אַלץ אינעווייניק אָפּגעריסן. דאָס האַרץ האָט זיך צונויפגעדריקט, האָט שטאַרק אָנגעהויבן צו קלאַפּן. עפּעס האָט דאָרט ווייטעקדיק געגומען בויערן... עס האָט פאַרפּעלט לופט. דער קאָפּ האָט זיך געדרייט. די פיס האָבן זיך אונטערגעהאַקט, איך בין אַנידערגעפאַלן אַפּן מעס.

— ס'ניט עמעס, ס'קאָן ניט זײַן, זי לעבט.

די קאַזאַקן האָבן זיך דערנעענטערט. שאָלעם האָט געכאַפּט

סלאוועס אפ די הענט, האָט זי ארופגעוואָרפן אפ דער רעכטער פלייצע און האָט זיך געלאָזט לויפן אין דער ריכטונג צו קיטײַ־טשיקס גאָרטן. סלאוועס הענט האָבן זיך הילפלאָז געבאָמבלט אפ שאָלעמס פלייצע.

— יאָסעף, פארהאלט זיך ניט, די קאזאקן זײַנען גאָר נאָענט פון אונדז. לאָמיר גיין גיכער...

מיר איז געווען אלציינס, וווהין צו גיין. איך האָב זיך אוועק־געשלעפט נאָך שאָלעמען.

דז... דז... דז...— האָבן אונדז די קוילן נאָכגעיאָגט.

— שפרינג אריבער איבערן פלויט, איך וועל דיר איבער־געבן סלאוועס. לאָמיר זי דערווײַל באהאלטן אין גראָז,— האָט שאָלעם צו מיר געזאָגט, פארסאפענדיק זיך פונעם לויפן און פון דער מאסע.

איך בין אוועקגעלאָפן פאָרויס, בין דורכגעפלויגן דורך א פלויט, האָב געכאפט אפ די הענט דעם מעס, וואָס שאָלעם האָט מיר איבערגעגעבן, אָבער איך האָב זיך מער ניט געקאָנט האלטן אפ די פיס און בין געפאלן איינעם מיטן מעס אפן גראָז.

דז... דז... דז...— זײַנען די קוילן געפלויגן איבערן קאָפּ.

שאָלעם האָט זיך אופגעהויבן אפן פארקן. און פלוצעם האָט ער זיך פון אים אָפגעריסן און איז מיטן קאָפּ אראָפּ א פאל געטאָן אפ דער ערד.

— וואָס איז דיר, שאָלעם? — בין איך צוגעלאָפן צום פלויט.

שאָלעם איז אומבאוועגלעך געלעגן אפ יענער זײַט פארקן.

איך בין געשטאנען אַן איינזאמער, ווי אַן אומגעלומפערט סטארטשנדיקער קימען אפ א כורווע, וועלכן קיינער דארף ניט האָבן, און האָב זיך ניט גערירט פונעם אָרט. וווהין גייט מען? פון ביידע זײַטן זײַנען טויט געלעגן שאָלעם און סלאווע, אָפּ־געטיילט איינער פונעם אנדערן מיט ניט קיין הויכן פלויט. איך האָב א קוק געטאָן אפ שאָלעמען. ער איז געלעגן אין א קאליוזשע בלוט, דעם קאָפּ ארײַנגעשטעקט אין דער ערד. איך האָב א קוק

געטאָן אפּ סלאַוועס. זי איז געלעגן אין גראָז א בלויע, מיט א פארגליווערטן שמייכל אפן פּנים.

אלע זיינען שוין לאַנג אוועקגעגאַנגען. איך בין געבליבן אליין, ווי צוגעוואַקסן צו די מייסים, און האָב זיך ניט געקאָנט רירן פונעם אָרט.

עס איז געווען שוידערלעך. אין די אויערן האָט געקלונגען. מיר האָט זיך פּלוצעם אויסגעוויזן, אַז סלאַווע לאַכט. איך האָב קלאָר געהערט איר געלעכטער. שאַלעם האָט אויך געלאַכט. אלע ארום האָבן געלאַכט.

— האַלוצינאַציעס... איך גיי אַראָפּ פונעם זינען, — האָט זיך בא מיר אין קאָפּ דורכגעטראָגן א געדאַנק, פלינקער, ווי א בליץ.

עס איז געוואָרן שרעקלעך. איך האָב מוירע געהאַט פאַר די מייסים, וואָס זיינען מיר געווען טייער. אין א שווערער נער־ווען־אָנשטרענגונג, אָנכאַפנדיק זיך מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ, האָב איך אָנגעהויבן ווילד שרייען.

— כאַ־כאַ־כאַ... כאַ־כאַ־כאַ... — האָבן די טויטע מיר אָפּגע־ענטפערט.

איך האָב געשריגן, וויפל ס'איז אין מיר געווען קויעך.

— דו ביסט משוגע געוואָרן, דו ביסט פיינויש באַראָן, — האָט עפּעס געקלאַפּט אין די שלייפן און אין די געהירן, אויס־געטריקנטע פאַר שרעק.

מיינע נערוון האַלטן ניט אויס. די קויכעס פאַרלאָזן מיך. איך פאַל אין כאַלאָשעס אפן גראָז.

צענט קאפיטל

אנ אויג פאר אנ אויג.

אפ דער לעוויַע פונ די פּאָגראָם־קאָרבאָנעס זײַנען בײַגעווען בלויז די נאָענטע אונ די קרויווים פונ די דערהארגעטע. קיינ אנדערע האָט די פּאָליציי ניט צוגעלאָזט.

די מייסים זײַנען געלעגנ בא די אָפענע קוואָרים אפ אײַליק־צונויפגעקלאפּטע מיטעס, צוגעדעקטע מיט שמוציקע אונ צעריסענע קאָלדרעס.

דער אלטער ראָוו פונעם בייסוילעם־שולעכל האָט געהאלטנ א נודנע דראָשע וועגנ יענער וועלט, וועגנ דער נישטיקײַט פונעם ערדישנ לעבנ, וועגנ דעם גאניידנ אונ גאָטס גענאָד, וועלכער איז מויכל די קעדוישים די אוויירעס.

די פרויענ האָבנ הויכ געוויינט, האָבנ געבראָכנ די הענט, האָבנ געלויבט די טויטע.

— אזא בוים אומגעוואלגערט... אזא ליכטיקער קאָפּ... אזא גאָלד איז ניט געווענ אינ דער גאנצער שטאָט, — האָט שאָלעמס מימע געקלאָגט.

די אלטע כײַע, סלאוועס מוטער, איז הייזעריק געוואָרנ פונ געוויינ, האָט אפ זיכ געריסנ די האָר, זיכ געוואָרפנ אפ דער טאָכטערס קערבער אונ האָט געשריגנ, ווי אנ אפיקוירעס:

— ניט קיינ גאָט זיצט אפנ הימל, נאָר א מערדער אָנ א הארצ. וויאזוי קאָנ מענ עס דערלאָזנ, עס זאָל אומקומענ אזא

יונג לעבן? טאָכטער מײַנע טײַערע, כאַפּ זיך אוף. דערהער די מוטער דײַנע...

דער ראָוו האָט געענדיקט זײַן דראָשע. די מייסים האָט מען אראָפּגענומען פון די מיטעס, מ׳האָט זיי פאָרזיכטיק אראָפּגעלאָזט אין די קוואָרים. דער ראָוו האָט אינדערהייך דערמאַנט יעדן געשטאָרבענעם זײַן נאָמען אַפּ דער ערד, קעדיי ער זאָל אים ניט פארגעסן אַפּ יענער וועלט.

— דיך רופט מען שאָלעם, פארגעדענק, — האָט ער געזאָגט, אײַנבייגנדיק זיך איבערן קייווער, — שאָלעם, פארגעדענק דײַן נאָמען...

די לאָפּעטעס האָבן אײַליק גענומען ארבעטן. איינער נאָכן צווייטן זײַנען געוואקסן די פרישע קוואָרים. דער כאָזן פון דער בייסוילעם־שול האָט גענומען זינגען.

— גאָט, וואָס איז פול מיט ראכמאָנעס...

שוידערלעכע געשרייען און געוויינען פארטויבן דעם כאזנס הייליקע צוויַיעס.

רעב באָרעך שטייט שווײַגנדיק. דאָס געזיכט איז בא אים א צעקלאַפּטס, אין סיניאקעס, די באָרד איז אויסגעריסן, די אויגן פארשוואָמענע, זיי יאַטערן זיך. זײַן בליק איז ניט קיין טיפער, גיכער אפילע אַן אויבערפלעכלעכער, א גלײַכגילטיקער. ער רעאַגירט קימאַט ניט אַפּ דעם, וואָס ארום אים טוט זיך. ער רירט זיך ניט פונעם אָרט, ווען מ׳לאָזט סלאָוועס אראָפּ אין קייווער ארײַן. ער שטייט אומבאַוועגלעך אויך דאַן, ווען די קוואָרים זײַנען שוין פארשטאָנ מיט ערד און דער אוילעם גייט זיך פאַנאַנדער אהיים.

— טאַטע, לאָמיר גיין אהיים, — רופט אָשער רעב באָרעכן און נעמט אים פאַר דער האַנט.

באָרעך הייבט אומבאַוועגלעך אוף די פארשוואָמענע אויגן אַפּן זון.

— האַ? דו זאָגסט עפּעס? — פרעגט ער. — אהיים?

— יאָ...

און ביידע לאָזן זיי זיך גיין צום ארויסגאַנג.

די איינוווינער פון פּאָליצייסקע גאַס באַלייטן מיט די בליקן רעב באָרעכן, וואָס גייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, זיי האַלטן קאַם איין די טרערן און. די זיפצן, זיי בייסן די ליפּן פאַר ווייטעק און לאָזן האָפענונגלאָז אַראָפּ די הענט.

באָרעך קומט אַהיים, טוט אויס די שטיוול און זעצט זיך אײנייִעם מיט דער גאַנצער פאַמיליע שיווע — באַוויינען די אומגעקומענע טאָכטער.

זיבן טעג דויערט דער טרויער אין באָרעך קיטײַטשיקס אומעטיק צימערל. זיבן טעג שווערע, ווי די געוויכטן, און פינצטערע ווי די פרישע קוואָרים. די אײַנוווינער פון פּאָליצייסקע גאַס גייען אַרײַן, ווי ס׳פירט זיך, מענאַכעם־אָוול זײַן, טרייסטן די פאַמיליע, וועלכע איז דערשלאָגן פונעם אומגליק, וואָס האָט זי געטראָפן. מ׳גייט אַרײַן, מ׳שטעלט זיך שוויַיגנדיק בא דער טיר, מ׳לאָזט אַראָפּ די אויגן צום דיל, ווי מ׳וואָלט זיך שעמען צו קוקן אין פּאָנעם אַרײַן די מענטשן, וואָס זיצן שיווע. מ׳שטייט עטלעכע מינוט, מ׳דרייט זיך שוויַיגנדיק אויס פונקט אזוי שטיל, ווי מ׳איז געקומען, ניט אַרויסרעדנדיק קיין איינציק וואָרט.

אויך מײַן מוטער קומט מענאַכעם־אָוול זײַן.

דער מינהעג דערלויבט ניט צו גריסן זיך מיט די מענטשן, וואָס זיצן שיווע. בײַם אַזאַ גרויסן אומגליק פּאַסט ניט קיין שום באַגריסונג, קיין שום ווונטש — עס קלינגט ווי ניט קיין אָנשטענדיקער שפּאַס. אָנשטאָט גריסן זיך הוסט מײַן מוטער ניטנאַטירלעך און שאָקלט מיטפילנדיק מיטן קאָפּ.

— וואָס זאָגט איר אָפּ אונדזער אומגליק, ראָסי? — זאָגט כײַע מיט טרערן אין די אויגן, ניט אופשטייענדיק פונעם אָרט.

— וואָס זאָל איך זאָגן, כײַע? א גרויסער אומגליק האָט געטראָפן, — ענטפערט מײַן מוטער.

כײַע וויינט הויך און ביטער.

— קיין טרערן וועלן ניט העלפן, כּײַע. מ׳דאַרף זיך נעמען אין די הענט, — רעדט יוּיִטער מײַן מוטער, אויסווישנדיק מיט דער פאָלע פונעם שמוציקן קליידל אירע אייגענע טרערן. — אַפּ יעדער זאַך איז גאָטס ווילן. ער האָט געגעבן, ער האָט צוגענומען...

אַלע וויינען, עס וויינט אויך מײַן מוטער.

בלויז דער אַלטער באָרעך וויינט ניט. ער שווײַגט. זײַן פּנים איז פינצטער. עפּעס אַ קלאָפּיקער געדאַנק בויערט זײַנע געהירן און ווענדעט אים אָפּ פון אַלץ, וואָס ס׳קומט פאָר אין שטוב. אַ פאַרנומענער מיט זײַן געדאַנק, באַמערקט ער קיינעם ניט, הערט ניט, וואָס מ׳רעדט, זעט ניט די טרערן.

— וואָס איז אײַך, רעב באָרעך? — פרעגט טרויעריק מײַן מוטער.

— האַ? — ציטערט קיטײַטשיק נערוועז אויף. — גאָרניט...

— מ׳טאָר זיך אַזוי ניט נעמען צום האַרצן, רעב באָרעך.

קיטײַטשיק שווײַגט.

מײַן מוטער זיפצט: עך־כע־כע...

זי קומט אַהיים אַ צעבראָכענע און קאָן זיך לאַנג ניט באַרויִקן.

די צײַט גייט. רעב באָרעכן איז אינגאַנצן ניט צו דערקענען. דאָס פּנים האָט בײַ אים באַקומען אַן ערד־קאָליר, די באַקן זײַנען אײַנגעפאַלן, די נאָז האָט זיך אויסגעצויגן, די רויטע אויגן סטאַרטשען אַרויס; ער איז ווייניק אינדערהיים, עסט און טרינקט ווייניק, ער לויפט אום איבער דער גאַס אין אַ צעריסענעם פּאַלטאָ, פון וועלכן עס קוקן אַרויס שטיקער שמוציקע וואַטע, אָן אַ היטל, אַ באָרוועסער און שרײַט ווילד:

— גאָט פון אַווראַם, פון איצכעק און פון יאַנקעוו... האָ־האָ, דער בייסהאַמיקדעש ברענט, לעשט, ייִדן...

— באָרעך דער מעשוגענער, — רייצן זיך מיט אים די קינדער.

רעב באָרעך דרייט זיך אַרום רעם בעסוילעם־שולעכל מיט אַ

בינטעלע היי, שטרוי אָדער מיט א שפּענדל אין האַנט. ער זאַמלט אָט דאָס גוטס אין א קליין גריבל בא דער שול.

— נאָכוואָס דאַרפסטו, באָרעך, היי, שטרוי און שפּענדלעך?

רעב באָרעך שווייגט. ער ווייסט גוט, נאָכוואָס ער דאַרף די דאָזיקע זאַכן האָבן. אָבער ער וויל בעשומויפן ניט דערציילן זיין טיפן סאָד.

דאָס איז געווען שוין לאַנג. אַף דער גאַס האָט געלויכטן די זון, און אַפן דיל אינעם בעסמעדרעש־שולעכל איז באַנאַנד מיט אַנדערע צעקאַליעטשעטע טויטע קערפּערס געלעגן דער קערפּער פון זיין טאָכטער. מענטשן זיינען אַריינגעקומען און אַוועקגע־גאַנגען. מ'האָט די טויטע געמאָסטן. דער קאָפּ איז געווען שווער און האָט ווי געטאָגן. באָרעך האָט געקריצט מיט די ציין פון שרעקלעכן ווייטעק און פון באַליידיקונג. פאַרוואָס האָט מען דערהאַרגעט זיין טאָכטער? וויפל האָפענונגען זיינען בא אים געווען פאַרבונדן מיט איר! ווער מען איז געווען נייטיק אָט דער טויט? וועמען איז איצט נייטיק זיין לעבן? עס האָט זיך גע־גלוסט אַוועקלייגן לעם דער טאָכטער און, ווי זי, אַף אייביק פאַרמאַכן די אויגן. אָבער פּלוצעם האָט א גלענצנדיקער געדאַנק דורכגעבליצט אין זיין קראַנקן מויעך. דער געדאַנק איז רעב באָרעכן אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט אַרויסגעשטויסן די גאַנצע שווערקייט פון זיין קראַנקן קאָפּ, און אים איז גלייך גע־וואָרן לייכטער.

— אַן אויג פאַר אַן אויג, א צאָן פאַר א צאָן! — האָט עפּעס א שטים געשעפּטשעט באָרעכן די ווערטער פון דער טוירע. — דו דאַרפסט ניט שווייגן, גאָט האָט בא דיר צוגענומען די טאָכ־טער, נעם דו בא אים צו זיין הויז, צינד אונטער זיין בעסמעדרעש.

און באָרעך, געשטויסן פון אָט דער איינגעגעסענער שטים, טרעט אַריין אין א געהיימען קאַמף מיט זיין גאָט. באָרעך איז זיכער אין זיין זיג. ער ווייסט פון א קלאָלע, א מעכטיקע און א פאַר־ניכטנדיקע, ווי דער טויט! קיינער, אפילע גאָט אליין, וועט קעגן

איר ניט בײַשטײן! זאָל ער נאָר פּרוּװן! באָרעכ דריקט עס אויס אין זײַנ אויסגעשריי: האָ־האָ־האָ, װעלכנ ער לאָזט הערנ אפּ אונדזער גאס. קײנער פאַרשטײט ניט דעם טיפנ זינ פונ אָט די קרעפטיקע קלאַנגענ! קײנער הערט ניט אינ זיי די פאַרניכטנדיקע קלאָלע, װעלכע באָרעכ שיקט קריגעריש צו זײַנ גאָט! איז נאָכ בעסער... װעט נאָכ גרינגער זײַנ דער זיג...

— די שול ברענט! האָ־האָ־האָ... עס ברענט דאָס הויז פונ גאָט, דעמ גאָט פונ אװראָמ, איצכעק אונ יאַנקעװ, — שרײַט באָרעכ, װי א זיגער, צונויפזאַמלענדיק שטרוי אונ שפּענדלעכ אינ גריבל בא דעמ בייסוילעמ־בעסמעדרעש.

— מעשוגענער באָרעכ! װאָס דרייסטו זיכ ארומ ארומ דעמ בעסמעדרעש?

— האָ־האָ־האָ!

אונ װער קאָנ נאָכ נאָכדעמ צװײפלענ אינ רעב באָרעכס זיג?

אונ קיטײַטשיק לאכט שטיל, א צופרידענער מיט זיכ.

פאַרנאכט. בלײכע לאנגע שאָטנס ציִענ זיכ אויס אינ רעב באָרעכס פאַריאָסעמטע צימערל. א װײַש טוענדיק די האנט אינעמ פײַכטנ עמער, זאָגט כײַע אינ דער שטיל „גאָט פונ אװראָמ”. זי צינדט אָנ פײַער. די שאָטנס גייענ פאַמעלעכ אראָפּ פונ זייערע ערטער, קװעטשנ זיכ צונויפ אונ גײענ זיכ פאַנאנדער אינ די זײַטנ. כײַע נעמט די עמערס אונ גײט נאָכ װאסער.

רעב באָרעכ רײַסט זיכ אָפּ פונעמ אויװנ, גאַנװעט זיכ צו צומ טיש, קוקט זיכ אומ אינ אלע זײַטנ, כאפּט א פּעקעלע שװעבעלעכ, קװעטשט עס קאָנװולסיװ צונויפ אינ זײַנ האנט אונ אײַלט זיכ ערגעצ־װוהינ פונ דער שטוב ארויס.

— די שול ברענט! האָ־האָ! לעשט, יידנ! — שרײַט רעב באָרעכ.

אלע זײַנענ שוינ געװענ געװוינט צו דעמ דאָזיקנ געשריי, קײנער האָט ניט געלייגט קײנ אכט אפּ דעמ מעשוגענעמס קיטײַטשיקס רייד.

דעב באָרעכ לויפט צום בעסמעדרעש. דאָרט איז שטיל און פינצטער. דאָס אָוונטיקע דאוונען האָט זיך שוין לאנג געענדיקט, און אלע זיינען זיך צעגאנגען אהיים. דער לעצטער איז אוועקגעגאנגען דער האָרבאטער שאמעס עלי־מוישע. ער האָט צונויפגעלייגט די אלטע סידורים, באשפריצט דעם דיל מיט וואסער, אונטערגעקערט דאָס מיסט, האָט דערטרונקען דעם וויין, וואָס איז פארבליבן נאָך דער האוודאָלע, האָט א פריילעכן קרעכץ געטאָן און האָט אויסגעלאָשן דאָס פייער. ער האָט א וויש געטאָן מיט די פינגער די מעזוזע אפ דער טיר און א קוש געגעבן די פינגער, פארשלאָסן די טיר אפן שלאָס און איז רויק אוועקגעגאנגען אהיים, פארלייגנדיק די הענט אפ הינטן, ווי ער זאָל מיט זיי אונטערהאלטן דעם האָרב, ער זאָל פאר שווערקייט ניט אראָפפאלן אפ דער ערד. עלי־מוישע איז געווען צופרידן. וויין רופט בא אים ארויס א פריילעכע שטימונג. ער האָט ליב געהאט דעם שאבעס־צו־נאכטס און האָט אפ אים א גאנצע וואָך געוואַרט מיט אומגעדולד. ווען נאָך קאָן מען ארייַנכאפּן א ביסל וויין? סיידן עפשער אפ א כאסענע אָדער אפ א בריס. גיי טרעפ, ווען און בא וועמען עס וועט זיך טרעפן א כאסענע, ווען ווער עס וועט כאסענע האָבן אָדער געלעגן ווערן, בייס שאבעס איז דאָך אלע וואָך.

איבער דער גאס לויפט קיטייַטשיק.

— האָ־האָ־האָ!.. עס ברענט די שול! — שרייַט ער.

— בייס זיך אָפּ דייַן מעשוגענעם צונג! אלדאָס בייז אפ דייַן קאָפּ, מעשוגענער! מ'טאָר דען זאָגן אזוינע זאכן? אוי, ווערסט שוין אריַינכאפּן אפ יענער וועלט פאר אזוינע רייד, — וואָרטשעט עלי־מוישע.

— האָ־האָ־האָ! — שרייַט רעב באָרעכ און לויפט ווייַטער.

ער איז געקומען צו לויפן צו זייַן באליבט אָרט באם בעסמעדרעש. מיט ציטערדיקע הענט האָט ער אייַליק אָנגעטאפּט זייַן האָב־און־גוטס, וואָס ער האָט אזוי לאנג און פלייַסיק געזאמלט

אין גרוב לעם דעם סאמע בעסמעדרעש. ארומקוקנדיק זיך אין אלע זײַטן, האָט ער זיך פּאָרזיכטיק דערנעענטערט צום שול־פענצטער, וואָס גייט ארויס אפּן בייסוילעם, האָט צוגעלייגט דאָס פּאָנעם צום טונקעלן גלאָז און לאנג מיט אָנגעשטרענג־טע אויגן געקוקט, צי עמעצער איז דאָרט ניט געבליבן נעכטיקן. ווען ער האָט זיך איבערצײַגט, אז עס איז קיינער ניטאָ, האָט ער זיך מיט די אויסגעטריקנטע פינגער אײַנגעקלאמערט אינעם אונ־טערשטן ראנד פון דער האלב־פארפוילטער ראַם, האָט זי א ריס געטאָן צו זיך, און דאָס פענצטער האָט זיך צעעפנט. פון דער שול האָט א זעץ געטאָן א פארשטיקטער רייעך פון שימל און פײַכטקײַט. רעב באָרעך איז צוגעלאָפן צו דער גרוב, האָט א כאַפּ געטאָן זײַנע שפּענדלעך און די שטרוי, האָט זיך אומגעקערט צו דער שול און האָט עס אריינגעוואָרפן אינעם אָפענעם פענצטער. פלינק, ניט פאר זײַנע יאָרן, האָט ער זיך אופגעהויבן אפּ די הענט, האָט א שפרונג געטאָן דורכן בײַשטידל פונעם פענצטער און איז אין איינ אויגנבליק געווען אינעווייניק אין בעסמעדרעש. ער האָט גענומען פונעם דיל די שפּענדלעך און די שטרוי, האָט זיי אינדערפינצטער צוגעטראָגן צום אָרן־קוידעש, ווו עס זײַנען געשטאנען די טוירעס, און האָט זיי אקוראט צונויפגעלייגט אפּן ברעטל באַם סאמע אָרן־קוידעש. מיט א ציטערדיקער האנט האָט רעב באָרעך אָנגעצונדן א שוועבעלע. דאָס שוועבעלע איז פארלאָשן געוואָרן. ער האָט אָנגעצונדן א צווייטס. די שטרוי האָט זיך א ריר געגעבן, זיך אָנגעצונדן. אינעם ווײַסן רויך האָבן גענומען טרישטשען די טרוקענע שפּענדלעך. עס האָט זיך באַ־וויזן פײַער. דאָס פײַער האָט אלץ שטארקער און שטארקער גע־נומען צונויפדריקן און שטיקן דעם אָרן־קוידעש אין זײַנע פעס־טע ברענענדיקע לעפעס. לאנגע צונגען פײַער, ווי ריזיקע רויטע פינגער מיט שארפע ווילדע נעגל, האָבן זיך אײַנגעזויגן אין דעם שוואכן קערפּער פונעם אָרן־קוידעש; דער אָרן־קוידעש האָט זיך געקנייטשט פאר ווייטעק, האָט געטרישטשעט און געקרעכצט.

רעב באַרעכ האָט טריומפירט. ער, וואָס האָט באַזיגט זײַנ גאָט, האָט זיכ געדרייט ארומ דעמ אָמעד אונ האָט ווילד געשריִענ:

— דער אָרנ־קוידעש ברענט! אנ אויג פאר אנ אויג! האָ־האָ־האָ!

דאָס פײַער איז אלצ שטארקער געוואָרנ. א צערייצטס, האָט עס צעבראָכנ די ווענטלעכ אונ די טירלעכ פונעמ אָרנ־קוידעש, זיכ דורכגעריסנ אינעווייניק אונ האָט זיכ מיט זײַנע לעסטערנדיקע נעגל אײַנגעקלאמערט אינעמ פארמעט. דערנאָכ האָט עס גיריק אויסגעשפרייט זײַנע דורשטיקע לאפעס אפנ אָמעד אונ אפ די טישנ, האָט צונויפגעדרייט די געל־געוואָרענע, סוכאָטעדיקע סידורימ, אונ אלצ ארומ האָט אופגעפלאקערט, האָט גענומענ טרישטשענ אונ זינגענ. אונטערשפרינגענדיק אונ טאנצנדיק, ווי עס שפרינגענ אונ טאנצנ די ייִדנ סימכעס־טוירע, האָט רעב באַרעכ ווילד געשריגנ:

— די שול ברענט! האָ־האָ־האָ!!! אנ אויג פאר אנ אויג! א צאָנ פאר א צאָנ!

דאָס פײַער האָט געווילדעוועט. אופרעסנדיק אלצ, וואָס איז געווענ מעגלעכ אופצופרעסנ, האָט עס זיכ א וואָרפ געטאָנ אפ דער סטעליע אונ אפ די ווענט, אָנפילנדיק די שול מיט אנ עסעריקנ, שטיקנדיקנ רויכ. רעב באַרעכנ איז געוואָרנ הייס אונ דושנע. עס האָט זיכ אימ געדרייט דער קאָפּ, דער רויכ האָט געגעסנ די אויגנ, עס איז געווענ שווער צו אָטעמענ. רעב באַרעכ האָט זיכ דערשראָקנ. ער האָט אָפּגעשטעלט זײַנ ווילדנ טאנצ אונ האָט זיכ אינ שרעק א וואָרפ געטאָנ אינ דער ריכטונג צומ אָפענעמ פענצטער. א שווארצער געדיכטער רויכ האָט אימ איבערגעצוימט דעמ וועג. ער האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ צו דער טיר, באשיצנדיק מיט די הענט דאָס פּאָנעמ פונעמ רויכ אונ פונעמ פײַער. אָבער צו דער טיר איז אויכ, פונקט ווי צומ פענצטער, אומעגלעכ געווענ זיכ צו דערקלײַבנ. די פײַערדיקע צונגענ אונ דער

שטיקנדיקער רויכ האָבנ אימ פאַרפאָלגט, האָבנ אימ אָנגעיאָגט און איבערגעיאָגט, האָבנ אימ ארומגערינגלט פונ אלע זייַטנ. און רעב באָרעכ האָט, שטיקנדיק זיכ, געוואָרפנ זיכ אינ ווילדער שרעק איבער דער שול, וואָס איז געווענ ארומגעכאפט מיטנ פלאמ.

— לויפ... גיכער אנטלויפ פונדאנענ, וועסט פארברענט ווערנ! — האָט אימ געקלאפט אינ די שלייפנ.

אָבער ער האָט זיכ ניט געקאָנט ארויסרייַסנ פונ דער שול. עס איז ניט געווענ מיט וואָס צו אָטעמענ. דער רויכ האָט אָנגעפילט די לונגענ און האָט אָפגעסאמט דעמ אָרגאניזמ. א הילכיקער טראסק האָט זיכ ארייַנגעריסנ אינ קיטייַטשיקס אויערנ און האָט זיכ צעשאָטנ, ווי א וואסערפאל, פונ פונקענ אינ די אויגנ, וועלכע ער האָט שטייַפ צוגעמאכט מיט די הענט. עפעס א געדאנק האָט, ווי א געבראָכענער בליצ, א פינקל געטאָנ אינ זייַנע אָפגעסאמטע געהירנ און האָט זיכ אָפגעריסנ, ווי א סטרונע, וואָס האָט פלוצעמ געפלאצט.

קיטייַטשיק איז געפאלנ אינ כאלאָשעס אפנ ברענענדיקנ דיל. די גיריקע פייַער־נעגל האָבנ זיכ אייַנגעקלאמערט אינ זייַנע שמאטעס, און דאָס אָנטונ אפ אימ האָט זיכ אָנגעכאפט, ווי קאָרע אפ טרוקנ האָלצ...

אפ דער וועלט איז געוואָרנ ווייניקער נאָכ מיט איינ מענטשנ.

דאָס פייַער איז זיכ אלצ מער און מער פאנאנדערגעוואקסנ. עס איז אימ געוואָרנ ענג אינ בעסמעדרעש. עס האָט צעבראָכנ די פענצטער, דורכגעזועצט די סטעליע און דעמ דאכ און האָט זיכ ארויסגעריסנ מיט גרויסע פליישיקע צונגענ אפ דער גאס. די טרוקענע אלטע קלעצער פונעמ בעסמעדרעש האָבנ גיכ און פרייַלעכ געברענט. די סרייפע האָט מענ קימאט ניט געלאָשנ, קיינער האָט רעב באָרעכנ ניט געגלויבט, קיינער האָט ניט געלייגט קיינ אכט אפ זייַנע ווילדע געשרייענ. וואָס פאר א געזונטער מענטש וועט זיכ גיינ ערנסט צוהערנ צו א מעשוגענעמס נארישע רייד!

מאַלע וואָס אים וועט איַינפאַלן צו פּלוידערן! ווען אינטערע־סירט עס! זאָלן זיך די דאָקטוירים אין די מעשוגאָים־היַיזער צו זיי צוהערן!

אויך די פיַיערלעשער האָבן זיך שפּעט געכאַפּט. דער דע־זשורנע אַפ דער קאַלאנטשאַ האָט נאָך אַ גאַנצן טאָג האָרעוואַ־ניע אַ ביסל איַינגעדרעמלט. אים האָט אופגעוועקט דאָס בלינדלעכע אַלטע ווייַב, וועלכע איז צופעליק ארויסגעגאַנגען אַפ דער גאַס.

ביז די פיַיערלעשער האָבן זיך דערשלעפּט צום בייסוילעם, האָט דאָס שולעכל אינגאַנצן אָפּגעבערענט.

אַ גאַנצע נאַכט האָבן קיטיַיטשיקס קינדער געזוכט דעם פאָ־טער, האָבן מיט אַ לאַמטערן אין האַנט דורכגעניִשטערט אַלע פּלעצער, דעם בייסוילעם און דעם ציגל־זאַוואָד, האָבן אויסגע־פרעגט די איַינוווינער פון פּאָליצייסקע גאַס, באַזונדערס די קינ־דער, וועלכע פלעגן אָפט נאָכלויפן דעם מעשוגענעם קיטיַיטשיק, אָבער זיי האָבן אינערגעץ ניט געקאָנט געפינען זיַינע שפּורן. רעב באָרעך איז ווי אין וואַסער אריַין. וועגן דער אָפּגעבערענטער כורווע פונעם בייסוילעם־שולעכל האָט קיינער פון זיי ניט געטראַכט, ניט געוואָלט טראַכטן.

די אַלטע כיַיע האָט אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג ניט צוגעמאַכט, זי איז אומרויִק געזעסן באַם פענצטער, האָט געוואַרט אַפ די קינדער און האָט זיך האָפענונגלאָז צוגעהערט, צי וועט זיך אין דער נאַכט־שטילקייַט נ־ט לאָזן. הערן זיַין ווילדער האַרצריַיסנדיקער: „האָ־האָ־האָ!" זי וואָלט איצט דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעגעבן פאַר אָט די ווילדע קלאַנגען, וועלכע האָבן זי פריִער אַזוי געשראָקן און פאַר וועלכע זי האָט אַזוי מוירע געהאַט.

אַפ דער גאַס וויעט ראַכמאָנעסדיק דעם פאַן קוטשינסקיס הונט. כיַיע ווייסט, אַז דאָס איז ניט קיין גוטער סימען. די הינט

וויענ, ווענ דער מאַלכאמאָוועס איז דאָ אינ דער נאָענט, אונ א שאַרפער ווייטעק דריקט צונויפ דאָס הארצ, פארכאפט דעמ אָטעמ.

פונ דער סלאָבאָדקע דערטראָגט זיכ א שיקערע ליד. כײַע ציטערט אופ, קוקט אפ דער טיר, צי איז זי צוגעמאכט אפנ קייטל, אונ עס כאפט זי ארומ א געוואלדיקער אומרו ניט בלויז פארנ מאַנ, נאָר אויכ פאר די קינדער. די מינוטנ ציִענ זיכ, ווי די יאָרנ. כײַע הערט זיכ אָנגעשטרענגט אײַנ אינ דער שטילקײַט, אָבער אויסער א ווײַטנ פײַפ פונעמ לאָקאָמאָטיוו, א שיקערער ליד אונ דעמ וויענ פונ א הונט קאָנ זי גאָרניט כאפנ. ווענ וועט זיכ שויג ענדיקנ די לאנגע פײַניקנדיקע נאכט? כײַע קוקט אינ פענצטער ארײַנ. פארוואָס איז זי ניט געגאנגענ צוזאמענ מיט די קינדער? פארוואָס איז זי געבליבנ אליינ אינדערהיימ? אפנ הויפ האָבנ זיכ גענומענ באוועגנ שאָטנס. צי קערנ זיכ ניט אומ די קינדער? ניינ, דאָס הוידעט דער ווינט די צווײַגלעכ פונ דער אלטער ראַבינע אינ קוטשינסקיס פאַליסאדניק.

כײַע זיפצט שווער. אינ איר זיקאָרנ גייענ דורכ בילדער פונ די ווײַטע פארגאנגענע יאָרנ. ווי לאנג עס ציט זיכ יעדער שאָ, יעדער טאָג, אונ ווי גיכ אָט די יאָרנ זײַנענ דורכגעלאָפנ! אָט לויפט זי ארומ, א זעקסיעריק ארומגעריסנ קינד אפ דער גאס. מ'שרײַט צו איר: „כײַע, גיי גיכער אהיימ, דײַנ טאטנ האָט אפ דער ארבעט א קלאָצ צוגעקוועטשט". כײַע פארשטייט קאמ, וואָס מ'רעדט צו איר, אָבער זי לויפט אהיימ. אפנ דיל ליגט עמעצער צוגעדעקט איבערנ קאָפ מיטנ פאָטערס גרויער צעריסענער קאָלדרע. פונ אונטער דער קאָלדרע סטארטשענ ארויס נאקעטע געלע פיס מיט אויסגעקרימטע פינגער מיט מאָזאָליעס. באמ צוקאָפנס רויכערט זיכ א שטיקל וואקסנ ליכט, וואָס איז ארײַנגעשטעקט אינ א פלעשל פונ בראָנפנ. די מאמע וויינט ביטער, רײַסט אפ זיכ די האָר אונ שרײַט אויס עפּעס אומפארשטענדלעכע, אָבער שרעקלעכע ווערטער. דערזעענדיק כײַענ, צעשרײַט זי זיכ נאָכ שטארקער:

— מייַנ אומגליקלעכ יעסוימעלע! ווער וועט דיכ איצט האָדעוועג?

כייַע האָט זיכ אויכ צעווייַנט. הייסט עס, עס איז עמעס. דער טאַטע איז געשטאָרבנ. זי האָט געוווסט, אז מענטשנ שטארבנ. זי האָט אפילע געזענ, ווי מ׳וואשט זיי, מ׳טוט זיי אָנ אונ מ׳באַגראָבט זיי. אָבער זי האָט קיינמאָל ניט געטראכט, אז אויכ אייגענע קאָנענ שטארבנ. דאָס איז עפּעס ניט דאָס זעלבע... די ווייַטערדיקע דערינערונגענ ברענגענ כייַענ אפנ בייסוילעם, אָבער דאָ האָט זיכ בא איר עפּעס פארפּלאָנטערט. אָנשטאָט איר פּאָטער ליגט פאר איר אינ טאכריכימ איר פארפּייַניקטע טאָכטער. אינ זיקאָרנ וואקסנ אויס שרעקלעכע פּאָגראָמ־בילדער. דעמ מאַנס מעשוגאַס. נאָכאמאָל די דערהארגעטע טאָכטער. ווידערשאָל דער מאַנ. כייַע וויינט אונ קוקט אָנגעשטרענגט אינ פענצטער ארייַנ. א קלאַפּ אינ טיר. כייַע האָט זיכ דערשראָקנ, האָט א ציטער געטאָנ.

— ווער איז דאָרט?

דאָס האָבנ זיכ ענדלעכ אומגעקערט די קינדער.

— אליינ? איכ האָב עס געוווסט, — זאָגט שטיל כייַע.

די קינדער האָבנ ניט וואָס צו ענטפערנ. זיי צעגייענ זיכ שווייַגנדיק אינ די זייַטנ, זעצנ זיכ אנידער אפ די טאבורעטנ אונ אפ די בענקלעכ, שפארנ אונטער מיט די הענט די קעפ אונ זיפצנ שווער. א מוטנע שטילקייַט קלינגט הילכיק אינ די אויערנ. פונ קוטשינסקיס הויפ דערטראָגט זיכ דאָס ראכמאָנעסדיקע וויענ פרנעמ הונט.

— קיינ כאָליערע נעמט ניט צו אָט דעמ פארשיווג הונט. ווענ עמעצער קוילעט אימ אוועק, וואָלט ער פארשפּאָרט צו וויענ, — באמערקט אָשער צערייצט.

— ווהינ האָט ער געקאָנט אהינקומענ? — טראכט ווייַטער כייַע אינדערהייכ.

— ווהינ האָט ער געקאָנט אהינקומענ? — כאוערנ איבער די קינדער.

און אינ הויז שטעלט זיכ ווידער איינ א שווער שטילשווייגנ. דאָס וואָרט האָט דאָ פארלוירנ יעדנ זינענ, די שטילקייט רעדט העכער אונ אויסדריקלעכער פונ אלערליי ווערטער. אינ ווינקל אונטערנ דיל האָט א סקריפע געטאָנ א מויז. די קאצ, וואָס איז שטיל געלעגנ אונטערנ טיש, איז גיכ אופגעשפרונגענ אפ די לאַ־פעס, האָט זיכ איינגעהערט. אָשער טוט זי גראָב אונ ביז א שטויס מיטנ פוס.

— דריי זיכ ניט אונטער די פיס, נאָכ דו פעלסט דאָ...

— ווו קאָנ ער זיינ? עפשער נאָכאמאָל אימ גיינ א זוכ טונ? — זיפצט כייע.

— מיר זיינענ אומעטומ געוועזנ. ארומ־אונ־ארומ געזוכט, איכ ווייס ניט, וווהינ נאָכ צו גיינ, — ענטפערט אָשער.

— אונ דער בעסמעדרעש האָט אינגאנצנ אָפגעברענט, — רייסנ זיכ פלוצעמ אראָפ עטלעכע איבעריקע ווערטער פונ דער פאָשע־טער פעסיס ליפנ.

אלע ציטערנ נערוועז אופ, קוקנ דערשראָקנ איינס אפ ס'אנ־דערע. פעסיס ווערטער ברענענ פיינלעכ, דרינגענ דורכ דעמ מויעכ אונ דאָס הארצ, ווי קוילנ פונ א קוילנוואַרפער. די דאָזיקע פעטי, קיטייטשיקס קלענערע טאָכטער, רעדט שטענדיק נארישקייטנ אונ איבעריקע רייד...

— וואָס קער זיכ אהער אָנ דער בעסמעדרעש? — ענטפערט איר אָפ דער היציקער אָשער.

א צוגעשמידטע צו די טאבורעטנ אונ צו די בענקלעכ, ווארט די פאריאָסעמטע פאמיליע אפ דעמ פרימאָרגנ, ווי אפ מאָשיעכנ, ווי אפ א ווונדערלעכנ באפרייער פונ אלע ליידנ אונ אומגליקנ.

— ער וועט זיכ אינדערפרי אומקערנ. ער האָט ערגעצווו פארבלאָנדזעט, — זאָגט עמעצער.

— געוויס וועט ער זיכ אומקערנ, — כאפנ אנדערע אונטער.

— פארשטייט זיכ, אז ער וועט זיכ אומקערנ...

אָבער מיט דעמ, ווי די נאכט האָט גענומענ פארלאָזנ קיטיי־

טשיקס צימערל, האָט אָט די זיכערקייט אָנגעהויבן קלינגען שוין ניט אַזוי פעסט, און ווען עס איז אָנגעקומען דער לאַנג־דערוואַר־טעטער פרימאָרגן, איז פון איר קיין שפור ניט געבליבן — זי איז פאַרשווונדן צוזאַמען מיטן לעצטן זיפץ פון דער דורכגעלעב־טער אָנגעשטרענגטער נאַכט, און די האָפענונג, וואָס איז ניט לאַנג צוריק געווען, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טעמפּער האָ־פענונגלאָזיקייט.

— עפּעס גייט ער ניט...

— צי האָט ניט געטראָפן אַן אומגליק?

— עס האָט זיכער געטראָפן אַן אומגליק. ווהין האָט ער זיך געקאָנט אַהינטון?

— צי איז ער ניט דערטרונקען געוואָרן אין דער גרוב אַפן ציגל־זאַוואָד?

און די אומרויִקע פאַמיליע טראַכט לאַנג און ווייטעקדיק וועגן דעם, ווהין דער פאָטער האָט געקאָנט אַהינקומען.

דער ערשטער הייבט זיך אויף פונעם אָרט אָשער.

— מ'דאַרף עפּעס טון. אַפ דער גאַס איז שוין טאָג, און ער איז נאָך אַלץ ניטאָ.

— מ'דאַרף עפּעס טון, — כאַזערן איבער די קינדער און גייען אַרויס נאָך אָשערן אַפ דער גאַס.

בא דער אָפּגעברענטער שול שטייט עלי־מוישע.

זײַן אַראָפּגעלאָזטער קאָפּ הענגט הילפלאָז אַפ די פּלייצעס, ווי בא אַן אופגעהאַנגענעם, און זעט אויס, ווי אַ צווייטער האָרב אַפ דער ברוסט. לעם אים ליגט אַפ דער מיטע רעב באָרעכס פאַרקוילטער קערפּער. אָשער גייט צו צו דער מיטע, קוקט אַפן פאָטערס ביינער.

— איך האָב טאַקע אַזוי געטראַכט, אָט האָט איר אײַך אַ סאָפ.

די קינדער שטעלן זיך אַנידער מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ לעם דעם עלטערן ברודער, דריקן זיך צו איינס צום אַנדערן.

— וואָס איז אַזוינס אַ מענטש? — האָט זיך אַ באַוועג געטאָן

דער צווייטער האָרב באַ רעב עלי־מוישען אַף דער ברוסט. — האָט געלעבט אַ מענטש, און עס איז ניט געוואָרן דער מענטש. אַלע האָבן איין סאָף. צי איז דען ניט אַלציינס, וועלכער טויט? יעדער טויט קומט פון גאָט...

— יאָ, אַוואַדע, — זיפצט אָשער.

— אַ מענטש האָט געוואָרנט, האָט מען אים ניט געגלויבט. וואָס וואָלט מיך געווען געאַרט, איך זאָל גיין נאָך אים אַ קוק טון? בין איך ניט געגאַנגען, האָט גאָט געשטראָפט. וואָס טוט מען איצטער? ווער ווייסט, ווען מ'וועט צוריק אויסבויען די שול!

אינאָוונט איז אַפן בייסוילעם באַם סאַמע פאַרקן פונעם ציגל־זאַוואָד אויסגעוואַקסן אַ נײַער קייווער, ווו עס האָט אַף אייביק געפונען רו פון זײַן מעשוגאַס דער אַלטער קיטײַטשיק.

אַלץ איז געענדיקט.

פינף פאַרמוטשעטע, צעקנייטשטע מענטשן שלעפן זיך מיט דער גאַס אַהיים.

— געבענטשט זאָל זײַן דער, וואָס מישפּעט גערעכט, — זיפצן שווער די אַלטע ייִדן פון פּאָליצייסקע גאַס, ווען זיי דער־ווייסן זיך וועגן דעם טראַגישן טויט פונעם מעשוגענעם קיטײַ־טשיק.

עלפט קאפיטל

א שווערער ווינטער.

עס זײַנען אָנגעקומען שווערע און וואָכעדיקע טעג.

לאנגזאם באוועגט זיך דער צײַט־ווײַזער !.. דער אומרו פונעם וואנט־זייגער מיט די שרויפן און שטיקלעך אָפּצווענגע, וואָס זײַנען צוגעבונדן צו די ליידיקע געוויכטן, קלאפּט איינטאָניק אויס די סעקונדעס: טיק־טאק... נעכטן, אזויווי הײַנט... הײַנט ווי נעכטן... טיק־טאק...

די אײַנוווינער פון דער פּאָליצייסקע גאס האָבן זיך קיינמאָל ניט פארנומען מיט קיין פילאָזאָפיע. אָבער ווען זיי וואָלטן זײַן באקאנט מיט דער גריכישער פילאָזאָפיע, וואָלטן זיי זיכער געהאלטן הערעקליטן עפּעס פאר א זינלאָזן פאנטאזיאָר און פאר א טשודאק. אלץ פליסט און באוועגט זיך — מיט דעם וואָלטן זיי נאָך עפּשער געקאָנט מאסקים זײַן: עס פליסט דער טײַך, עס פליסן נאָכן רעגן די ריטשקעס אין ריוו ארײַן, די הינער באוועגן זיך איבערן הויף, עס רירט זיך כאַיִם באלעגאָלעס קליאטשע, עס באוועגט זיך, עמעס מיט גרויסע צאָרעס, דער אייביק שיקערער אָקאָלאָדאָטשנע טימאָפיי קאליסטראטאָוויטש. אָבער אז אפּ דער וועלט ענדערט זיך עפּעס — אנטשולדיקט! אונדז וועסטו ניט אָפּנארן. די גאנצע גאס אונדזערע איז פון אייביק אָן געשטאנען, ווי א לעבעדיקע אָפּלייקענונג פון אָט די אלע לײַכטזיניקע באהויפּטונגען פונעם עפּעסער כאָכעם.

אָבער אָט האָט זיך פּלוצעם איבער דער גאַס דורכגעטראָגן א שטורעם־ווינט. אזא שרעקלעכער און שוידערלעכער, ווי די וועלט האָט נאָך קיינמאָל פאר איר לאַנגער טויזנטיאָריקער עקזיסטענץ ניט געזען. פאר איין טאָג האָט זיך די גאַס און די מענטשן געביטן אפ ניט צו דערקענען.

— וואָס זײַנט איר עס עפּעס פּלוצעם גרוי געוואָרן, רעב טעוויע, וואָס האָט איר זיך אײַנגעהאָרבעט?

— עכ־כע־כע, וואָס איז זיך דאָ צו כידעשן? די צײַטן זײַנען אזוינע... די וועלט האָט זיך געענדערט... עס איז זי ניט צו דערקענען...

— מ׳רעדט, מאָשיעך וועט אינגיכן קומען...

— האלעווײַ, רעב טעוויע.

און די צוויי אלטיטשקע גייען זיך פאנאנדער צו זייערע געשעפטן.

איך וואלגער זיך גאנצע טעג אפן הילצערנעם דיוואַן. עס גלוסט זיך גאָרניט טון, עס ווילט זיך וועגן גאָרניט טראכטן. די הילפלאָזיקײַט און האָפענונגלאָזיקײַט דריקט אפ די געהירן, טייטאָפ יעדער ווילן צו לעבן.

אָפט לעבן איין מײַן קאָפּ פּלוצעם אוף סלאווע און שאָלעם, און א שטארק ברענענדיק פײַער טוט א ברי דאָס הארץ.

— דו קרעכצסט, יאָסעפ, וואָס טוט דיר ווי? — פרעגט די מוטער.

— גאָרניט, מאמע. דאָס איז אזוי זיך...

— גיי זיך א ביסל דורך. שפּאציר זיך דורך. ס׳איז הײַנט א גוטע זון אינדרויסן.

— עס גלוסט זיך מיר ניט, מאמע.

— ווי דו ווילסט. נאָר פארוואָס זאָלסטו ניט גיין שפּאצירן מיט ריווען? זי איז א קלוג און שיין מיידל, פונקט אזא גוטע, ווי די פארשטאָרבענע סלאווע, א ליכטיקן גאניידן זאָל זי האָבן.

— איך בין מיד, מאמע.

— ווי דו ווילסט זיך. זי איז דאָ געווען שאַבעס. דו האָסט געדרעמלט, איך האָב דיך ניט געוואָלט וועקן.

מײַן גוטע מוטער וויל אַפּ איר אויפֿן אָפּווענדן מײַן אויפֿמערקזאַמקײַט פֿונעם דורכגעלעבטן און צעשטרײַען מײַן אומעט.

איינמאָל איז צו אונדז ארײַנגעקומען מיכאָעל. איך האָב אים שוין לאַנג ניט געהאַט געזען. ער איז אַראָפּ פֿונעם פּאָנעם, איז געווען בלאַס און אין אַ שלעכטער שטימונג; ער האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק פֿון אַ קראַנקן מענטשן.

— איך פֿאָר קיין אַמעריקע. בין זיך געקומען זעגענען, — האָט ער געזאָגט.

— וואָס וועסטו טון אין אַמעריקע?

— איך וועל אַרבעטן, איך וועל אָנקומען אַפּ דער סצענע. דאָ קאָן מען פֿאַרפֿוילט ווערן. ניט קיין לאַנד, נאָר אַן עמעסע אינקוויזיציע.

— דו מיינסט, אין אַמעריקע איז בעסער!

— געוויס, בעסער. דאָרט איז ניטאָ אָט די פֿאַרשאָלטענע ייִדן־פֿראַגע, ניטאָ דאָס איזדעקעווען זיך און די פּאָגראָמען. דאָרט האָבן אַלע אַלצײַנע רעכט און מעגלעכקײַטן צו לעבן.

— דו ביסט אַ נאַיִווער מענטש, מיכאָעל, און האַלטסט זיך נאָך פֿאַר אַ סאָציִאַליסט, — האָב איך דערווידערט.

— איך האָב זיך, יעדנפֿאַלס, קיינמאָל ניט געהאַלטן פֿאַר קיין אַנאַרכיסט, — האָט מיכאָעל אַ באַליידיקטער בייז געענטפֿערט.

איך האָב געשוויגן.

— דער אַנאַרכיזם האָט אומגעבראַכט די גאַנצע זאַך אונדזערע, — האָט ווײַטער אָנגעגריפֿן מיכאָעל. — וויפֿל אומזיניקע און ניטנייטיקע קאָרבאָנעס זײַנען געפֿאַלן צוליב אָט דעם אומגעלומפּערטן קלינגען מיט געווער!

— וועגן וואָס רעדסטו, מיכאָעל?

— איך רעד וועגן די, וואָס זײַנען זיך געקראָכן שלאָגן, ניט פֿאָרויסזעענדיק אָט די טרויעריקע רעזולטאַטן. זיי האָבן

געוואָלט דורכזעצנ מיטנ קאָפּ די וואנט, אונ האָבנ צעקלאפּט דעם אייגענעם קאָפּ. זיי האָבנ געוואָלט אריבערשפּרינגענ איבער זיכ אליינ. ס׳איז ניט ארויסגעקומענ. ס׳האָט ניט געקאָנט ארויס־קומענ...

— איכ פארשטיי דיכ ניט, מיכאָעל. דו האלטסט, אז מיר האָבנ ניט געהאט דאָס רעכט אפילע אפּ א זעלבסטשוצ? הא?

— אומזינ איז גיט קיינ העלדישקייט. איר האָט זייער גוט געוווסט, אז די קאזאקנ קוקנ ארויס, זיי זאָלנ זיכ קאָנענ צערע־כענענ מיט די ארבעטער. מ׳האָט זיי ניט געדארפט געבנ קיינ געלעגנהייט דערצו. מ׳האָט געדארפט אָפּווארטנ אונ ניט פירנ מענטשנ צום טויט...

— דו מיינסט, אז מיר האָבנ געדארפט זיצנ אינ די קעלערס אונ ווארטנ, ביז די פּאָגראָמשטשיקעס וועלנ אלעמענ איבערדור־שעכ אײנציקווייז? נאט אייכ, הייסט עס, דעם האלדז, שנײדט, דערשטיקט אונדז, אבי נאָר איר זאָלט זיכ ניט באומרויִקנ.

— איכ האלט, אז מ׳האָט ניט געדארפט גיינ אפּ א זיכערנ טויט.

— עכ, מיכאָעל, מיכאָעל... דו טוסט גוט, וואָס דו פאָרסט קיינ אמעריקע. דאָרט וועט דיר זיינ בעסער אונ לייכטער, וועסט קריגנ א לייטיש ווייב, וועסט אָנפלאָדענ קינדער, וועסט רייכ ווערנ אונ וועסט לעבנ, ווי א הונדערט־פּראָצענטיקער גליקלעכער יאנקי...

— רעד ניט אזוי בייסיק, יאָסעפ...

מער האָבנ מיר ניט געהאט וועגנ וואָס צו ריידנ, אונ איכ בינ אנשוויגנ געוואָרנ.

אינ עטלעכע טעג ארום האָב איכ באגלייט אפּנ וואָקזאל מי־כאָעלנ, וועלכער איז געפאָרנ זוכנ גליק אינ די פאריייניקטע שטאטנ.

מיר האָבנ איינס דעם אנדערנ געדריקט די הענט אונ האָבנ זיכ אפּשטענדיק צעשיידט.

— א גליקלעכנ וועג, מיכאָעל...

— זײַ געזונט, יאָסקע.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט גענומען סאָפּען און הודען. דער צוג האָט אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די רעדער און האָט מיט זיך אוועקגעפֿירט דעם לעצטן כּאוואַר פֿון דער קינדהײַט.

איך בין געבליבן איינער אַליין מיט אַ שווערער לאַסט פֿון שרעקלעכע זיכרוינעס וועגן דער פֿאַרגאַנגענהײַט, אָן פּערספּעקטיוו אויף דער צוקונפֿט, אָן איין ליכטיקן שטראַל אויפֿן האָריזאָנט.

איך האָב זיך אַרומגערינגלט מיט ביכער און האָב זיך אָנגעהויבן צו גרייטן אַלס עקסטערן.

וויפֿל אומגעמענטשלעכע עקסטערנעס האָבן זיך געפּלאָגט אין דער ענגשאַפֿט פֿונעם טכום! וויפֿל אומיע זײַנען אָפּגעקומען מיט ברויט און מיט וואַסער אויף די פֿאַרשיידענע קאָנדיציעס! וויפֿל זײַנען פֿאַר דער צײַט אומגעקומען פֿון טובערקוליאָז! וויפֿל פֿון זיי האָבן יעדער יאָר מיט די אייגענע הענט אונטערגעפֿירט דעם כעזשבן מיטן אייגענעם שווערן לעבן!

איך האָב זיך אײַנגעשפּאַנט אין אָט דעם נײַעם לעבן פֿון אַן אָפּגעזונדערטן, אַליין ניט גלייבנדיק, אַז פֿון דעם וועט עפּעס רעכטס אַרויסקומען.

אין די אָוונטן האָב איך צוזאַמען מיט די אַרבעטער געהערט דעם פּאָטערס פֿאָרלייענונגען און האָב גענומען אַן ענערגישן אָנטייל באַם באַהאַנדלען די פּראָגעס, וואָס זײַנען באַ אונדז אונטערשטאַנען. אָפּטמאָל פֿלעג איך אַליין לייענען אינדערהייך. דער פֿאָטער האָט אויפֿמערקזאַם געשפּירט נאָך מײַנע פֿאָרלייענונגען און האָט זיך געפֿרייט מיט מײַנע דערפֿאָלגן.

אָפּטמאָל פֿלעג די מוטער, פֿאַרגעסנדיק אירע געשעפֿטן אין דער קיך, זיך צוזעצן צום טיש, פֿלעג מיך לאַנג הערן, זיך אײַנקוקן מיט עמעצן פֿון די אָנוועזנדע, שטאָלץ און מיט אַ שמייכל אַ שאָקל טון מיטן קאָפּ אויף מײַן אַדרעס:

„אָט, ס'אַ זון איך פֿאַרמאָג! ווי געפֿעלט ער אײַך!"

אונ א צופרידענע, א פריידיקע, טוט זי זיכ פלוצעמ א ריס אָפּ פונעמ טיש אונ הייבט ווײַטער אָנ זיכ צו פּאָרענ אינ קיכ.

די שווערע טעג האָבנ דעמ פאָטער ניט צעבראָכנ, ער האָט טיפ געגלייבט, אז גיכ וועלנ אָנקומענ בעסערע צײַטנ.

— אזוי קאָנ לאנג ניט דויערנ, — פלעג ער זאָגנ אָפּ אונדזערע פארזאמלונגענ, — די סטרונגע איז צו שטײַפּ אָנגעצויגנ, זי מוז פּלאצנ.

מײַנ לערנענ גייט מיט דערפאָלג. איכ זיצ גאנצע טעג אונ נעכט איבער די ביכער, כאזערנדיק די ניט־שטארק טיפע טוירע פונעמ גימנאזיסטישנ קורס. איכ שטעל צומ הונדערטסטנ מאָל אוועק מײַנ שילר אָפּ די טויערנ פונ צארגראד. איכ טרעט דרייסט אָפּ צוזאמענ מיט קוטוזאָווג, בארקלײַ־דע־טאָלי אונ אלעקסאנדער דעמ ערשטנ פאר די נאפּאָלעאָנישע כאיאָלעס, ארײַנשלעפּנדיק זיי כיטרע אינעווייניק אינ לאנד ארײַנ אָפּ אומקומ. איכ האלט אָפּ אָנ א שיד רומפּולע זיגנ איבער די אומגלויביקע באסורמאנער. איכ וויינ איבער דעמ גורל פונ דער אָרעמער ליזע, בינ באגײַסטערט פונ טאטיאנענ אונ האלט פאר דעמ אידעאל פונ א רוסישער פרוי מיידלעכ, וואָס אנטלויפנ פונעמ לעבנ אינ א מאָנאסטיר. איכ לייענ אָפּ לאטײַנ די גאלישע נאָטיצנ פונ יולי צעזאר אונ סקאנדיר אָפּ אויסנווייניק אָווידיעס אונ ווירגיליעס לידער. מײַנ קאָפּ איז פול מיט אײַנצלהײַטנ וועגנ שטובזאכנ פונ די אוראלטע רוימישע לײַבייגנטימער. אינ מײַנ קאָפּ בלײַבט ניט קיינ איינ ווינקעלע אפילע, וווּ עס זאָל קאָנענ געפינענ אנ אָרט כאָטש איינ לעבעדיקער געדאנק. אָבער די פּראָגראמ פאָדערט ניט קיינ לעבעדיקע געדאנקענ, אונ איכ בינ רויק...

אינ דער פרײַער צײַט לייענ איכ, אונ אמאָל פרווו איכ אפילע אויס מײַנע קויכעס אונ נעמ זיכ פאר דער פענ. ערגעצ טיפּ אינ די באהעלטענישנ פונ מײַנ נעשאָמע רודערט זיכ א נעפּלהאפטער, שעמעוודיקער טרוימ, ווי די גרינגע יוגנט, וועגנ א קאריער פונ א שרײַבער...

איך געדענק אַן אומפאַרגעסלעכן טאָג אין מײַן לעבן, ווען אינעם אַרטיקל זשורנאַלעכל האָט זיך באַוויזן מײַן ערשטע אָפּ־געדרוקטע ליד. זי איז איינגעאַנצן באַשטאַנען פון אַכט שורעלעך. אָבער די דאָזיקע שורעס זײַנען ניט געווען, ווי אַנדערע, זיי זײַנען געווען עפּעס באַזונדערע: אונטער זיי האָט מיט דיקן שריפט געשײַנט מײַן פאַמיליע. זיי זײַנען געווען אַזוינע נאָענטע און אייגענע, אַזוינע קלינגעוודיקע און זינגעוודיקע. וויפל טעג און נעכט האָב איך געלייענט און איבערגעלייענט אָט די קליי־נינקע שורעלעך! וויפל מאָל פלעג איך זיי, אַרומגייענדיק איבער די גאַסן פון אָט דער שטאָט — דער שטיפמוטער, שטיל זינגען מיט אַ באַזונדער רעטשיטאַטיוו, פון וועלכן מײַן האַרץ פלעג צעגיין! און איצט ווען זיי לייענען די גאַנצע שטאָט! דער גע־היימער טרוים פון מײַן לעבן האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער טיפעניש פון מײַן נעשאָמע, ווי אַ שטראָם לעבעדיקע קלאַנגען, און פאַרקערפּערט אין בלוט און אין פלייש, איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מײַסע אַף דער וואָר!

איך בין געגאַנגען איבער די גאַסן מיטן זשורנאַל אין די הענט און האָב צום הונדערטסטן מאָל איבערגעלייענט די פרישע שורעלעך, וואָס האָבן נאָך געשמעקט מיט פאַרב. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַלע אַף דער גאַס קוקן אַף מיר, רעדן וועגן מיר, ווײַזן אָן מיט די פינגער: אָט דאָס איז טאַקע דער פּאָעט, וואָס זײַנע וווּנדערלעכע לידער זײַנען הײַנט אָפּגעדרוקט אין זשורנאַל!

איך בין געווען גליקלעך.

דער רעדאַקטער פון „אונדזער זשורנאַל", אין וועלכן עס איז געווען אָפּגעדרוקט מײַן ליד, איז געווען וולאַדימיר ניקאַנאָראָ־וויטש סעמיאָנאָוו, אַן אָרטיקע „באַרימטקײַט", אַ ליבעראַל, אַ פּסיכיאַטער, אַ פּאָעט, אַ פלאַמפּײַערדיקער פּובליציסט, אַ טשודאַק און אַן אָריגינאַל. ער האָט אַרויסגעטריבן פון זײַן אומגאַנג דעם אָס „יאַט" און דעם „טווערדי זנאַק", האָט זיך געהאַלטן פאַר

א דעמאָקראַט און פאר א פּרינציפּיעלן רעפּובליקאַנער, און האָט פאר וויזיטן באַ קראַנקע גענומען געלט פאָרויס.

„דער אוילעם סטאַרעט זיך איצט נאָר אָפּנאַרן. ווען אַפּ אים פאַטערן א האַלבע שאָ, וועט, אים געבן אַן אייצע, און ער וועט דיר אַרײַנשטופּן אין האַנט אַרײַן א גילדן. א שיינעם דאַנק. מ׳דאַרף שאַצן די מי פון א דאָקטער".

אַלס סטודענט האָט וולאַדימיר ניקאַנאָראָוויטש זיך געהאַלטן פאר א סאָציאַליסט. ווען ער האָט געענדיקט דעם אוניווערסיטעט, איז ער אָנגעקומען אַפּ א מעלוכע־פּאָסטן און האָט גלײַך פארגעסן אין זײַנע יוגנט־זינד.

א לאַנגע צײַט איז ער געווען דער עלטסטער דאָקטער און דער פאַרוואַלטער פון די גרעסטע פּסיכיאַטרישע קראַנק־הײַזער, האָט ניט געוווּסט פון קיין זאָרגן, האָט באַקומען טשינעס און אָרדנס און איז געווען ווײַט פון וועלכע ס׳ניט איז באַזונדערע סאָציאַלע און מאָראַלישע באַדערפענישן. זײַן לעבן איז דורכגעגאַנגען רויִק און גלאַט, ווי א שטיל טײַכל. עס האָבן זיך ניט פאָרויסגעזען קיינע ענדערונגען. מענטשן פלעגן אויך ווײַטער משוגע ווערן, האָבן אָנגעפילט די פּאַלאַטעס פון דעם פּסיכיאַטרישן קראַנקן־הויז, האָבן זיך אין אופרעגונג געקלאַפּט מיט די צעהיצטע קעפּ אין די ווענט. וולאַדימיר ניקאַנאָראָוויטש פלעג רויִק אַרומגיין באַטראַכטן די קראַנקע, פלעג זיי צושרײַבן וועראָנאַל און אַנדערע נאַרקאָטישע זאַכן, און אין די אָוונטן פלעג ער שפּילן אין „ווינט" אָדער אין „פּולקע" און האָט אָפּטמאָל געגעסן וואַרמעס באַם פּאָליצמייסטער.

אָבער קיין שום זאַך דויערט אַפּ דער וועלט ניט אייביק.

איינמאָל האָט דער פּאָליצמייסטער בייס אַן אײַנגעלאַדענער וועטשערע אוועקגעזעצט וולאַדימיר ניקאַנאָראָוויטשן ניט אַפּ דעם אָרט באַם טיש, אַפּ וועלכן יענער האָט אויסגערעכנט. דאָס האָט שטאַרק אָנגערירט זײַן קרענקלעכע אייגנליבע. וולאַדימיר ניקאַנאָראָוויטש האָט זיך אומגעקערט אַהיים אַן אומרויִקער, אין קאַס

און באַליידיקט. א גאנצע נאכט האָט ער זיך געדרייט, האָט ניט געקאָנט איינשלאָפנ, און אינדערפרי האָט ער זיך אופגעהויבנ פֿר־נעם בעט א „דעמאָקראַט“ און א פארביסענער פייַנט פונ אלערליי מינים טשינעס.

ער האָט אפ א צייַט פארבאהאלטנ די באַליידיקונג און האָט באשלאָסנ נעקאָמע צו נעמענ אינ זייַנ באַליידיקער.

„איך וועל אים אָפּסאמענ דאָס לעבנ! איך וועל אים שטעלנ צו שאנדע פאר דער גאנצער וועלט!“ — האָט פעסט באשלאָסנ וולאדימיר ניקאנאָראָוויטש.

גאָר אינגיכנ האָט ער געהאט דערצו א געלעגנהייַט.

דער פּאָליצמייסטער האָט געפייַערט זייַנ פופציקיאָריקנ יובי־ליי. באקומענ אנ איינלאדונג, איז וולאדימיר ניקאנאָראָוויטש ניט געגאנגענ אפ דער פייַערונג, נאָר ער האָט אפ זייַנ אָרט אויס־געריכטעט זייַנ קליינ הינטל דזשילדע. ער האָט אפ דעמ ארופגע־צויגנ א מונדיר מיט א רויטנ אונטערשלאק, האָט אים באהאנגענ מיט אלע זייַנע אָרדנס און אויסצייכנונגענ און האָט באפוילנ דעמ שווייצאר, ער זאָל אים אָפּטראָגנ צום יובילאר. אינ דעמ באַליי־טבריוו, וואָס וולאדימיר ניקאנאָראָוויטש האָט אייגנהענטיק אָנ־געשריבנ, איז געזאָגט געוואָרנ, אז אזויווי מ'האָט אים עקסטרע ארויסגערופנ צו א קראנקנ, קאָנ ער, וולאדימיר ניקאנאָראָוויטש, צום באדויערנ, ניט קומענ אפנ מיטיק, און אפ זייַנ אָרט שיקט ער זייַנ בעסטנ פרייַנט — דאָס הינטל דזשילדע, וועלכעס ער בעט אופנעמענ מיט ווירדע און אוועקזעצנ באמ טיש, אנטשפּרעכיק צו זייַנע אָרדנס...

וולאדימיר ניקאנאָראָוויטשס ווילד שפּיצל האָט אלעמענ צעטומלט, ווי א פלוצעמ אומגעוואלגערט הויז. באמ פּאָליצמייס־טער האָט זיך אָפּגערופנ די ברוסט־זשאבע, און דער פּאָליצמייסטער־שע איז געוואָרנ אזוי שלעכט, אז עס האָבנ ניט געהאָלפנ די אויסגעפּרוּווטע טראדיציאָנעלע פּראָשקעס, וועלכע זי האָט אפ יעדנ פאל געהאט אינ קאָמאָד, און מ'האָט זי געמוזט

אונטערקלייגן אין בעט. די געסט האָבן זיך פאַרלוירן, זײַנען אויס העפלעכקייט א ביסל געזעסן און האָבן גיך פאַרלאָזט דעם פּאָליצײַמייסטערס הויז.

אפן צווייטן טאָג האָט די גאַנצע שטאָט גערעדט וועגן דעם פאַרשטערטן יובּילײַ. און אין הארצן האָט מען געלאַכט פונעם אומגליקלעכן יובּיליאַר און געהאַלטן וולאַדימיר ניקאַנאָראָוויטשן פאַרן גרעסטן העלד און רעוואָלוציאָנער פון אונדזער צײַט.

— נו, האָט ער עס צוגעטראַכט! ער האָט דאָס אלטע פאָרל דערהארגעט. שוין איין מאָל א דרייסטער. האָט ניט מורא אפילע פאַר דעם פּאָליצמייסטער.

פאַר זײַן אופטו האָט וולאַדימיר ניקאַנאָראָוויטש באַצאָלט מיטן פאַסטן אין שפּיטאָל. אָבער דערפאַר איז ער געוואָרן דער פּאָפּולערסטער מענטש אין שטאָט און האָט זיך דערוואָרבן א רײַכע פּראַקטיק. ער האָט אָנגעהויבן ארויסצוגעבן „אונדזער זשורנאַל“, אין וועלכן ער האָט פּראָפּאַגאַנדירט זײַנע נײַע אָנשויונגען און האָט געדרוקט שטאַרק לאַנגע סקיצן וועגן דער פּסיכאָלאָגיע פון זינען. פון צײַט צו צײַט האָט ער דעמאַסקירט זײַנע געוועזענע פרײַנט. אָט באַווײַזט זיך אַן ארטיקעלע וועגן דעם פאַלן פון דער מאָראַל, אָט שוועבט דורך א נאָטיץ וועגן כאַבאַר און מעדיקישע גאַנייִוועס אין די וווילטעטיקע אַנשטאַלטן פון אונדזער געבענטשטער שטאָט, אָט גייט א דערציילונג וועגן אויסגעלאַסנקייט און גאָטלעסטערונג פון דעם אָדער יענעם פאָטער פון א הויכגעשטעלטער פאַמיליע. און יעדעס מאָל נאָך אזא מין דעמאַסקירן פלעגט וולאַדימיר ניקאַנאָראָוויטשס נאָמען ווערן נאָך פּאָפּולערער, און צוזאַמען דערמיט איז געוואַקסן אויך זײַן קליענטור.

אין זײַן זשורנאַלעכל איז אָפּגעדרוקט געוואָרן מײַן ערשט ווערק.

איך האָב באַקומען א בריוו פון וולאַדימיר ניקאַנאָראָוויטשן, אין וועלכן ער האָט אויסגעדריקט זײַן ווונטש זיך מיט מיר

פערזענלעך צו באקענען און האָט געבעטן אַרײַנגײן אין רע־דאַקציע וועגן אונטערהאַנדלונגען מיקויעך סיסטעמאַטישער אַר־בעט אינעם זשורנאַל. איך האָב מיט גרויס כּיישעק אָנגענומען דעם פֿאָרשלאָג און בין גלײַך דעם צווייטן טאָג אַוועקגעגאַנגען צו וולאַדימיר ניקאַנאָראָוויטשן.

איך בין שעמעוודיק אַריבערגעטראָטן די שוועל פֿון דער רע־דאַקציע. איך האָב ניט־דרייסט אָנגעקלאַפּט אין טיר, אַף וועל־כער ס'איז געווען צוגעקלאַפּט אַן עמאַל־שילדל מיט אַ בלויען אויפֿ־שריפֿט: „קאַבינעט פֿונעם רעדאַקטער".

— גייט אַרײַן, — האָט זיך דערהערט פֿונעם קאַבינעט.

איך בין אַרײַנגעגאַנגען. וולאַדימיר ניקאַנאָראָוויטש איז גע־זעסן באַם טיש און האָט געשריבן. איך האָב זיך אים פֿאָרגעשטעלט. אין זײַנע בלויע אויגן האָט אַ בליץ געטאָן אַ באַגריסונג צו מיר, אַף זײַן פּאָנעם האָט זיך באַוויזן אַ ווייכער שמייכל. ער האָט זיך אונטערגעהויבן, האָט מיר איבערן טיש אַריבער אויסגעשטרעקט די פֿליישיקע, אויסגעצערטלטע האַנט און האָט פֿרײַנטלעך אָנגע־הויבן ריידן:

— אַ גוט־העלף, אַ גוט־העלף. איך בין זייער צופֿרידן זיך צו באַקענען... זייער צופֿרידן... זעצט זיך, ליבינקער... אַנטשולדיקט. אין אַ מינוט אַרום בין איך אינגאַנצן אין אײַער רעשוס. אייַ פּראָזע געבליבן צו דערשרײַבן, קוקט דערווײַל דורך אַ צײַטונג אָדער אַ פֿרישן זשורנאַל...

— באַאומרויִקט זיך ניט, ביטע, איך וועל גערן צוואַרטן. איך האָב אַטאַק פֿרײַע צײַט.

איך בין אָפּגעגאַנגען פֿונעם טיש און האָב אָנגעהויבן באַ־טראַכטן דעם צימער. אומבאַמערקט פֿאַר זיך האָב איך זיך דערזען באַם ביכער־שראַנק. לײַכטער פֿון אַלץ איז צו דערקע־נען אַ מענטשן לויט די ביכער, וועלכע ער קלײַבט זיך אונטער, און איך האָב זיך אָנגעהויבן באַקענען מיט וולאַדימיר ניקאַנאָראָ־וויטשן לויט זײַן ביבליִאָטעק.

— נו, אָט בין איך פֿאַרטיק, — האָט ער זיך אופֿגעהויבן פֿאָרנעם טיש, האָט מיך אָנגענומענע פֿאַרן עלנבויגן און האָט מיך נאָך זיך אוועקגעצויגן אפֿן ווייכן לעדערנעם דיוואַן. — לאָזט מיך אפֿ אײַך א קוק טון, ווי איר זעט אויס... איר שרײַבט ניט שלעכט. אָבער פֿאַרוואָס אַזוי מינאָר? דערציילט, וויאַזוי לעבט איר, וואָס טוט איר?..

איך האָב אינקורצן דערציילט וולאַדימיר ניקאַנאָראָוויטשן מײַן לעבנס־געשיכטע, האָב זיך אָפּגעשטעלט אפֿ די שוועריקײַטן, וועלכע זײַנען פֿאַר מיר געשטאַנען, און אפֿ די אומקלאָרע פּערספּעקטיוון אפֿ ווײַטער.

— פֿונוואַנען זאָלן זיך אין אָט דער לאַגע נעמען פֿריילעכע מאָטיוון? זיי וועלן קלינגען ניטנאַטירלעך אין אויסגעטראַכט... אָבער אונדזערע טרויעריקע און שווערע פֿאַרבן באַטײַטן אפֿ קיין פֿאַל ניט קיין פּעסימיזם. פֿאַרקערט, זיי זאָגן אָט וואָס: זעט, ווי שלעכט מענטשן לעבן. מ'דאַרף דאָס לעבן מאַכן בעסער. דאָס הענגט אָפּ פֿון אונדז אַליין, פֿון אונדזער קאַמף, פֿון אונדזער אײַנגעשפּאַרטקײַט, — האָב איך פֿאַרענדיקט מײַן ווידע.

וולאַדימיר ניקאַנאָראָוויטש האָט מיך געהערט אופֿמערקזאַם, האָט געקרעכצט און אָפּט געזיפֿצט.

— איר, ייִדן, זײַנט מאָדנע מענטשן, — האָט ער געזאָגט, — עכטע מאַרטירער! און איר מוטשעט זיך אינגאַנצן אומזיסט. איר האַלט זיך שוין צו שטאַרק באַם אַלטוואַרג. וואָס גיט עס אײַך, דאָס דאָזיקע ייִדנטום? און ווער דאַרף עס האָבן? פֿריִער פֿאַר אַלץ דאַרפֿט איר, ייִדן, עס ניט האָבן. איר האָט פֿאַרגעניגן פֿון אײַערע אייגענע ליידן און סאַמט מיט זיך אָפּ אַנדערע, בײַ אײַך איז זייער גרינג פֿון זיי פּאָטער צו ווערן. איר דאַרפֿט נאָר וועלן. פֿון אײַך פֿאָדערט מען, איר זאָלט פֿאַרבײַטן אײַער גרינעם קאָלפּעק אפֿ א שוואַרצן. טוט עס צוליב. טוט אָן א שוואַרצן, בוקט זיך צום גאַלעך אָנשטאָט דעם ראָוו. פֿון דעם וועט קיינעם ערגער ניט ווערן, און אײַך וועט זײַן לײַכטער און בעסער. פֿאַר

אײַכ וועט זיכ עפּענענ א בּרייטער וועג אינעמ עכטנ לעבּנ... מיינט נאָר ניט, אז איכ בּינ געשטימט קעגנ דעמ ייִדנטומ. פאַרקערט, איכ שאצ זייער ייִדנ, אונ איכ רעד מיט אײַכ אַפּ דער כעמע דערפאר, ווײַל איכ ווינטש זיי גוטס אונ גליק.

— איר רעדט מאָדנע, וולאדימיר ניקאנאָראָוויטש. לויט אײַכ בּאקומט זיכ, אז די ייִדנ זײַנענ אליינ שולדיק אינ דעמ, וואָס מע אונטערדריקט זיי. אונ שולדיק זײַנענ זיי שוינ בּלויז מיט דעמ, וואָס זיי זײַנענ ייִדנ. אָנשטאָט קאמפּ קעגנ דער עקספּלואטאציע פונ איינ מענטשנ דורכנ צווייטנ, קעגנ פארקנעכטונג אונ אונטערדריקונג, דערינטער אויכ נאציאָנאלער, לייגט איר פאָר צו קעמפנ מיטנ ייִדנטומ. פארניכטנדיק דאָס ייִדנטומ, וועלנ מיר, געוויס, פארניכטנ אויכ די פארשאָלטענע ייִדנפראגע אונ אסאכ אומאנגענעמלעכקײַטנ, וואָס זײַנענ דערמיט פארבּונדנ. ניטאָ וואָס צו ריידנ, א מיטל בּיז גאָר אנ אָריגינעלס אונ ראדיקאלס, ווי א כירורגיש מעסער... אגעוו, די אָריגינעלקײַט אונ פרישקײַט פונ אָט דעמ מיטל ווערט אָפּגעלייקנט דורכ אסאכ היסטאָרישע פאקטנ, אָנגעהויבּנ פונ די מיטלאלטערלעכע אויטאָ־דע־פעס אונ געענדיקט מיט די שרעקלעכע פּאָגראָמענ פונ אונדזער צײַט... זײַט מויכל, וולאדימיר ניקאנאָראָוויטש, פאר אָט דעמ פארגלײַכ. ער האָט צו אײַכ פּערזענלעכ קיינ שײַכעס ניט. איכ ווייס גוט אײַער גרויסע לאָיאלקײַט צו ייִדנ...

וולאדימיר ניקאנאָראָוויטש האָט ניט דערוואַרט אזא הייסנ אָפּאָנענט.

— מ־יאָ, ממ־יאָ, — האָט ער געמעקעט, א ניטצופרידענער מיטנ כאראקטער, וואָס ס׳האָט אָנגענומענ אונדזער שמועס, — וואָס פאר א פּאָזיטיווס לייגט איר פאָר?

— איכ האָבּ דאָכ אײַכ געזאָגט, וולאדימיר ניקאנאָראָוויטש, פארבּײַטנ איינ קאָלפּעק אַפּ א צווייטנ וועט דאָ ניט העלפנ. איכ טראכט אויכ וועגנ כירורגיע, פּונקט ווי איר. אָבּער ניט וועגנ אזא כירורגיע, וועגנ וועלכער איר האָט נאָרוואָס דערמאנט. לויט מײַנ

מיינונג, איז דער, וואָס טראַכט ערנסט וועגנ דער באַפרייונג פונ די אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטנ, מוז אומפּאַרמײַדלעכ טראַכטנ אויכ וועגנ פאַרניכטנ די קלאַסנ־געזעלשאַפט...

— אָבער דאָס איז דאָכ סאָציאַליזמ,— האָט מיכ איבערגעריסנ דער רעדאַקטער.

איכ האָב געשוויגנ.

— איכ גלייב ניט אינ אָט די פאַנטאַזיעס פונ דער יוגנט,— האָט וולאַדימיר ניקאַנאָראָוויטש צערייצט פאָרגעזעצט. — ווענ איכ בינ געווענ א סטודענט, האָב איכ אויכ געהאַלטנ אינ איינ ריידנ וועגנ די סאָציאַליסטישע אוטאָפּיעס. סענ־סימאָנ, פוריע, מאַרקס זײַנענ געווענ מײַנע געטער. אָבער דאָס אַלצ, האָט זיכ אַרויסגעוויזנ, איז א מיראַזש, אַנ אוטאָפּיע, וועלכע מ׳קאָנ ניט פאַרווירקלעכנ. אַלס סטודענט האָב איכ זיכ אָנ מוירע געלאָזט שווימענ צו די ווײַטע ברעגעס פונעמ לעגענדאַרנ גאַנײדנ. דער לעבנס־טײַכ האָט מיכ אַבנ פינפטנ צענדליק אָפּגעטראָגנ אינ א שטילערנ, אָבער איינציק־ריכטיקנ האַפנ.

עס איז געווענ אומנוצלעכ צו דיסקוסירנ. פונ אונטער דעמ שוואַרצנ קאָלפּעק האָבנ אַרויסגעקוקט די אויערנ פונ א זעלבסטצופרידענעמ בורזשוא. איכ האָב אַריבערגעפירט דעמ שמועס אַפ א שפּאַס.

— דער לעבנס־טײַכ, — האָב איכ שפּאַסנדיק געזאָגט,— פאַרטראָגט אָפט ווירקלעכ מענטשנ אַפ דער עלטער אינ שטילע האַפנס. דאָס האָט איר ריכטיק באַמערקט, וולאַדימיר ניקאַנאָראָוויטש. אָבער טוט א טראַכט, אויב מיר וועלנ אינ אונדזער גרינעמ עלטער אָנהייבנ פונעמ שטילנ האַפנ פונ ליבעראַליזמ, וווּהינזשע וועט דער לעבנס־טײַכ אונדז אָפּטראָגנ, ווענ מיר וועלנ זײַנ אינ אײַערע יאָרנ.

אונדזער שמועס האָט זיכ ווײַטער ניט געקלעפּט. צווישנ אונדז איז געלעגנ א טיפער אָפּגרונט. אינגיכנ האָב איכ זיכ געזעגנט מיטנ דאָקטער אונ בינ אַוועקגעגאַנגענ מיט גאָרניט. וולאַ־

דימיר ניקאנאָראָוויטש האָט מיט קײנ וואָרט ניט דערמאנט וועגנ מײַנ ווײַטערדיקער ארבעט אינ זשורנאל. איכ האָב אויכ ניט גע־האלטנ פאר מעגלעכ וועגנ דעמ אימ צו דערמאנענ.

— פונדעסטוועגנ פארגעסט ניט וועגנ דעמ שווארצנ קאָלפעק. ער וועט אײַכ צונוצ קומענ אינ לעבנ, — האָט מיר באמ אװעקגײנ געזאָגט וולאדימיר ניקאנאָראָוויטש.

— א דאנק, וולאדימיר ניקאנאָראָוויטש, פאר דער אײצע. עפ־שער וועל איכ זיכ באגײנ אָנ אָט דער מאגישער צופאסונג.

די טירנ פונ דער רעדאקציע פונ „אונדזער זשורנאל" האָבנ זיכ הינטער מיר פארמאכט אפשטענדיק. איכ האָב זיכ געשמא־קער גענומענ צו די ביכער. אָבער גאָר גיכ האָב איכ געמוזט אינגאנצנ איבערײַסנ דאָס לערנענ.

אפ דער גאס זײַנענ געשטאנענ שרעקלעכע פרעסט. גרײַז־גרויע אלטע געדענקענ ניט אזא שארפנ ווינטער. פונ בײדע פאָ־ליוסנ וועלט האָבנ זיכ מיט א ווילדנ געוווי געריסנ אפ אונדזער ניטבאשיצטער גאס מאכנעס פערציק־גראדיקע פרעסט. א צונויפ־געשמידטע דורכ גליווערדיקער קעלט, האָט די גאס טויב געקרעכצט. צײַטנווײַז האָט זיכ גענומענ, אז די גאס וועט ניט אויסהאלטנ דעמ דרוק אונ וועט זיכ, א צעקוועטשטע דורכ די פרעסט, צעשיטנ אפ קלײנע שטיקלעכ, ווי עס צעשיטנ זיכ שיפנ, צונויפגעדריקטע דורכ די אײַזבערג.

מענטשנ האָבנ געפרוירנ, האָבנ פארשטעקט מיט פארשײדנ־ערלײ שמאטעס די לעכער אינ די הײַזער, האָבנ זיכ געטוליעט צו די אויוונס, האָבנ אָבער ניט געקאָנט בײַקומענ די קעלט. אפ דער גאס האָט מענ פארברענט אלע פלויטנ, אויסגעהאקט די בײ־מער אפנ בײסוילעמ, אראָפגענומענ די הילצערנע שטיבלעכ אפ די קוואָרימ, אָבער די קעלט אינ די שטיבער איז ניט קלענער געוואָרנ.

די קינדער האָבנ פאר קעלט געציטערט אונ האָבנ געבעטנ עסנ. אָבער ווו נעמט מענ ברויט? גוט וואָלט געווענ, ווענ אפ

דער גאס זאָל זײַן בלויז א פראָסט. אָבער צוזאמענ מיטנ פראָסט האָט זיך אינ אָט דעמ גרויזאמענ ווינטער אָנגערוקט א שרעקלעכע ארבעטלאָזיקײַט.

מײַנ פּאָטער איז שוינ פיר כאדאָשימ אָנ ארבעט. יעדנ פאר־טאָג טוט ער אָנ די אויסגעריבענע אלטע וואלינקעס אונ דעמ שפּענצער, ער טוט אָנ דעמ רויטנ גארטל, רוקט אראָפּ די היטל איבער די אויערנ, נעמט די האק אונ גייט אוועק.

— א גליקלעכנ וועג, עלי, זאָל גאָט געבנ האצלאָכע, — זאָגט די מוטער, באלייטנדיק דעמ פּאָטער.

אינאָוונט קערט זיך דער פּאָטער אומ אהיימ א מידער אונ אינ קאס.

— דער רועכ ווייסט, ווו מ'געפינט ארבעט, — וואָרטשעט ער.

— וואָלסט עפּשער ארײַנגעגאנגענ צו קאצענעלנסאָנענ, וואָלסט אימ געבעטנ, — באמערקט טרויעריק די מוטער: — ער איז דאָכ א ייִד...

— זאָל ער פארברענט ווערנ, דײַנ קאצענעלנסאָנ! — ענטפערט דער פּאָטער א צערייצטער.

— מײַנ קאצענעלנסאָנ! קאָנסט זיך אימ נעמענ! — ענטפערט אָפּ די מוטער.

— איכ דארפ אימ ניט. איכ שיק קיינעמ ניט צו אימ.

— איכ שיק אויכ קיינעמ ניט. איכ רעד בלויז וועגנ אר־בעט...

— טשעפּע זיך אָפּ, איכ בעט דיכ...

— ווער טשעפּעט דיכ דענ? האָסטו געזענ, ס'א פּאָרעצ דאָס איז, מ'טאָר אימ שוינ קיינ וואָרט ניט זאָגנ...

אונ אינ שטוב גייט נאָכ לאנג די קריגערײַ. אלע זײַנעט הונ־געריק, נערוועז, צערייצט, אונ יעדע מינדסטע קלייניקײַט רופט ארויס לאנגע שפּארענישנ.

דער מוטער איז שווערער, ווי וועמענ ס'ניט איז אינדערהיימ. זי ליפּט מער פונ אלע ארומ, לײַדט פאר יעדערנ פונ אונדז

באזונדער און פאר אלע צוזאמען, און זי מוז דאָך אפּ עמעצנ אויסגיסנ אירע צאָרעס.

— קיינ שום כאָלערע נעמט אונדז ניט. בּא מענטשנ שטארבּנ די קינדער בינטלעכווײַז, — וואָרטשעט זי פונ אינדערפרי ביז באנאכט.

די קליינע העני ליגט אפּ די שטולנ און קרעכצט. בּא איר איז געשוואָלנ דאָס פּאָנעם און די פיס. דער דאָקטער פײַערטאָג זאָגט, אז דאָס איז בּא איר פונ הונגער. מאָדנע זאכנ קומענ פאָר אפּ דער וועלט: עסטו אסאך — ווערסטו געשוואָלנ, הונגערסטו — ווערסטו אויך געשוואָלנ. גיי פארשטיי עפּעס נאָך דעם אלעמענ.

— מ׳דארפ דאָס קינד האָדעווענ, — זאָגט פײַערטאָג. — דאָס אלצ נעמט זיך פונ ניט דערעסנ יויך, ווײַס פלייש, קיסעל. און אינ שטוב דארפ זײַנ ווארעמער. בּא אײַך איז דאָ קאלט. מ׳דארפ דורכהייצנ. דאָס קינד קאָנ זיך פארקילנ. קיינ רעפּועס דארפ מענ ניט.

— פּאניע דאָקטער, פארשרײַבּט דעם קינד עפּעס א רעפּוע. האָט ראכמאָנעס. אָנ א רעפּוע וועט דאָס קינד שטארבּנ. איך וועל אײַך פארנ רעצעפּט באצאָלנ, — בעט די מאמע מיט טרערנ אינ די אויגנ דעם דאָקטער פײַערטאָג.

א גאנצנ טאָג לויפט זי ארום ארום דעם קראנקנ קינד. וואָס טוט זי ניט איבער, קעדיי צו קריגנ פאר זײַנעטוועגנ עפּעס וואָס אָפּצועסנ! די לעצטע קישנ פונ שטוב איז שוינ לאנג פארזעצט בּא איציק ראָגינסקי. און מיט עטלעכע טעג צוריק האָט די מוטער ארויסגעשלעפּט פונ אונטערנ בעט די שאבּעסדיקע לײַכטער, האָט זיי אָפּגערייניקט מיט זאמד, ווי מ׳רייניקט זיי אפּ פּייסעך אָדער אפּ ראָשעשאָנע, האָט זיי פארוויקלט אינ א האנטעך און האָט זיי מיט טרערנ אינ די אויגנ ארויסגעטראָגנ פונ דער שטוב. מיט אזא געוויינ טראָגט מענ פונ הויז ארויס א מעס.

צוזאמענ מיט די לײַכטער איז פארשווונדנ די לעצטע האָפע־נונג. מער איז ניטאָ וואָס צו פארזעצנ, מער איז ניטאָ וואָס

צו פארקויפנ. וואָס וועט זײַנ מאָרגנ? וואָס וועט זי מאָרגנ געבנ עסנ דעמ קראנקנ קינד?

די שוועסטער העני ווערט אלצ מער אונ מער געשוואָלנ. ס'איז ניטאָ מיט וואָס זי צו האָדעווענ. דער טאטע איז נאָכ אלצ אָנ ארבעט. ווי ווייטעקדיק עס איז אימ ניט געווענ צו גײנ זיכ בעטנ צו קאצענעלנסאָנענ, האָט ער דאָכ איינמאָל נאָכ א קריגערײַ מיט דער מוטער אָנגעטאָנ דעמ שפּענצער אונ איז וואָרטשענדיק ארויסגעגאנגענ פונעמ הויז. אינ די אויגנ בא אימ זײַנענ געשטאַנענ טרערנ.

— טויטע גײענ אינ קײווער ארײַנ מיט א פרײלעכער הארצ, ווי איכ גײ צו דײַנ קאצענעלנסאָנענ, — האָט ער אינ קאס א זאָג געטאָנ אונ האָט א זעצ געגעבנ מיט דער טיר.

— אוואדע, קאצענעלנסאָנ איז ניט קײנ מאלעכ, אָבער וואָס קאָנ מענ טונ? — האָט זיכ די מוטער פארענטפערט.

קאצענעלנסאָנ דעמ זאוואָדטשיקס הויז האָט זיכ געפונענ אינ צענטער שטאָט. לאנג האָט זיכ דער פאָטער ארומגעדרייט ארומ מויער, האָט ארײַנגעקוקט אינ די פענצטער אונ האָט זיכ ניט אנטשלאָסנ ארײַנצוגײנ. ער איז געווענ זיכער, אז דערפונ וועט גאָרניט ניט ארויסקומענ. טויזנטער אזוינע, ווי ער, גײענ ארומ אָנ ארבעט, דערנידעריקנ זיכ, זײַנענ גרייט פאר א נישטיקנ געצאָלטס צו ארבעטנ טאָג אונ נאכט, אָבער קאצענעלנסאָנ קאָנ זײ ניט געבנ קײנ ארבעט. זײַנע סקלאדעס זײַנענ איבערגעפילט מיט סכוירעס, אונ דער מארק איז איבערגעזעטיקט אונ איז זײ ניט בעקויעכ אײַנצושלינגענ. די סכוירעס פוילנ, אונ קאצענעלנסאָנ איז געצווּונגענ אָפּצושטעלנ איינ צעכ נאָכנ אנדערנ. קאצענעלנסאָנ וועט ניט געבנ קײנ ארבעט. עמעס, ער קענ אימ פאר א טיכטיקנ אונ אָרנטלעכנ ארבעטער, ער שטעלט אימ אמאָל אָפּ, פרעגט אימ, וואָס ס'הערט זיכ אפ דער וועלט, אונ אויסהערנדיק וועגנ עפּעס אנ אינטערעסאנטער געשעעניש, טוט ער אימ א קלאַפּ איבער דער פּלייצע, טוט א שמייכל אונ זאָגט

— האָסט א קאָפּ פון א מיניסטער, עלי. א שאָד, וואָס דו ביסט א טעסלער.

און באַם טאַטן ווערט ביסלעכווײַז געבוירן א האָפענונג. פאַרוואָס, אייגנטלעך, זאָל אים קאַצענעלנסאָן ניט געבן קיין אַרבעט? מ׳דאַרף אים נאָר א בעט טון, אים דערציילן וועגן זײַן שווערער לאַגע, ער וועט אים געוויס געפינען עפּעס אַן אַרבעט. אויב ניט אפן זאַוואָד גופא, איז אפן סקלאַד אָדער אפ אַוועלכן ניט איז אַנדער אָרט. עס וועט ניט זײַן קיין טעסלערשע אַרבעט, וועט ער קאָנען בעטן אַן אַנדער אַרבעט — שלעפּן קלעצער, איבערלייגן ברעטער, רייניקן די דעכער פון שניי, האַקן אײַז, הייצן די אויוונס.

א געמונטערטער פון דער האָפענונג, פאַרגעסט דער פאָטער, אַז ער איז מיד, און אַז ס׳דרייט זיך אים דער קאָפּ פונעם לאַנגן ניט־דערעסן. ער גייט דורך אפן הויף צו קאַצענעלנסאָנען און קלאַפּט שעמעוודיק אָן אין דער קיך־טיר.

— ווער איז דאָרט? — פרעגט אפ יענער זײַט טיר די אַלטע ראָכל, קאַצענעלנסאָנס דינסט.

— דאָס בין איך, ראָכל, עלי דער טעסלער פון דער בייסוילעם־גאַס. רעב מאַטעס איז אינדערהיים?

— אינדערהיים, טײַערינקער, גיי אַרײַן. ס׳אַרא פראָסט ס׳איז אינדרויסן. אַוואַדע איז ער אינדערהיים. ווו דען זאָל ער זײַן אין אַזא קעלט?

דער פאָטער טרייסלט אָפּ די פיס, גייט אַרײַן אין קיך אַרײַן, בלאָזט אין די צונויפגעלייגטע דלאָניעס, קעדיי א ביסל אָנצוואַרעמען די הענט. ראָכל פאַרשליסט די טיר און גייט מעלדן קאַצענעלנסאָנען.

פונעם קיך־טיש קוקן צוציִענדיק געשמאַק אַראָפּ שטיקלעך פריש ברויט, וואָס זײַנען געבליבן פון נאָכן מיטיק. פונעם אומריינעם געפעס, וואָס איז צונויפגעלייגט אין ניט קיין הויך בערגל, שמייכלט אַראָפּ א קאַלט־געוואָרענער קאָטלעט. דער רייעך פונעם

עסנ טוט פּאַרעטעריש א זעצ אינ נאָז אַרײַנ. דעמ פּאָטער הײבט אָנ צו נודיענ. עס דרײט זיכ אימ דער קאָפּ. ער טוט זיכ א װאַקל. אָט־אָט װעט ער אומפאַלנ, װעט פאַרלירנ דעמ באַװוסטזײַנ. ער גײט צו צומ טיש, כאַפּט דעמ קאָטלעט, טראָגט אימ גיכ צו צומ מויל. אָבער פּלוצעמ דערמאַנט ער זיכ, רײַסט אָפּ די האַנט פונעמ מויל, רוקט אַרײַנ דעמ קאָטלעט אינ בוזעמ אַרײַנ, נעמט מיט ציטערנדיקע הענט צונויפ דאָס ברויט פונעמ טיש אונ לאָזט עס גיכ אַראָפּ אינ קעשענע אַרײַנ. אינ קאָפּ לויפט דורכ א נאַרישער פּאַכ־דאָנעסדיקער געדאַנק: „גיכער אַנטלויפנ פונדאַנענ! באַלד װעט אַרײַנגײנ קאַצענעלנסאָנ, ער װעט מיכ באַראַבעװענ, װעט צונעמענ דעמ קאָטלעט אונ דאָס ברויט!” אָבער דער פּאָטער פאַרטרײַבט אָט דעמ געדאַנק, נעמט זיכ אינ די הענט אונ האַלט זיכ רויִק.

עס גײט אַרײַנ קאַצענעלנסאָנ. ער גײט אָנגעטאָנ אינ א גרינער װאָלענער פּיזשאַמע, אָפּ די פיס גײט ער הײמישע שטעק־שיכ, אָפּנ קאָפּ—א זײַדענע יאַרמאָלקע, אינ מויל—א האַװאַנע־סיגאַרעטע.

— א גוטנ אָװנט, רעב מאַטעס, — גריסט זיכ דער פּאָטער.

— װאָס װעסטו זאָגנ, עליע? נאָכ װאָס ביסטו געקומענ?

— װאָס זאָל איכ אײַכ זאָגנ, רעב מאַטעס? ס'איז ביטער. איכ זיצ שוינ א האַלב יאָר אָנ אַרבעט. אַלצ אופגעגעסנ. מיר שטאַרבנ פונ הונגער. דאָס קינד האַלט בא שטאַרבנ. איכ בינ געקומענ בעטנ אַרבעט. איכ װעל גײנ אָפּ װאָס פאַר אַנ אַרבעט ס'װעט זײַנ.

דער פּאָטער שטעלט זיכ אָפּ. ער קאָנ װײַטער ניט רײדנ. דער קאָפּ דרײט זיכ בא אימ. װאָס איז די לעצטע צײַט געװאָרנ מיט זײַנ קאָפּ? ער דרײט זיכ, װי א קאַרוסעל! קעדײ ניט אומ־צופאַלנ, קלאַמערט ער זיכ מיט בײדע הענט אײַנ אינעמ טיש, מאַכט א געװאַלדיקע אָנשטרענגונג אונ באַהערשט זיכ נאָכאַמאָל.

— עליע, ביסט דאָכ ניט קײנ נאַרישער מענטש. דו פאַר־שטײסט דענ אַלײנ ניט די לאַגע? װאָס קאָנ זײַנ פאַר אַנ אַרבעט בא אַזא קריזיס? איכ האָב אָפּגעשטעלט אַלע צעכנ. איכ האָב

געוואלדיקע העזייקעס. איך ווייס ניט, וויאזוי איך וועל אליינ ארויסקריכנ פונ אט דער מיעסער געשיכטע.

— כאטש וועלכע ס'ניט איז ארבעט, רעב מאטעס. קלעצער טראגנ, האלצ האקנ.

— מ'רעדט מיט דיר, ווי מיט א קלוגנ מענטשנ, אונ דו רעדסט נארישקייטנ. מ'דארפ זיכ די צייט ווי ס'ניט איז דורכהאלטנ. מ'דארפ לעבנ שפארזאמער. א גוטע נאכט, עליע. ראכל, פאר־שליס די טיר.

אונ קאצענעלנסאנ לאזט איבער דעמ טאטנ אליינ. עס גייט אריינ ראכל.

— א שווערע צייט, — זיפצט זי, — וויפל מענטשנ קומענ אומ פונ הונגער אונ קעלט! וואס מאכט העני?

ניט ענטפערנדיק גארניט דער גוטער אלטיטשקער, גייט דער פאטער אהיימ.

— נו? — באגעגנט אימ די מוטער בא דער טיר.

— וואס „נו"־קעסטו צו מיר? איך בינ דאכ ניט קיינ פערד! לאז מיכ כאטש איינ מאל אינ לעבנ רויק אויסטונ זיכ, כ'האב פונ דיר ניט קיינ רו ניט באטאג, ניט באנאכט.

— איכ לאז אימ ניט צורו! וואס זאגט איר עפעס אפ מייג אומגליק? אליינ טשעפעט ער זיכ, ווי א מעשוגענער הונט, אונ איכ לאז אימ ניט צורו.

— איכ טשעפע זיכ! גאנצע טעג אונ נעכט שטייסטו צו: „גיי, גיי!" נו, בינ איכ געגאנגענ. איצט ביסטו צופרידנ, יא? פאר־שאלטנ זאל ער ווערנ, דייג קאצענעלנסאנ! פארברענט זאל ער ווערנ מיט אלע זיינע זאוואדנ אונ מיט דער ארבעט!

די מאמע האט ניט וואס צו ענטפערנ. דער פאטער נעמט ארויס פונ הינטערנ בוזעמ די נעבעכדיקע רעשטלעכ פונעמ צע־קוועטשטנ קאטלעט, גייט צו צו דער קראנקער העני.

— נא, טאכטער, עס. דעמ קאטלעט האב איכ דיר געקויפט אינ שטאט.

די מאמע נעמט באַם פֿאָטער דעם קאָטלעט, האָדעוועט דאָס קראַנקע קינד.

— עס, טײַערע, עס. דער דאָקטער האָט געזאָגט, אַז דו וועסט גיך געזונט ווערן.

די קינדער קוקן צו מיט קינאה, ווי די קראַנקע שוועסטער עסט. זיי ציילן יעדן ביסן איר. די קליינע דוואירע וויינט:

— איך וויל אויך זײַן קראַנק. פֿאַרוואָס איז שטענדיק בלויז העני קראַנק און מער קיינער ניט? אַלע קינדער דאַרפֿן זײַן קראַנק.

דער טאַטע נעמט אַרויס פֿון קעשענע דאָס ברויט, צעטיילט עס אויף גלײַכע טיילן, אָפּמעסטנדיק פֿריִער יעדן טייל, און גיט אונדז. די קינדער וואַרפֿן זיך דורשטיק אַרויף אויפֿן ברויט און שלינגען עס אײַן אויגנבליקלעך. די מוטער שטייט לעם מיר. פֿון אירע אויגן רינען טרערן. איך פֿאַרציִע גיט זי אָפּ דער קראַנקער העניִן.

— איך בין זאַט, איך האָב נאָרוואָס צוגעביסן. נאַ, עס, טײַערע, — זאָגט זי צוגעלאָזט צום מיידעלע.

די מוטער האָט אָפֿט אָנגעהויבן אוועקצוגיין פֿון דער היים. קיינער ווייסט ניט, וווהין זי גייט אַוועק. איך האָב שוין לאַנג אוועקגעוואָרפֿן דאָס לערנען און זוך, פּונקט ווי דער פֿאָטער, גאַנצע טעג האָפֿענונגלאָז אַרבעט. מיר קומען קיםאַט ניט אַהיים. די קליינע קינדער פֿאַטערט די מאַמע אָפּ מיט אַ פּוסטן ענטפֿער.

— וווהין גייסטו, מאַמע? — וויינט די קלייניקע דוואירע. — גיי ניט אַנערגעץ.

— איך וועל באַלד קומען. איך וועל נאָר אַראָפּלויפֿן נאָך ברויט.

און די מאַמע אײַלט ערגעץ־וווהין, קעדיי ניט צו פֿאַר־שפּעטיקן.

איינמאָל האָב איך זיך מיט איר צופֿעליק צונויפֿגעטראָפֿן, דאָס

איז געווען אפן צווייטן עק שטאָט. אָן א פאלטאָ, צוגעדעקט איבערן קאָפּ מיט א גרויס צעריסן ווינטערדיק טיכל, איז זי געשטאנען אפ א ראָג מיט אן אויסגעשטרעקטער האנט און, ציטערנדיק שטארק פאר קעלט, האָט זי שטיל געבעטן:

— האָט ראכמאָנעס, גוטע מענטשן. צען נעפּאשעס אָן ברויט. א קינד שטארבט פאר הונגער. גאָט וועט אייַך העלפן.

„אָט וווהין די מאמע גייט אוועק!" — האָט מיך, ווי מיט א שארפן מעסער, א שניט געטאָן איבערן הארצן, און איך האָב זיך א וואָרף געטאָן לויפן אהיים.

אינגיכן האָט זיך אומגעקערט די מוטער. זי האָט אונדז געבראכט ברויט.

צוועלפט קאפיטל

ספינאָזע און דער שנײַדער.

גאנצע טעג דריי איך זיך ארום בא די טויערנ פונ קאצענעלנסאָנס זאוואָד און בא די ווארשטאטנ, וואָס זײַנענ צענדליקערווײַז צעוואָרפנ איבער דער שטאָט, זוכנדיק אינײנעם מיט די הונגעריקע הינט, קעצ און הינער אינ די מיסטגריבער ארויסגעוואָרפענע רעשטלעך עסנווארג. אָבער איך קאָנ אינערגעצ ניט געפינענ קײנ ארבעט. ערשט פרילינג גיט זיך מיר, ענדלעך, אײַנ זיך אײַנצוואָרדענענ אינ האפנ אלס טרעגער. איך האָב פונ דער נאטור ברייטע פלײצעס און פעסטע מוסקולנ, און איך פאָרע זיך אײַנ פארהעלטניסמעסיק לײַכט, ניט געקוקט אפ מײַנ יונגנ עלטער, מיט די פינפפודיקע זעק.

ווענ אינ האפנ ארײַנ קומענ אָנ בארזשעס, אָנגעלאָדענע מיט מעל אָדער מיט זאלצ, שלעפ איך גאנצע טעג זעק אפנ צונויפגעבויגענעמ רוקנ, דראפע זיך פונונטנ ארופ אפ די שמאָלע טרעפ. אזייגער צוועלפ עס איך אפגיך א שטיקל הערינג מיט ברויט, פארטרינק מיט רויער וואסער, אָנשעפנדיק זי מיטנ מויל גלײַך פונעמ טײַך, און נעמ זיך ווידעראמאָל צו דער ארבעט.

אמאָל ברענגט מיר די מאמע אפ ווארמעס א טעפעלע פארקילטע קארטאָפל. זי זעצט זיך אנידער לעמ מיר אפ דער ערד, קוקט אפ מיר און, שאָקלענדיק מיטנ קאָפ, פארענטפערט זי זיך:

— קאלט געוואָרנ די בולבעס. און זיי זײַנענ געווענ גאָר הייס. ס׳איז זייער ווײַט צו טראָגנ...

דערנאָך פאַרטראַכט זי זיך און פרעגט טרויעריק:

— ס'איז דיר ניט שווער, יאָסקע, צו שלעפן די זעק? און איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט זײַן אַ דאָקטער...

און אויסווישנדיק מיט די אַרבל די טרערן פון די אויגן, גייט זי אַוועק מיטן טעפּעלע אין די הענט...

ווען אין האַפן זײַנען ניטאָ קיין באַרזשעס, ליג איך, געוויינ־לעך, אויפן ברעג, וואַרטנדיק אויף זיי, מיטן פּנים צום הימל מיט פאַרמאַכטע אויגן, אַרונטערלייגנדיק די הענט אונטערן קאָפּ, און טרוים וועגן בעסערע צײַטן. פאַר מײַנע אויגן שטייט, ווי אַ לויכט־טורעם, דער גליקלעכער גורל פון מאַקסים גאָרקי, דזשעק לאָנ־דאָן, אַווגוסט בעבעל און אייניקע אַנדערע, אויסנאַם־יחידים. עס גלוסט זיך אַזוי דערצו קומען, און עס זעט אויס אַזוי נאָענט און אַזוי לײַכט צו דערגרייכן.

אַמאָל ברענג איך מיט זיך מיט עפּעס אַ ביכל און אין פרײַער צײַט פאַרנעם איך זיך געשמאַק אונטערן פרײַען הימל. די כאַ־ווייריִם אין האַפן רופן מיך צוליב דעם פילאָזאָף, און דער טויט־שיקערער געוועזענער סטודענט — פילאָלאָג קוראָפּאַטקין, וועלכן מע האָט אַזוי אַ נאָמען געגעבן פאַר זײַנע שטענדיקע דורכפאַלן, רופט מיך פרײַלעך אָן ספּינאָזע.

— וואָס לייענסטו, ספּינאָזע? עך, געווען אַ צײַט, ווען מיר האָבן געלייענט אָן אויפהער, פּונקט ווי מיר טרינקען אַצינד דעם ביטערן טראָפּן... דעם גאַנצן הער קאַנט דורכגעלייענט, ווי „אָטשע נאַש"... לידער געשריבן... אויף אָוונטן מיט אַזויפיל געפיל דע־קלאַמירט דעם פּראָפעסאָר נאַדסאָן, אַז די קורסיסטקעס פלעגן צע־גיין, ווי די ליכטלעך... לייען, ספּינאָזע, לייען! נעם זיך אָן מיט פרעמדע געדאַנקען. מ'קאָן גאָרניט מאַכן, אַז מ'האָט ניט קיין אייגענע... דו ביסט ניט שולדיק, דײַנע עלטערן זײַנען שולדיק. זיי האָבן אינדערפינצטער ניט באַמערקט, אַז זיי באַשאַפן ניט קיין מענטשן, נאָר אַן אייזל. דער אַלטער דאַרווין, הייסט עס, האָט אַ קליינעם טעות געהאַט — ניט דער מענטש שטאַמט פון עם אייזל,

פאַר דאָס אייזל פונעם מענטשן... זײַ ניט בערויגעז, ספּינאָזע, דאָס זאָג איך דאָך אזוי, אין א שפּאס, צוליב א שיינעם אויסדרוק. דו ביסט א ווייל באָכערל, א פּלייַסיקס. לײַ מיר, ברודערל, א צענער אָט א גלעזעלע — איך מוז פאַרגיסן דעם נעכטיקן טרונק... כ׳וועל אָוועקגיין, כ׳וועל דיר ניט שטערן. איך וועל בעטן גאָט, ער זאָל פאַריכטן דײַנע עלטערנס פעלער. לײַ א צענער... איך וועל אויס־טרינקען פאַר דײַן געזונט און פאַרן געזונט פונעם פאַרשטאָרבע־נעם ספּינאָזע.

איך גיב קוראָפּאַטקינען א צענער, און א צופרידענער, הייבט ער אָן הייזעריק צו זינגען א ליד, וואָס ער האָט טאקע דאָ אפּן אָרט אימפּראָוויזירט, פּאַטשט מיט די דלאָניעס און קלאפּט מיט די פיס צום טאקט:

לאָמיר טרינקען פאַרן פילאָסאָף,
פאַרן טײַערן ספּינאָזע,
מירן ניט אָנגיסן קיין צווייטס,
ביז מירן ניט אויסטרינקען די דאָזע...

שאַבעס אַרבעטן מיר ניט. פרײַטיק פאַרן זון־פאַרגיין, נאָכן אָרבעט־טאָג, נעמען מיר אראָפּ פון די פּלייצעס און פון די רוקנס די פון שווייס נאַסע ראַנגאָזשעס, ווארפן פון זיך אראָפּ דאָס שמו־ציקע שווערע אָנטון און ווארפן זיך מיט א טומל און געשריי ארײַן אין דער פרישער וואסער, וואָס טוט א בריי מיט איר אנ־גענעמענער קעלט. מיר קערן זיך איבער, מיר טוקן זיך אונטער, שטופּן איינס ס׳אנדערע, ווארפן זיך אין וואסער ארײַן מיטן קאָפּ אראָפּ, שפּריצן מיטן מויל, שווימען אָפּ ווײַט־ווײַט פונעם ברעג. דערנאָך טוען מיר זיך אָן, נעמען אָפּ אין קאָנטאָר דאָס געלט, וואָס מיר האָבן פאַרדינט פאַר דער וואָך, און גייען אוועק אהיים. אסאך פאַרטרינקען עס גלײַך און לעבן דערנאָך א גאנצע וואָך פון דעם, וואָס זיי בעטלען אויס, און פון דריבנע גענייוועלעך.

אָפטמאָל ווארט אָפּ עמעצנס א פרוי, וואָס פאַרטרויט ניט אינ־גאנצן דעם מאנס שטאַנדהאַפטיקייַט, שאָענלאנג בא דער קאָנטאָר,

נעמט באמ מאנ צו דאָס געלט און פירט אימ אוועק אהיימ, ווי א קליינ קינד. די טרעגער איזדעקעוועג זיך שרעקלעכ איבער זייער כאווער און איבער זײַנ פרוי, שיטנ זיי אָפ מיט א האָגל הייסע זידלערײַענ.

— ווער איז דער מאנ? דו צי זי? כעוורע, טוט נאָר דאָרט א קוק...

— ווארפ אראָפ די הויזנ...

— ער גייט ניט קיינ הויזנ, נאָר ווײַבערשע מאטקעס.

דער אוילעמ לאכט.

דער מאנ און דאָס ווײַב לאָזנ שולדיק אראָפ די קעפ, ווי מ'וואָלט זיי געכאפט בא א פארברעכנ, אײַלנ זיך צו און באמיִענ זיך אוועקצוגיינ פונ די באליידיקנדיקע זידלערײַענ.

— האלט זיי! אטו! — שרײַענ די טרעגער זיי נאָכ.

נאָכ אזא מינ באָד ווײַזט זיך שוינ דאָס ווײַב מער ניט באמ האפנ און לאָזט דעמ מאנ פרײַ טונ מיטנ געלט, וואָס ער וויל.

אמאָל גייענ מיר א גרופע נאָכ דער ארבעט אינ א שענק. מיר טרינקענ, ביז עס סטײַעט געלט, פארזעצנ דאָס אָנטונ און די שיכ און קערנ זיך אָפּט אומ אהיימ אינ איינ שמוציק אונטערשט וועש. אָפטמאָל ענדיקנ זיך אזוינע באזוכנ מיט א סקאנדאל, מיט א געשלעג, מיט מעסער־שטעכנ און מיטנ פאָליציי־צירקל.

אמאָל גייט די פריילעכע קאָמפאניע אוועק זוכנ ליבע אינ דעמ באָענטנ שאנד־הײַזל בא סאָנקע דער קירפאטער. איינעמ אליינ איז געפערלעכ פארבײַצוגיינ לעמ אָט דער לאָכ אפילע באטאָג. מ'וועט דיכ געוויס אויסטונ, בארויבעווענ. דאָ איז דער שטאב פונ די ספעציאליסטנ אפ „נאסע” שטיקלעכ ארבעט און פונ דריטסאָרטיקע כיפעסניצעס. דאָ איז אומבאשרײַבלעכ שמוציק, און עס שטינקט, אז ס'ווערט אזש ניט גוט. קראנקע פרויענ, אָפגעניצעוועטע, ווי אלטע קאלאָשנ, גיבנ אָפ פאר אלעמענ אינ די אויגנ פאר א גלעזל בראָנפנ זייער אלט קראנק לײַב.

אינ פארגלײַכ מיט אָט דעמ געשטאנק קאָנ אפילע מײַנ אײגענע פּאָליצײסקע גאס אויסזענ, ווי די העכסטע קולטור.

אמאָל פארברענג איכ אנ אָוונט באמ שנײַדער מײער קאפּלאנ, ווו איכ פארזיצ זיכ אָפּט בא לעבעדיקע שמועסנ אונ דיסקוסיעס אפּ פארשײדענע טעמעס ביז שפּעט אינ דער נאכט ארײַנ. דאָ לעב איכ אופ, ווער לעבנסלוסטיק, שפּאס אונ פארגעס די שוידערלעכע ווירקלעכקײַט אינעמ האפנ אונ אינ זײַנ אומגעבונג.

מײער הערט אופמערקזאמ מײַנע דערצײלונגענ וועגנ דעמ לעבנ אינ האפנ, ער רעאגירט לעבעדיק אפּ יעדער געשעעניש, רײַסט מיכ איבער, פארשיט מיכ מיט פראגעס. אנ אומדערמידלעכער, א לעבעדיקער, מיט א טונקל געזיכט, אפּ וועלכנ עס זיצנ טיפּ צוויי גרויסע אויגנ, מיט לאנגע שווארצע האָר, פארקעמט אפּצוריק, מאכט ער אפּ מיר א באצויבערנדיקנ אײַנדרוק.

זײַנע פראגעס קלינגענ גוואלדיק אופריכטיק אונ זײַנענ דורכגעדרונגענ מיט ווארעמער ליבע אונ מיט מוטערלעכער זאָרג.

— ווי איכ זע, איז דיר, פרײַנט מײַנער, אינ האפנ ניט לײַכט. ווארפּ אימ אוועק צו אלדע רוכעס. אונ ביז דו וועסט ניט קריגנ עפּעס אנ אנדער ארבעט, וווינ בא מיר...

מײער דערמאנט מיר דעמ פארשטאָרבענעמ שאָלעמענ. אינ זײערע כאראקטערנ איז פאראנ עפּעס אלגעמײנס. דער אונטערערד האָט זיכ זײַנ ספּעציפישנ פארבאָרגענעמ שטעמפּל, וועלכנ ער לײגט ארופּ אפּ יעדערנ, וואָס דערנעענטערט זיכ צו אימ. די זעלבע גוטסקײַט אָנ א גרענעצ, ווי בא שאָלעמענ, די זעלבע ווײכקײַט אונ דער זעלבער שטאָלענער ווילנ, וואָס בײגט זיכ ניט, א פלאקערנדיקע סינע צו דער זעלבסטהערשונג אונ צו די עקספּלואטאטערס אונ א געזונטער אומויסשעפּלעכער אָפּטימיזמ. אונ איכ דערנעענטער זיכ מיט מײערנ, פּונקט ווי פריִער מיט שאָלעמענ.

— עס איז ניטאָ אזא קראפט אפּ דער וועלט, וועלכע זאָל קאָנענ אָפּשטעלנ אונדזער באוועגונג, — האָט ער מיכ אינ שווערע מינוטנ דערמוטיקט. — אונ אָט דער זיג איז שוינ ניט ווײַט. ווי

זאָגט עס דאָרטן גאָרקי: „זאָל גיכער אָנלויפֿן דער שטורעם!״ צי פֿילסטו זײַן דערנעענטערונג? איך פֿיל עס פֿיזיש. אין יעדער שאָרך הער איך זײַן שווערן טריט. עס וועט אויסברעכן א שטורעם און וועט אָפּווישן פֿון דער ערד די גאַנצע אומרייניקייט. ער וועט, ווי א גוטע באַלעבאָסטע, אַרײַנקוקן אין יעדער ווינקעלע. ער וועט אינערגעץ ניט לאָזן קיין שטויבעלע, קיין ברעקעלע מיסט. עס וועט ווערן לײַכט צו אָטעמען, ווי נאָך קיינמאָל ניט...

איך האָב מײַערן דערציילט וועגן שאָלעמען און סלאַוועַן, וועגן זייער רומרײַכן לעבן און העלדישן טויט. איך האָב אים דערציילט וועגן דעם אַלטן פֿריילעכן קיטײַטשיק און וועגן זײַן טראַגישן סאָף. מײַער האָט מיך אויפֿמערקזאַם געהערט.

— יאָ, יאָסעף, — האָט ער מיך באַרויִקט, — אונדזער וועג איז ניט לײַכט. פֿאַר יעדן טראָט אירן פֿאָרויס צעצאָלט זיך די מענטשהײַט מיט איר בלוט. די אַלטע וועלט גייט קיינמאָל פֿרײַוויליק ניט אַוועק. מ׳מוז זי דערווײַטערן מיט קראַפֿט, ווי א פֿוילן צאָן פֿון דעם מויל, אויסשנײַדן, ווי א געשוויר אפֿן לײַב.

אַמאָל שפּאַציר איך מיט מײַערן איבער די גאַסן, באַזונדערס שאַבעס. אַלטע באַקאַנטע בילדער שווימען איינס נאָכן אַנדערן אַרויס פֿאַר אונדז.

צוויי רייען שטיבלעך שטייען אף ביידע זײַטן וועג אומעטיק, ווי אף די קני, ווי בלינדע בעטלער אפֿן מאַרק.

— גיט א בלינדן מאַן א נעדאָווע, — אָט־אָט, אַזוי ווײַזט זיך אויס, וועלן אייניקאָניק א זינג טון אָט די ניטגעזונטע, קרומע און בלינדע הײַזלעך.

דעם פּאַן קוטשינסקיס כאַזײַרים גייען פֿרידלעך אַרום איבער דעם אויסגעטריקנטן ריוו, רײַבן זיך אינעם בריקל, נישטערן מיט די מײַלער אין דער שטינקענדיקער געדיכטער בלאָטע און כריוקען. דער גרויער האָן מיטן גרויסן קאַם, ווי א דזשורנע פּײַערלעשער אינעם קופּערנעם העלם, שפּאַצירט ערנסט אַרום אפֿן פּלויט. דער־

זעענדיק אונדז, הייבט ער ראשיק אוף א טומל, קלאפט מיט די פליגל און שרייט ווילד.

קיטייטשיקס פאריאָסעמט הייזל האָט זיך מיט דער צייט נאָך מער איינגעהאָרבעט און איז נאָך טיפער ארייַנגעוואָקסן אין דער ערד. דער הילצערנער דאך, וואָס איז באדעקט מיט שווארצן מאָך, האָט זיך אראָפּגעלאָזט אפן הייזל, ווי א פּאָטערס א היטל אפן קאָפּ פון א קינד, און האָט אונטערן דאשעק צוגעדעקט די קליינינקע אייגעלעך — די פענצטערלעך.

א שמוציק בינטל קינדערלעך מיט בלאסע פּענעמער און גרויסע אויגן פאָרעט זיך אינמיטן גאס. זיי בויען פון זאמד פעסטונגען, האלטן מילכאָמע איינס מיטן אנדערן און הייבן אוף א געדיכטן און שארפן שטויב. טעוויע דער מעלאמעד גייט מיט העפט פארלייגט אפ הינטן פּייערלעך אין בעסמעדרעש ארייַן דאווענען מינכע.

— שקאָצים! — מימעג דען אום שאבעס טראָגן זאמד? — וואָרטשעט ער. — די הענט זאָלן בא אייַך אָפּדארן. גייט בעסער אין שול אריין דאווענען...

— איר ווילט, רעב טעוויע, א קוק טון, וואָס ס'טוט זיך אפן אלטן שליאך? — זאָגט מאָטל בייטש. — דאָרט שלאָפן יידן אום הייליקן שאבעס מיט שיקסעס. איר וואָלט זיי בעסער געשיקט אין בעסמעדרעש אריין, און ניט די קינדער, וועלכע פארשטייען גאָרניט...

— מאך צו דייַן פארפוילטן פּיסק, מארעוויכער! איינגעזונקען זאָלסטו ווערן, אויסוורף! — שפּייט אויס דער אלטער טעוויע און פארגיכערט די שריט.

לעמ זיין שטוב אפ דער פריזבע זיצט אין איינע הויזן און אין א היטל מענדל דער קאטערינשטשיק. ער דרעסירט אויס א נייעם פּאָפּוגייַ, וועלכער שטייט, שאָקלענדיק זיך, אפ זייַנע קני.

— זאָג, פּאָפּקע: „מענדל״ — לערנט אים דער קאטערינשטשיק.

— מ־ר־ד־ר, — ענטפערט דער פּאָפּוגייַ.

— קאָנסט ניט געפינענ קיינ אנדער טאָג אכוצ שאבעס, ווענ זיכ צו פארנעמענ מיטנ פויגל? — באמערקט רעב טעוויע. — זאָג בעסער א פאָר קאפיטלעכ טילים.

— איכ האָב אזויפיל יאָר געזאָגט טילים, אָבער איכ האָב דערפונ קיינ קאָפיקע ניט געהאט. אונ דער פאָפוגײַ האָדעוועט מיכ, רעב טעוויע, — ענטפערט דער קאטערינשטשיק.

— אלטער גוי, מעשומעד, — זידלט אימ רעב טעוויע אונ גייט אוועק.

איכ אונ מייער גייענ שווײַגנדיק פארבײַ אָט די בילדער. יעדערער איז פארטיפט אינ זײַנע געדאנקענ.

— פארוואָס, מייער, רופט בא מיר ארויס אָט דאָס דאָזיקע פוילע אלטווארג, וואָס דארפ אָפגעראָמט ווערנ פונ דער ערד, אסאכ רויִקערע געפילנ, ווי קאצענעלנסאָנס קולטורעלע הײַזער? — ווענדע איכ זיכ צו מײַנ כאווער.

— וועגנ וואָס רעדסטו, יאָסעפ? איכ פארשטיי דיכ ניט.

— איכ רעד וועגנ אָט די אויסגעקרימטע הײַזלעכ, וועגנ די פעטע וואנצנ אונ די מאָגערע מענטשנ, וואָס וווינענ אינ די הײַזלעכ, וועגנ דעמ אווער אונ שמוצ, וועגנ דער געדיכטער פינצטערניש אונ אמראצעס, וועגנ רעב טעוויענ אונ בײַטשנ. דאָס אלצ מוז אָנ ראכמאָנעס פארניכטעט ווערנ, מיטנ וואָרצל אויסגעריסנ ווערנ, פארברענט ווערנ ביזנ גרונט. דאָס פארשטיי איכ גוט. אָבער דאָכ פיל איכ זיכ עפעס דאָ מער מענטש, ווי בא די שטיינערנע הײַזער אינ צענטער שטאָט... פריִער, ווענ איכ בינ געווענ א קינד, האָב איכ דאָ גאָרניט באמערקט. אלצ איז געווענ געוויינלעכ אונ האָט ניט ארויסגערופנ קיינ שומ ספייקעס. אונ איצט ווארפט זיכ יעדער קלייניקײַט אונ די אויגנ, וועקט אופ אָנ א שיר דערינערונגענ. די שווערע איבערלעבונגענ פונ דער קינדהײַט, וואָס קומענ אופ אינ זיקאָרנ, געבוירנ ווערנדיק, אזוי צו זאָגנ, א צווייט מאָל, רופנ ארויס מיטגעפיל צו זיכ אליינ אונ א שטילע רויִקע שטימונג. באגעגענענדיק זיכ דאָ מיט יאָסקענ דעמ

קינד, באַרויִקט אים דער דערוואַקסענער יאָסעפ, ווי אַן אייגענע מוטער, מיט גוטע און צוגעלאָזטע רייד. דאָס ייִנגל יאָסקע הערט דאָס ערשטע מאָל, זאָל זײַן מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג, אָט די צערטלעכע ווערטער. אָט דאָ, אָפּ אָט דעם אָרט, באַ דער פּרײַכאָדסקע שול האָבן ייִנגלעך פון דער שיקערער סלאָבאָדקע מיך איינמאָל שווידערלעך געשלאָגן. קיינער האָט דעמלט ניט געזען מײַנע טרערן — איך האָב ביטער געוויינט. און איצט זע איך זיי און פיל מיט דעם געשלאָגענעם ייִנגל. און דעם ייִנגל איז לײַכטער, כאָטש דער דאָזיקער מיטגעפיל האָט פאַרשפּעטיקט אַפּ גאַנצע אָנדערהאַלבן צענדליק יאָר... אָט איז דער ברונעם מיטן זשוראַוועל. מיר פלעגן זיך אָפּט מיט דער כעוורע איבערבייגן איבער זײַן נידעריקן קאַסטן, פלעגן שפּײַען אין וואַסער אַרײַן און שרײַען, איבעררופנדיק זיך מיטן פאַרטויבטן ווידערקאָל אינעם ברונעם...

און איבעררײַסנדיק די פּראָזע, גיי איך אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין צו צום ברונעם, בייג זיך אײַן איבער אים און קוק אין דער שוואַרצער וואַסער אַרײַן. פונעם האַרצן רײַסן זיך אומגערן אַרויס שטילע קלאַנגען:

— יאָסקע...אַ־אַ!

— אַ־אַ־אַ! — רופט זיך אָפּ דאָס ווידערקאָל.

— מייער...אָר־אָו!

— מע־אָר־אָו...

— נו, ביסטו אַ שטיפער, יאָסעפ, פּונקט ווי אַ קינד! — לאַכט מייער פון מײַן אומדערוואַרטעטער שטיפערײַ.

— איך האָב ליב, מייער, — זעץ איך פאָר דעם איבערגעריסענעם שמועס, — זיך צו דערמאָנען אין מײַן קינדהײַט. זי לערנט מיך לעבן. זי לערנט מיך ניט בלויז ליב צו האָבן, נאָר אויך צו האַסן. אַך, ווי מע פלעג מיך אין דער קינדהײַט שלאָגן, מייער! ווער נאָר האָט מיך ניט געשלאָגן און פאַרוואָס נאָר האָט מען מיך ניט געשלאָגן! עס האָט געשלאָגן דער טעמפּער, ווילדער רעבע.

עס האָט געשלאָגן דער שול־שאַמעס פּאָשעט דערפאַר, ווײַל אים לעבט זיך שלעכט אַפ דער וועלט. עס האָבן געשלאָגן די כאַוויירים אויס אומעט און פריידן. עס האָבן געשלאָגן די פײַנט. עס האָט געשלאָגן די אייגענע מוטער, ווײַל אַפ איר נעשאָמע איז שטענדיק געלעגן אַ שווערע שוואַרצע כמאַרע פון אַ גרויסן אומגליק, וועלכער האָט פאַרטונקלט איר באַוווסטזײַן. מ׳האָט מיך געשלאָגן דערפאַר, ווײַל איך בין אַ ייִד, דערפאַר ווײַל איך בין געבוירן געוואָרן אַן אָרעמאַן און פלעג אַמאָל אַ הונגעריקער גאַנוועגן ברויט... דאָס דאָזיקע שטענדיקע טעמפּע שלאָגן האָט מיך פאַרביטערט. איך האָב פײַנט געקריגן אַלץ אין דער וועלט. מיט וואָס פאַר אַ צופרידנקײַט און סינע פלעג איך וואַרפן שטיינער נישט בלויז אין הינט, קעץ און הינער, נאָר אויך אַפ דורכגייער! מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן פלעג איך צעקלאַפּן די לאַמטערנס אַפ די גאַסן, די שויבן אין די קלייטן! מיט וואָס פאַר אַ היץ פלעג איך באַנאַכט אַראָפּרײַסן די שילדן און זיי וואַרפן אין בלאָטע! איך פלעג אַרומבלאָנדזען אַ הונגעריקער איבער דער שטאָט, פלעג זוכן ברויט, אָבער איך האָב אינערגעץ קיינמאָל נישט באַגעגנט קיין מינדסטע זאָרג, קיין סימען פון מיטגעפיל. וועמען פון די, וועלכע האָבן געקאָנט אָנהאָדעווען אַ הונגעריק קינד, בין איך אָנגעגאַנגען? אָבער עס האָבן זיך געפונען אַנדערע מענטשן, וועלכע האָבן זיך מיט מיר אינטערעסירט. דאָס זײַנען געווען די ברידער בײַטש. זיי האָבן מיך גענומען אין זייערע הענט און האָבן פון מיר געקנאָטן, וואָס זיי האָבן געוואָלט. דער הונגער האָט בײַ מיר אָפּגענומען מײַנע קינדערשע קויכעס, האָט אויפגעפרעסן מײַן שוואַכינקן ווילן, און איך בין אוועקגעגאַנגען אַפן וועג פון מײַנע נײַע דערציִערס. אַפ דעם דאָזיקן וועג איז מיר פאַרגעשטאַנען טורמע און שאַנד. אָבער ווער האָט געדאַרפט האָבן מײַן אַזויגערופענע פרײַהײַט און אָרנטלעכקײַט אויס הונגער? דער נײַער וועג, ווידער, האָט מיר געגעבן רעאַל ברויט, יעדנפאַלס אין פאַל פון דערפאָלג...

— אַ פאַרשאָלטן לעבן! — זיפצט מייער. — אונדזערע קינדער

וועלן ניט גליבן, אז ווען ס'ניט איז איז אפ דער ערד געווען אזא לעבן...

— דו זאָגסט, די קינדער וועלן ניט גלייבן! איך אליין גלייב אמאָל ניט, אז אפ אונדזער „קלוגער" ערד קאָן עקזיסטירן אזא לעבן. אפ אזויפיל ווילד, עקלהאפט און נידעריק איז דאָס אלץ!

מיר שפאצירן נאָך לאנג ארום איבער די גאסן. מיר גייען זיך שפעט פאנאנדער. איך לייג זיך אפ די נארעס אין פאָדערהויז, אָבער איך קאָן ניט אנשלאָפן ווערן. די שווערע בילדער פון דער קינדהייט קריכן אומגעבעטענערהייט אין קאָפּ ארײַן, דריקן אפן מויעך און פארטרײַבן דעם שלאָף. איך מוז פרי אופשטיין. וויאַזוי וועל איך מאָרגן ארבעטן?

איך בין ווידעראמאָל אפ אונטערערדישער ארבעט: באטאָג ארבעט איך אין האפן, און אינאָוונט און באנאכט העקטאָגראפיר איך בלעטלעך, פיר שמועסן מיט די ארבעטער, שטרײַט מיט די בונדאָווצעס.

מיר גרייטן זיך צום ערשטן מײַ. אינעם קליינעם ווינקל בא מײַערן האָבן זיך צונויפגעזאמלט א מענטשן אכט, דערינטער אויך עטלעכע בונדאָווצעס מיטן געוועזענעם „יִדישן פאָליצמייסטער" נאכמען יוכבערג אין דער שפיץ. מייער לייגט פאָר זיך ווענדן צו די ארבעטנדיקע מיט א רוף צו שטרײַקן אין אָט דעם טאָג, נאכמען דערווידערט.

— קיינער וועט אונדז ניט פאָלגן,—זאָגט ער,—און מיר וועלן זיך דיסקרעדיטירן. און אויב א צוויי־דרײַ מעשוגאָיִם וועלן אונדז פאָלגן, וועלן זיי גלײַך צומאָרגנס אָפּגעזאָגט ווערן פון דער ארבעט און וועלן ארעסטירט ווערן. מ'טאָר זיך ניט שפילן מיט פײַער. מ'דארף צוגרייטן די זאך און די מענטשן און דערנאָך שוין טון.

— צוגרייטן מענטשן קאָן מען בלויז דורך אקטיווקײַט,— דערווידערט מייער.—די פאסיווקײַט אנטוואָפנט. מ'דארף אָרגאניזירן די ארבעטער ארום באשטימטע קאַמפּ־לאָזונגען... אין וואָס

פאר א לאגע וועלן מיר זיך אנידערשטעלן, ווען מיר וועלן זאָגן צו די ארבעטער: „היינט, כאווערים, איז דער צווישנפעלקערלע־כער פראָלעטארישער יאָנטעוו. דער ארבעטער־קלאס פון דער גאנצער וועלט דעמאָנסטרירט אין אָט דעם טאָג איבער די גאסן זיינע קויכעס. אָבער איר ריפעט זיך ניט, וואָרפט ניט אוועק די ארבעט, ארבעט, גייט אָפּ מיטן שוויס, ווייל אייערע באלעבא־טים געפעלן ניט די ארבעטער־יאָנטויווים, און זיי קאָנען אייך דערפאר אָפּזאָגן, און די פּאָליציי און די אָכראנקע קאָן אייך ארייננזעצן„ אין קאָטשומענט?" א שיינע מאָבּיליזאציע פון קויכעס!

א גאנצע נאכט האָבן מיר זיך געשפּארט מיט נאכמענען און האָבן צו קיין שום אויסגלייך ניט געקאָנט קומען. מיר האָבן בא־שלאָסן זיך אָפּזאָגן פון א געמיינזאמער ארויסטרעטונג און אליין אָרגאניזירן א דעמאָנסטראציע און א שטרייק. די גאנצע צוגריי־טונג פון אָט דער זאך האָט מייער גענומען אף זיך. ער האָט זיך צונויפגעבונדן מיט די ארבעטער, האָט געגעבן דירעקטיוון, צעשטעלט די מענטשן, פאנאנדערגעארבעט א פּינקטלעכן ארבעט־פּלאן...

ענדלעך איז שוין ערעוו דעם ערשטן מיי. דאָס פלוג־בלעטל, וואָס מיר האָבן ארויסגעלאָזט, האָט געהאט א ווירקונג. די גאנצע שטאָט האָט גערעדט וועגן דעם מאָרגנדיקן טאָג, אייניקע מיט סינע, אנדערע מיט האָפענונג. מ'האָט דערמאנט די אלטע מיי־באריקאדע. די פּאָליציי איז שוין זייט עטלעכע טעג געווען אף די פיס. זי האָט ארומגענישטערט איבער די גאסן, האָט אָפּגע־שטעלט די דורכגייער, האָט באזוכט, געמאכט אָבלאוועס אין טעאטער, אין שטאָט־גאָרטן און אין אנדערע געזעלשאפט־לעכע ערטער. באם זאוואָד און בא די גרעסערע ווארשטאטן האָבן זיך ארומגעדרייט איבערגעטאָנענע שפּיקעס, זיך צוהערנדיק צו יעדער שאָרך, ארומשמעקנדיק יעדער מענטשן.

איך און מייער האָבן שפּאצירט אף דער הויפּטגאס, ווו עס האָט זיך געפונען אונדזער „בירזשע". די פּאָליציי־פּאָסטנס זיינען

פארשטארקט געוואָרנ. אומעטומ האָט זיכ געפילט אנ אָנגעצויגנ־קײַט! מיר זײַנענ געווענ אינ א געהויבענער שטימונג. עס איז געווענ פריידיק צו קוקנ, וואָס פאר א שטארקע צעטומלונג מיר האָבנ געמאכט צווישנ דער פּאָליציי בלויז מיט איינ פּראָקלאמאציע.

— נו, זײַנענ זיי איילוענ, — האָב איכ געזאָגט צו מייערנ. — עס גלוסט זיכ טאקע אזוי־אָ צוגייג צו אָטאָ די פאראאָנעס אונ זיי א געשריי טונ אינ פיזיאָנאָמיע ארײַנ: „צי ווייסט איר, בלוט־צאפּערס, ווער עס האָט אײַכ אזויפיל קלאָפּאָט פארשאפט? דאָס האָבנ מיר געטאָנ... אָט שטייענ מיר פאר אײַכ, אונ איר זעט גאָרניט ניט...”

אונ מיר האָבנ צופרידענע אונ פריילעכע געלאכט...

— א, ציקאווע, וואָס וועט זײַנ מאָרגנ, — האָט מייער געזאָגט. — אלע זײַנענ זיכער, אז די זאוואָדנ אונ פאבריקנ אונ קימאט אלע ווארשטאטנ וועלנ שטרײַקנ אונ דעמאָנסטרירנ. די שטימונג פונ די ארבעטער איז א קעמפערישע. די ערשטע פּאָליטישע ארויסטרעטונג נאָכ פינפטנ יאָר. עס איז נייטיק, זי זאָל זיכ אײַנגעבנ.

— זי וועט זיכ געוויס אײַנגעבנ. ס׳א באגײַסטערונג אונדזער ווענדונג האָט ארויסגערופנ צווישנ די ארבעטער! אסאכ פונ זיי האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז אלצ איז אפּ שטענדיק פארלוירנ געגאנגענ. אונ פלוצעמ א הויכע שטימ, א קאמפּ־רופ פונעמ אונטערערד: מיר לעבנ, מיר זײַנענ גרייט צומ קאמפּ! שטעלט זיכ אינ די רייענ! פאָרויס צומ קאמפּ מיט דער אלטער וועלט!

— אינ דעמ באשטייט דאָכ דער גאנצער זינ פונ אונדזער אופרופ, אונ די בונדאָווצעס ווילנ ניט אונ קאָנענ עס אפּ קיינ פאל ניט פארשטיינ... די מאָרגנדיקע ארויסטרעטונג וועט האָבנ א קאָלאָסאלנ באדײַט.

מיר האָבנ זיכ צעשיידט. איכ בינ אוועקגעגאנגענ אהיימ, פאָרשטעלנדיק זיכ דעמ מאָרגנדיקנ טאָג אינ די שענסטע פארבנ.

אפנ ראָג פונ פּאָליצייסקע אונ אינוואלידנע גאס האָט מיכ אָפּגעשטעלט אנ אָפּטייל גאראָדאָוויעס, וואָס האָט מיט אנ אָקאָלאָ־

דאָטשנע נאדזיראטעל אין דער שפּיץ געמאכט דעם באנאכטיקן דורכקוק איבער די גאסן.

— שטיי!

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט.

— ווער ביסטו?

איך האָב געענטפערט.

— פונוואנען און וווּהין גייסטו?

— איך האָב שפּאצירט און גיי אהיים.

— קיין געווער האָסטו ניט?

מ׳האָט מיך באזוכט, מ׳האָט בא מיר געפונען א צײַטונג. איך האָב זיי אויסגעוויזן צו זײַן פּארדעכטיק. מ׳האָט מיך געשלאָגן און אָפּגעפירט אין פּאָליציי־צירקל.

דער האלב־שיקערער דעזשורנע נאדזיראטעל האָט מיך אויסגעפרעגט. אַף מײַנע אָנקלאָגעס אַף די גאָראָדאָוויעס האָט ער געענטפערט מיט גאָר פײַנע זידלערײַען און האָט מיר געדראָט, אז איך וועל פארפוילט ווערן אין טורמע.

— איר שלײַעט זיך ארום איבער די גאסן, ווען מ׳דארף ניט, איר האלט אונדז אין איינ באומרויקן. איר לייענט צײַטונגען... קלוגע אזעלכע געוואָרן... איר זײַט קעגן דעם קייסער, א רועכ אין אײַער מאמענ ארײַן... צעשיסן אײַך איז ווייניק... אַף די גאָראָדאָוויעס קלאָגט איר זיך. מ׳קאָן מיינען, ריר זיי ניט אָן! עפשער וועט איר באפוילן, מ׳זאָל זיך פאר אײַך בוקן...

צוויי טעג בין איך געזעסן אין פּאָליציי־צירקל. אפן דריטן טאָג נאָכן נײַעם אויספרעג האָט מען מיך אריבערגעפירט אין טורמע ארײַן.

די שוועל פון מײַן קאמערע בין איך איבערגעטראָטן א שטאָל־צער. ווען אנדריי איז נאָכן דערהארגענען דעם פּראָוואָקאטער מיילעך פארשיקט געוואָרן אַף קאטאָרגע, איז מיר פאר אים גע־ווען שרעקלעך, אָבער אין דער זעלבער צײַט האָט זיך בא מיר־

ערגעצ אינ טיפעניש פונ דער נעשאָמע גערודערט אנ אומפארשטענדלעכ געפיל פונ קינע צו אימ.

ווענ די שווערע טיר פונ מײַנ שטײַג האָט זיכ נאָכ מיר צוגעמאכט, האָב איכ זיכ אָפּגעשטעלט אינ דער מיט קאמערע, האָב זי באטראכט פונ אלע זײַטנ אונ האָב אָנגעהויבנ צו שפּאנענ פונ ווינקל צו ווינקל. אינגיכנ איז מיר דאָס ארומגיינ נימעס געוואָרנ, איכ האָב זיכ אנידערגעזעצט אפּ א טאבורעט לעמ דער וואנט. אָבער איכ האָב לאנג ניט געקאָנט אײַנזיצנ אפּ אנ אָרט. איכ האָב זיכ אופגעהויבנ אונ האָב נאָכאמאָל גענומענ שפּאנענ איבער דער קאמערע.

מיכ האָט געמוטשעט די פראגע ווענג דעמ, וואָס איז פאָרגעקומענ דעמ ערשטנ מײַ, אונ איכ האָב טעמפּ פאָרגעזעצט ארומצוגיינ פונ ווינקל צו ווינקל, זיכ ווייטעקדיק בײַסנדיק די ליפּנ. איכ בינ געווענ גרייט צו צעטראָגנ די ווענט פונ מײַנ שטײַג. אָבער זיי זײַנענ געווענ שטארקער פונ מיר. א מידער האָב איכ זיכ אנידערגעלייגט אפּ די נארעס אונ האָב געשאָלטנ די טורמע־לײַט. מײַנ געפיל פונ שטאָלצ איז גיכ צעשמאָלצנ, אונ איכ האָב אָנגעהויבנ ארײַנפאלנ אינ טרויער.

— ווי נאריש דאָס אלצ האָט זיכ באקומענ, — האָב איכ געטראכט, — צופעליק ארײַנגעפאלנ צו זיי אינ די לאפּעס. וויפל וועלנ זיי מיכ דאָ האלטנ? פארשאָלטנ זאָלנ זיי דאָ ווערנ!

אינ צענ טעג ארום האָט מענ דעמ פּאָטער דערלויבט א זעונג מיט מיר. ער האָט מיר פעסט א דריק געטאָנ די האנט, געפרעגט ווענג געזונט, וויאַזוי איכ פיל זיכ, האָט מיכ דערמוטיקט אונ האָט מיכ דערפרייט, מיטיילנדיק ווענג דעמ דערפאָלג פונעמ שטרײַק אונ פונ דער ערשטמײַיקער דעמאָנסטראציע.

ריידנ אסאכ אונ אָפנ איז געווענ אומעגלעכ—מיר זײַנענ ניט געווענ אליינ. דאָ איז אויכ געווענ די וואכ, אונ דעמ שמועס האָבנ מיר געפירט אָפּגעריסנ, פארשטעלט, איבערשפּרינגענדיק פונ איינ ניטפארענדיקטנ געדאנק צומ אנדערנ.

— ווי פילסטו זיך? דײַן ארעסט האָט אונדז אַלעמען פאַר־כידעשט... קיינער האָט ניט געוווסט און ניט געקאָנט פאַרשטיין, וויאַזוי דאָס האָט זיך באַקומען... צי האָט מען בא דיר עפּעס געפונען? די באַקאַנטע באַמרויִקן זיך. זיי זײַנען אַלע אפ דער פרײַ, כאָטש דעם ערשטן מײַ איז געווען אַסאַך ארעסטן. וואָס האָט מען דיך געפרעגט אפן פאַרהער?

— און וויאַזוי איז דורכגעגאַנגען דער ערשטער מײַ?

— די זאַוואָדן זײַנען געשטאַנען, די וואַרשטאַטן האָבן ניט געאַרבעט. אוילעם איז אפ דער דעמאָנסטראַציע געווען אָן א שיר... די פּאָליציי האָט זיך געוואָרפן אין אַלע זײַטן, ווי א פאַרטשור־מעטע, זי האָט זיך שוין צו שטאַרק פאַרלאָרן...

— און די מאַמע וואָס מאַכט?

— פרעג ניט, זי שלאָפט ניט גאַנצע נעכט, וויינט אַלץ, זי מאַכט פון זיך א טעל.

— גיב איר איבער, אז מיר איז דאָ שוין ניט אַזוי שלעכט. זאָל זי זיך באַרויִקן. דאָס צווייטע מאָל קומט צו גיין אינצווייען... וואָס מאַכן די קינדער? דו האָסט אַרבעט?

פאַרן אַוועקגיין האָט דער פאָטער מיר נאָכאַמאָל שטאַרק געדריקט די האַנט.

— זײַ געזונט, יאָסעפ. פאַל בא זיך ניט אראָפּ... איך דאַרף דאָך דיך ניט לערנען. האָסט שוין איבערגעהאַט שווערערע צאָרעס... פאַרגעס ניט, דאָס פּעקעלע פאַר דיר איז באַם דעזשורנע. א גוטן.

— זײַ געזונט, טאַטע. גיב איבער א גרוס די כאַוויירים...

בא צוויי כאָדאָשים האָט מען מיך געהאַלטן אין טורמע, ניט אַרויסשטעלנדיק קעגן מיר קיין שום באַשולדיקונגען. דערנאָך האָט מען מיך אַרויסגעלאָזט אפ אַלע פיר זײַטן.

אינדערהיים האָב איך ניט געהאַט וואָס צו טון. אומקערן זיך צוריק אין האַפן האָט זיך ניט געגלוסט, און מ'וואָלט מיך אהינצו גאָר דער טורמע צוריק ניט גענומען. אין אָרגאַניזאַציע האָב איך

ניט בעקאַנט ארבעטן אַקטיוו. איך האָב זיך געפונען אונטער א געהיימער אופזיכט, און עס איז געווען א געפאר דורכצוואלגערן די אָרגאניזאציע. איך האָב באשלאָסן צו פארלאָזן מײַן געבורט־שטאָט און זוכן גליק אין דער פרעמד.

מיט דרײַ רובל אין קעשענע האָב איך זיך געלאָזט פון דער היים.

די מאמע האָט מיך באגלייט, ווי אפן בייסוילעם.

— וויאזוי וועסטו לעבן אין א פרעמדער שטאָט, בא פרעמדע מענטשן? ווער וועט נאָך דיר נאָכקוקן? וועסט קראנק ווערן, ווער וועט דיר ברענגען א דאָקטער? וואָס איז דיר שלעכט אינדערהיים? בלײַב דאָ! מ׳דארף אינערגעץ ניט פאָרן...

— באומרויִק זיך ניט, מאמע. איך פאָר זיך דאָך לערנען... איך וועל אָפּגעבן עקזאמען, איך וועל אָנקומען אין אוניווערסיטעט און וועל זײַן א דאָקטער.

דער מוטערס פּאָנעם האָט אופגעלויכטן. עס איז זיך אָפּ דעם צעשוומען א פריידיקער שמייכל. איר הייליקסטער טרוים וועט איינגיכן אָנעמען א מאמאָשעסדיקע פאָרם, איר עלטערער זון פאָרט זיך לערנען, זי וועט נאָך דערלעבן און וועט אים זען א דאָקטער.

— איך זאָג דאָך גאָרניט... דאָס איז אזוי זיך... שרײַב נאָר אקוראט בריוו און האלט זיך ווײַטער פון די דאָזיקע ציצי־ליסטן... זיי וועלן דיך צו קיין גוטס ניט פירן...

איך זאָג איר צו צו זײַן אקוראט, און זי גלעט מיך איבער די באקן און איבערן קאָפּ, קושט מיך אין שטערן. און גרויסע שטילע טרערן גיסן זיך פון אירע אויגן אפּ מײַן געזיכט.

— אָ, מײַן גוטע מאמע!

— זײַ געזונט, טײַערע!

דער צוג רירט זיך: די היימישע גאס מיט אירע געסלעך און בייסוילעם בלײַבן הינטער מיר.

אינהאלט

ז. ז.

ערשט קאפיטל — אונדזער גאס 5
צווייט " — אונדזער הויז 26
דריט " — מײַנ לערע 50
פערט " — מײַנע כאוויירימ 79
פינפט " — א פרישער ווינט אפ דער גאס . . . 101
זעקסט " — פרילינג אפנ הויפ 120
זיבעט " — דאָס ליד פונ די לידער 140
אכט " — א שטורעמ איבער דער שטאָט . . . 155
נײַנט " — דער פאָגראָמ 177
צענט " — אנ אויג פאר אנ אויג 198
עלפט " — א שווערער ווינטער 214
צוועלפט — ספינאָזע אינ דער שנײַדער 237